NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10021

A MODNE MEYDL FUN BRUKLIN ; GIRIGUMBAL DER GROYSER

David Rodin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ראָדין

א מאָדנע מיידל פון ברוקלין

פאַרלאַג י. ל. פּרץ ישראל

תל־אביב תשל״ג — 1973

Max and Rebecca Askotzky
Memorial Library

DAVID RODIN

A MODNE MEYDL FUN BROOKLYN

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

דוד ראָדין / אַ מאָדנע מיידל פון ברוקלין

פאַרלאַג י. ל. פרץ,
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

COPYRIGHT 1973
BY
ALI LEVIN
BEIT HERUTH, DOAR KFAR VITKIN
ISRAEL

אַלע רעכט צו איבערזעצן, פילמירן און אינסצעניזירן געהערן צום מחבר

נדפס בישראל תשל״ג

Printed in Israel 1973

דפוס „אור״ בע״מ ת״א, שד׳ הר־ציון 104. טל. 822481

געווידמעט

אונדזערע צוויי טעכטער

מ ע ר י און **נ אָ ר אַ**

ווועמענס בעסטער חבר איז —
פון זייער פריסטער יוגנט אָן
און נאָך ביז היינט צו טאָג —
דאָס בוך.

אַ וואָרט פון מחבר

מאָטאָ: ...האָב אין זינען די צייטיקע יאָרן
פון דעם איצטיקן קינד —
סיי ווען דו רעדסט צו אים און
סיי ווען דו דערציילסט אים.

איך ברענג דאָ צוויי ביכער אין איין באַנד:

1) „שפּרינצע״, אַ מאָדנע מיידל פון ברוקלין;

2) „גיריגומבאַל דער גרויסער״, אַ מעשה וואָס לאָזט זיך קוים גלויבן.

איך ברענג די צוויי ביכער אין איין באַנד, ווייל אין ביידע איז דאָ אַ שטרעבונג צו דעם העכסטן אין מענטשנס לעבן — פרייהייט; און — פון ביידע קוקן קלאָר אַרויס פיר הויפּט־פּרינציפּיעלע צילן פון מיין פּעדאַגאָגישן אני מאמין. די צילן זיינען:

1) וועקן די פאַרשטעלונגס־קראַפט ביים קינד און ביים יוגנטלעכן;

2) אַרויסרופן געדאַנקען;

3) וועקן דערפינדערישקייט;

4) זייַן בראַוו; זיך ניט שרעקן; באַגעגענען יעדע געפאַר מיט אַ רויִקן קאָפּ און — ווו מ׳דאַרף — מיט שכלדיק־געפּלאַנטן כוח.

„שפּרינצע־ווו־בינצע״ וואָס האָט זיך געדרוקט אין „קינדער זשורנאַל״ (אַרויסגעגעבן פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט) פון אַפּריל, 1940, ביז יוני־יולי, 1941 ווערט דאָ געבראַכט לויט דעם אָריגינעלן מאַנוסקריפּט און אונטער דעם מער פּאַסיקן נאָמען: „אַ מאָדנע מיידל פון ברוקלין״.

די עפּיזאָדן, וואָס ווערן דאָ געשילדערט, האָבן, בשעתו, אויס־גענומען סיי ביי דעם יונגן לייענער און סיי ביי דעם דערוואַקסענעם אין ווען דער יוגנט־פּונק איז נאָך אין פולן גלי. דער לייענער ווערט אַריינגעצויגן אין די נאַיווע, לייכט הומאָריסטישע און רייך פאַנטאַסטישע אַוואַנטורעס פון דער הויפּט־העלדין — שפּרינצע און פון די אַנדערע קאָלירפולע כאַראַקטערן, וועלכע שאַפן דעם

הינטערגרונט פאַר די געשעענישן און אין וועלכע די פיר בראַווע חברה־לייט — יודקע, פּראַיקע, שייקע און צאַלקע — שפּילן די הויפּטראָל.

„שפּרינצע״ איז געשריבן געוואָרן מיט אַ קוק אויף די שפּעטערע יאָרן פונעם קינד, ווען פון „קינד״ ווערט „מענטש״ און ס'טויכט אויף אין זיין זכרון אַ וואָרט, אַ קלאַנג, אַן עפּיזאָד פון די אַוואַנטורעס, וואָס רופט אַרויס אַ גאַנצע ריי בילדער און איינדרוקן פון דעם דעמאָלטיקן לייענען און, דאָס פריערדיקע „קינד״ דערזעט דאָס געשילדערטע מיט רייף געוואָרענע אויגן און פרעגט זיך:

— איז די זעגלשיף, וווּהין ער (אָדער זי) איז, בעתן לייענען, צוזאַמען מיט שפּרינצען 'אַריינגעפאַלן', טאַקע אויף אַן אמת געווען אַ פּיראַטן־שיף, אָדער, איז „פּיראַטן־שיף״ אַן אַלעגאָרישער נאָמען פאַר אַ געוויסן סאָציאַלן סיסטעם אין וועלכן מיר אַלע, ווי שפּרינצע, זיינען אַריינגעפאַלן ?...

דער שפּילעוודיק נאַיִווער סוף פון שפּרינצעס אַוואַנטורעס פּילט אַן דאָס האַרץ פון דעם לייענער מיט אַ וואַרעמער סימפּאַטיע צו אַלע קינדער־העלדן און, איבערהויפּט צו שפּרינצען, וועמעס פאַרחלומטע קינדישע נאַיִוויטעט רופט אַרויס אַ האַרציק פריידיקע טרער.

און צום סוף: לאָמיר ניט פאַרגעסן די ביז גאָר וויכטיקע ראָל וואָס די צוויי שטומע העלדן — דאָס בוך און דער שפּיגל — שפּילן אין שפּרינצעס אַוואַנטורעס: ביידע שפּיגלען אָפּ דאָס שיינע און דאָס מיאוסע; דער ביטחון אין און די שרעק פאַר דעם אמת...

☆

אויך „גיריגומבאַל״ (טיילן פון דעם געדרוקט אין „קינדער זשורנאַל״ פון נאָוועמבער, 1942, ביז מאַי, 1943) ווערט דאָ געבראַכט לויט דעם אָריגינעלן מאַנוסקריפּט; אויך דאָ וועט דער לייענער, וואָס איז צייטיק געוואָרן אין יאָרן, זיך פרעגן:

— איז די הערשאַפט פון „גיריגומבאַל״ טאַקע געווען אַ הערשאַפט פון זשאַבעס, אָדער, פון „פאַרשאָלטענע מענטשן״, ווי דער חדר־לאַר פון שטעטל האָט געקרוינט די זשאַבעס ?...

מיט דעם ווינטש איך דעם לייענער אַ גייסטרייכע רייזע דורך די אַוואַנטורעס מיט שפּרינצען אין „אַ מאָדנע מיידל פון ברוקלין״, און אויך דורך די אַוואַנטורעס מיט שאַקאַ, צימרי און דעם וואונדערמאַן אין „גיריגומבאַל״, אַ מעשה וואָס לאָזט זיך קוים גלויבן.

ד. ר.

אַט אַזאַ איז שפּרינצע

אין ברוקלין איז געווען אַ מיידל מיטן נאָמען שפּרינצע. אָבער אַלע קינדער האָבן זי גערופן „שפּרינצע-ווו-בינצע". ווייל שפּרינצע איז געווען אַ מאָדנע מיידל, ניט ווי אַלע אַנדערע מיידלעך, פלעגן זיך מיט איר טרעפן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן געמאַכט מענטשן צו וווּנדערן זיך און צו לאַכן. און אָט פאַר וואָס:

שפּרינצע האָט ליב געהאַט צו לייענען אַ סך. ווו זי איז געשטאַנען און ווו זי איז געגאַנגען האָט זי זיך אַרומ־געטראָגן מיט אַן אָפן בוך און האָט געלייענט. און האָט זי זיך פאַרטיפט אין אַ מעשהלע, האָט זי פאַרגעסן ווו זי איז און אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז, ווייל אַלץ, וואָס זי האָט געלייענט, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס קומט פאַר מיט איר: האָט זי געלייענט, אַז דאָס מיידעלע פונעם מעשהלע זיצט, איז שפּרינצע געזעסן; האָט זי געלייענט, אַז דאָס מיידעלע פונעם מעשהלע שטייט, האָט זיך שפּרינצע אויפ־געשטעלט; האָט זי געלייענט, אַז דאָס מיידעלע פונעם מעשהלע גייט צו צום קראַן און נעמט זיך וואַשן דאָס געפעס, איז שפּרינצע צוגעגאַנגען צום קראַן, אַוועקגעלייגט איר בוך ביי דער זייט און, לייענענדיק, זיך גענומען וואַשן דאָס געפעס. און אַז ביים מיידעלע פון בוך איז אַ טעלער אַרויס־געפאַלן פון האַנט און האָט זיך צעבראָכן, איז אויך ביי שפּרינצען אַרויסגעפאַלן אַ טעלער פון האַנט און האָט זיך צעבראָכן.

די אַלע זאַכן, וואָס שפּרינצע האָט אָפּגעטאָן בעת זי האָט געלייענט, האָט געמאַכט מענטשן צום לאַכן. אָפט אָבער,

האָבן זיך מענטשן געוווּנדערט איבער די זאַכן, וואָס שפּרינצע האָט אָפּגעטאָן: ווען זי האָט געלייענט, אַז דאָס מיידעלע פונעם מעשהלע גייט איבער טרעפּ, האָט שפּרינצע גענומען הייבן די פיס גלייך ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף טרעפּ; און ווען זי האָט געלייענט, אַז דאָס מיידעלע פון בוך קריכט אויף אַ לייטער — און ווען אַ לייטער איז געווען דערביי — האָט שפּרינצע גענומען קריכן אויפן לייטער. און אַזוי לייענענדיק האָט זי זיך אָפּט פאַרקליבן אין אַזעלכע מאָדנע ערטער, אַז קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי זי איז אַהין געקומען. און אפילו שפּרינצע אַליין האָט אויך ניט געוווּסט ווי אַזוי זי איז אַהין געקומען.

יעדן פאַרנאַכט פלעגן אירע טאַטע-מאַמע אַרויסגיין זוכן שפּרינצען. די קליינע צירקע, שפּרינצעס שוועסטערקע, וועלכע האָט נאָך ניט געקענט שאַרף ריידן, פלעגט אויך העלפן זוכן; זי פלעגט אַרומלויפן איבער דער גאַס און רופן:

— ספּלינצע, ווּ בינצע?

און אַלע קינדער פון דער גאַס פלעגן מיטלויפן מיט צירקען, איר העלפן זוכן און רופן:

— ספּלינצע, ווּ בינצע?

— ספּלינצע, ווּ בינצע?

און אַזוי איז שפּרינצעס נאָמען באַוווּסט געוואָרן אין יענער גאַס אַלס „שפּרינצע-ווּ-בינצע".

✡

איין מאָל האָט מען זי אַרומגעזוכט אַ גאַנצן האַלבן טאָג און ניט געפונען. האָט מען ניט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן. אַלע האָבן זיך געפרעגט:

— וואָס האָט געקענט געשען מיט שפּרינצען?

— וואָס האָט געקענט געשען מיט שפּרינצען?

און קיינער האָט קיין ענטפער ניט געקענט געבן. איז מען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און פאַרטרויערט.

פאַר נאַכט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטער, דערזעט מען שפּרינצע קריכט פון דאַך. פרעגט מען זי:

— שפּרינצע, ווי קומסטו אַהין?

ענטפערט זי מיט צעצויגענע ווערטער (זי האָט אַלע מאָל גערעדט מיט צעצויגענע ווערטער):

—פ ו ן   װ א נ ע ן   ז אָ ל   א י ך   װ י ס ן?

און טאַקע פון וואַנען האָט זי געזאָלט וויסן? זי ווייסט גאָר, אַז לייענענדיק איר בוך האָט זי זיך געוואָלט פאַר־קלייבן אין אַזאַ אָרט, ווו איר שוועסטערקע צירקע זאָל זי ניט קענען געפינען און איר ניט שטערן, האָט זי דערזען סע שטייט אַ לייטער, איז זי אַרויפגעקראָכן; אויפן דאַך האָט זי דערזען אַ קוימען, האָט זי זיך צוגעשפּאַרט צום קוימען און גענומען לייענען. קיינער האָט זי ניט געזען, קיינער האָט זי ניט געהערט, קיינער האָט איר ניט גע־שטערט און — דאָס מעשהלע וואָס זי האָט געלייענט איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז זי האָט גאָר פאַרגעסן ווו זי געפינט זיך. ווען סע ווערט ניט פינצטער וואָלט זי דאָרטן נאָך ביז היינט געזעסן און געלייענט.

שפּרינצעס נאָמען ווערט באַוווּסט

די גאַס ווו שפּרינצע האָט געוווינט איז געווען אַ שיינע און אַ שטילע נאָך פון די אַלט־אַלטע צייטן. די הייזער זיינען דאָרט געווען גרויסע, איינשטאָקיקע און פון ברוינעם שטיין געבויט; צו יעדער טיר האָבן געפירט פינף ברייטע מאַר־מאָרנע טרעפּ מיט געצאַצקעוועטע מעשענע פּאָרענטשן פון ביידע זייטן; אַרום יעדן הויז — אַ גאָרטן מיט בלומען; פאָרנט, פאַרן הויז — ביימער; צווישן די ביימער — אַלט־מאָדישע גאַז־לאַמטערנעס. יעדן אָוונט פלעגט קומען דער לאַמ־טערן־צינדער אָנצינדן די לאַמטערנעס און יעדן אינדערפרי

פלעגט ער קומען אויסלעשן און אויספוצן די לאַמטערנעס. ברו־קירט איז געווען די גאַס מיט שטיין. אַז די שטאָט האָט געוואָלט אויספלאַסטערן די גאַס און אַריינפירן עלעקטרישע לאָמפּן אַנשטאָט די אַלטמאָדישע גאַז־לאַמטערנעס, האָבן זיך די שכנים צוזאַמענגענומען און האָבן ניט דערלאָזט. ווייל, האָבן זיי געזאָגט, אַז מ׳וועט אויספלאַסטערן די גאַס און איינפירן עלעקטרישע לאָמפּן, וועלן אויטאָמאָבילן נעמען פאָרן דורך דער גאַס און זי וועט ווערן רעשיק און טומלדיק, פונקט ווי אַלע אַנדערע מאָדערנע גאַסן פון שטאָט. איז די גאַס פאַר־בליבן אַן אַלטמאָדישע, אַ שטילע, צווישן די נייע, גרויסע און טומלדיקע גאַסן פון דער מאָדערנער שטאָט ברוקלין.

אויף אָט דער גאַס, כדי איר שוועסטערקע צירקע זאָל איר ניט שטערן, פלעגט שפּרינצע אָפּט זיך פאַרקלייבן אויף די טרעפּ פון אַ ווייט הויז — דאָרט זיצן און לייענען איר בוך. אָבער ווען איר שוועסטערקע צירקע האָט אויסגעפונען וווּ שפּרינצע פאַרקלייבט זיך מיט איר בוך, פלעגט זי יעדעס מאָל קומען און איר שטערן אין לייענען. האָט שפּרינצע גענומען זוכן אַ ניי אָרט וווּ קיינער זאָל איר ניט שטערן.

גייט שפּרינצע איבער דער גאַס מיטן אָפענעם בוך אין האַנט און טראַכט: זי וואָלט געקענט ווידער אַמאָל אַרויפקריכן אויפן דאַך, ווי זי האָט עס שוין ניט איין מאָל געטאָן, דאָרט וואָלט איר קיינער ניט געשטערט. אָבער ניין. איר שוועסטערקע צירקע האָט זיך שוין אויסגעלערנט אַרויפ־קריכן אויפן דאַך, קריכט זי אַרויף און שטערט איר.

פאַרטיפט זיך שפּרינצע אין בוך, גייט און לייענט. לייענט זי איצט ווי אַ מיידעלע, דעם לאַמטערן־צינדערס טאָכטער, העלפט איר טאַטן יעדן אינדערפרי וואַשן און רייניקן די לאַמטערנעס; ווי זי קריכט אויפן לייטער, וואָס דער טאַטע האָט צוגעשטעלט צום לאַמטערן... דאַכט זיך שפּרינצען אַז זי איז דאָס מיידעלע, וואָס קריכט איצט אויפן לייטער,

הייבט זי הויך די פיס און גייט פאַרזיכטיק ווי מען קריכט אויף טרעפּלעך...

פונקט דעמאָלט האָט דער לאַמטערן־צינדער אויסגע־ריייניקט אַ לאַמטערן, איז אַראָפּגעקראָכן פון לייטער און זיך אָנגעבויגן צו זיין רענצל, כדי אַריינצולייגן די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגענומען. אין דעם איז אָנגע־קומען שפּרינצע מיטן אָפענעם בוך אין האַנט און — זע נאָר! סע שטייט אַ לייטער! איז זי אַרויפגעקראָכן, זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם לאַמטערן און גענומען לייענען. דער לאַמטערן־צינדער האָט ניט געזען און ניט געהערט וואָס הינטער זיינע פּלייצעס איז פאָרגעקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבן מיטן רענצל אין האַנט, גענומען דעם לייטער אויפן אַקסל און איז אַוועק.

☆

פאַרן עסן מיטאָג האָט מען זיך אַרומגעזען אין הויז, אַז שפּרינצע פעלט, האָט מען זי גענומען זוכן. האָט מען געזוכט אין אַלע אירע באַהעלטענישן און מ׳האָט זי ניט געפונען, רופט זיך אָן די מאַמע צו דער קליינער צירקען:

— צירעלע, מיין קינד, לויף אַרויס אין גאַס, געפין דיין שוועסטער און זאָג איר אַז זי זאָל גלייך קומען עסן.

לויפט צירקע איבערן גאַס, קוקט אויף אַלע טרעפּלעך און רופט:

— ספּלינצע, ווו בינצע? טום (קום) עסן! טום, מאַמע לופט (רופט)!

האָבן דאָס די קינדערלעך פון גאַס דערהערט, איז מען נאָכגעלאָפן צירקען און איר געהאָלפן אויסזינגען:

— ספּלינצע, ווו בינצע? מאַמע לופט עסן!

— ספּלינצע, ווו בינצע? מאַמע לופט עסן!

אָבער שפּרינצע איז ניט געווען אויף די טרעפּלעך, און ניט אין גאַס.

האָט צירקע פאַרהייבן איר קעפּל און גענומען קוקן אויפן דאַך. האָבן אַלע קינדער פאַרהייבן די קעפּלעך און גענומען זוכן אין דער הויך, ביז איין קינד האָט אויסגערופן:

— זעט, זעט ווו שפּרינצע זיצט!

— ווו? ווו? — האָבן אַלע קינדער געפרעגט.

— אָן דאָרטן, אויף דעם לאַמטערן!

האָבן אַלע קינדער זיך אַ לאָז געטאָן מיט פרייד־געשרייען צום לאַמטערן, אַרויפגעקוקט צו שפּרינצען און האָבן געזונגען:

שפּרינצע־ווו־בינצע!
מע זוכט זי, מע געפינט זי!
ווו? ווו? ווו?
אויף אַ לאַמטערן!
ווו? ווו? ווו?
אויף אַ דאַך!
ווו? ווו? ווו?
אין נאָך, און נאָך,
ערטער אַ סך!

אָבער שפּרינצע האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, ווייל זי האָט איצט געלייענט אין בוך ווי קינדערלעך זינגען אַזאַ לידעלע צום לאַמטערן־צינדערס טעכטערל וואָס זיצט אויפן לייטער.

איז צירקע אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען און האָט אויסגערופן:

— טום, מאַמע, זע ווו ספּלינצע זיצט! זי טען (קען) ניט אַלאָפּדיין (אַראָפּגיין)! די לאַמטעלנע איז הויך! זי טען ניט אַלאָפּדיין!

ווען שפּרינצעס מאַמע איז צוגעקומען צום לאַמטערן

און האָט דערזען ווי שפּרינצע זיצט, האָט זי זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט אויסגערופן:

— גוואַלד, שפּרינצע, וואָס וועט זיין פון דיר? .וואָס וועט זיין פון דיר? ווי אַזוי ביסטו אַהין אַרויפגעקראָכן?

ענטפערט שפּרינצע מיט איר צעצויגענעם זינג-זאַנג:

— פ ו ן ו ו א נ ע ן ז אָ ל א י ך ו ו י ס ן?

זאָגט די מאַמע:

— וואָס הייסט, 'פון וואַנען זאָל איך וויסן?' דו ביסט דאָך אַהין אַרויפגעקראָכן, איז ווי ווייסטו ניט ווי אַזוי דו ביסט אַהין געקומען! איצט, ווי וועל איך דיך פון דאָרט אַראָפּנעמען? דער לאַמטערן איז הויך.

קנייטשט שפּרינצע מיט די אַקסלען און זאָגט ווי פריער:

— פ ו ן ו ו א נ ע ן ז אָ ל א י ך ו ו י ס ן?

דערווייל האָבן זיך אַרום דעם לאַמטערן אָנגעקליבן נאָך מאַמעס און פאַרבייגייערס, און אַלע עצהן אַז מ'זאָל אַרויסרופן די פייערלייט, וועלן זיי קומען מיט זייערע הויכע לייטערס און וועלן זי אַראָפּנעמען.

די פייערלייט רופט מען, ניט נאָר ווען סע ברענט, נאָר אויך ווען עמיצער איז פאַרקראָכן אין אַן ענגן ווינקל און קען פון דאָרט ניט אַרויס; אָדער, אפילו ווען אַ קאַץ פאַרקריכט ערגעץ אין אַ לאָך, צי אין אַ קוימען און וויינט ווייל זי קען פון דאָרט ניט אַרויס, רופט מען די פייערלייט, קומען זיי מיט זייערע לאַנגע לייטערס און ראַטעווען אַרויס.

ניט ווייט פון דאָרט, ביים ראָג פון גאַס איז געשטאַנען אַ רויטער „פייער-אַלאַרעם"-זייל. דער פייער-אַלאַרעם-זייל (וואָס שטייט אויף אַ סך ראָגן פון די גאַסן) זעט אויס ווי אַ רויטער מענטש, וואָס שטייט אויף איין דיקן פוס, מיט אַ רויט פיר-עקיק פּנים, מיט צוויי גרויסע רויטע אויגן און מיט אַ געל הענטל אין מיטן פונעם פּנים, וואָס זעט אויס ווי אַ לאַנגע געלע נאָז. אַז מען טוט אַ צי די געלע „נאָז"

לאָזט עס וויסן אין דער פייער-סטאַנציע אין וואָס פאַר אַ גאַס סע ברענט.

איז איינע פון די מאַמעס, וועלכע האָט געזען אין וואָס פאַר אַ געפאַר שפּרינצע געפינט זיך, צוגעלאָפן צום פייער-אַלאַרעם און האָט אים אַ צי געטאָן ביי זיין לאַנגער נאָז. באַלד האָט זיך אינעם פיר-עקיקן פנים צעקלונגען אַ גלאָק; די רויטע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און גענומען ווינקען און בלינקען מיט רויטע פייערלעך — רעכטס און לינקס, לינקס און רעכטס; און גלייך האָט זיך דערהערט אַ קלינגען און אַ פייפן אין גאַס און אַ נידעריקער רויטער וואָגן מיט דעם „אינדזשען" (פּאָמפּ-מאַשין) האָט זיך באַוויזן. דער „אינדזשען" זעט אויס ווי אַ גרויסער בייכיקער שווארצער מאַן וואָס שטייט אויף די קני און פייפט און סאָפּעט, און פון זיין בראָנזענעם קאָפּ שפּריצן פונקען און ס'גייט אַ רויך. נאָך דעם „אינדזשען" האָט זיך באַוויזן אַ רויטער וואָגן פול מיט לאַנגע קישקעס; און פון ביידע זייטן וואָגן שטייען פייערלייט אָנגעטאָן אין לאַנגע שטיוול, שווארצע רעגן-מאַנטלען און מיט מעשענע היטלען אויפן קאָפּ. נאָך זיי איז געקומען אַ לאַנגער רויטער לייטער-וואָגן — פול מיט לייטערס — אויף וועלכן ס'זיצן צוויי אָנטרייבערס: איינער פאָרנט, און איינער הינטן; ווייל דער וואָגן איז אַזוי לאַנג, מוז איינער קערעווען בלויז די פאָדערשטע רעדער, און דער צווייטער — בלויז די הינטערשטע רעדער.

די פייערלייט זיינען צוגעפאָרן ביז צום פייער-אַלאַרעם-זייל און האָבן אויסגערופן:

— אין וואָסער הויז ברענט?

האָט די פרוי, וואָס האָט אָנגעקלונגען און איז נאָך געשטאַנען ביים פייער-אַלאַרעם, געענטפערט:

— סע ברענט ניט, נאָר מ'דאַרף אַראָפּנעמען אַ מיידל

פון אַ הויכן לאַמטערן, אָן דאָרטן, ווו סע שטייט אַ רעדל מענטשן.

זיינען די פייערלייט צוגעפאָרן צום לאַמטערן, ווו שפּרינצע איז געזעסן.

ווען פייערלייט ווערן אַרויסגערופן, פאָרט מיט זיי מיט אַ צייטונגס־מאַן, כדי צו באַשרייבן אַלץ וואָס ער זעט און הערט. האָט דער צייטונגס־מאַן געבעטן, אַז איידער, מ'נעמט אַראָפּ שפּרינצען פונעם לאַמטערן, זאָל מען אים לאָזן פאָטאָגראַפירן שפּרינצען ווי זי זיצט פון אויבן און לייענט.

האָט מען אים געלאָזן. נאָך דעם האָבן די פייערלייט צו־געשטעלט אַ לייטער און האָבן אַראָפּגענומען שפּרינצען!

האָבן זיך אַלע מענטשן אין גאַס געפרייט און געלאַכט; און אַלע קינדער האָבן געשפּרונגען פון פרייד, געטאַנצט און געזונגען:

שפּרינצע־ווו־בינצע!
מען זוכט זי, מע געפינט זי!
ווו? ווו? ווו?
אויף אַ לאַמטערן!
ווו? ווו? ווו?
אויף אַ דאַך!
ווו? ווו? ווו?
אין נאָך, און נאָך
ערטער אַ סך!

אויף מאָרגן אין דער פרי איז אין אַלע צייטונגען געווען געדרוקט אַ בילד ווי שפּרינצע זיצט אויף דעם לאַמטערן און לייענט, און אונטן, ביים לאַמטערן, שטייט די קליינע צירקע. אונטערן בילד איז געווען אָנגעשריבן:

„דאָס איז שפּרינצע־ווו־בינצע, איר שוועסטערקע צירקע (די וואָס שטייט אונטן ביים לאַמטערן), רופט זי „ספּלינצע"".

ביים זייט פון בילד, איז איבערן גאַנצן בלאַט געווען

באַשריבן, וואָס פּאַר אַ מאָדנע מיידל שפּרינצע איז, און פאַר וואָס מען רופט זי „שפּרינצע־ווי־בינצע".

פון יענעם טאָג אָן איז שפּרינצעס נאָמען באַוווּסט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

די מאַמע שיקט שפּרינצען צו דער מומע דינהן

איין מאָל, ווען שפּרינצע איז געזעסן און געלייענט, רופט זיך אָן צו איר די מאַמע:

— שפּרינצעלע, מיין קינד, איך גיי אין מאַרק אַריין איינקויפן און צירעלע גייט מיט מיר, זי וויל מיר העלפן. דו, מיין קינד, זיי אַזוי גוט, פאָר זיך דורך צו דער מומע דינהן און ברענג אַ ביסל פריש גרינצייג פון איר גאָרטן, וועל איך צוגרייטן אַ גוטן מאכל פאַר אַלעמען. אָט האָסטו פאָרגעלט. גיי און זאָם זיך ניט; קום גלייך צוריק!

און די מאַמע איז אַוועק איינקויפן.

שפּרינצע האָט געהאַט צוויי מומעס: איינע איז געווען אַ קורצע און אַ גראָבע און האָט געהייסן — דינה; די צווייטע איז געווען אַ הויכע און אַ דינע און האָט געהייסן — גרובע.

שפּרינצע האָט ניט ליב געהאַט צו גיין צו דער מומע דינהן, ווייל די מומע דינה האָט געהאַט אַ קיילעכיק און פלאַטשיק פּנים ווי אַ טעלער און איז שטענדיק געווען בייז. אַז מען איז אַריינגעקומען צו איר אין הויז האָט מען גלייך געדאַרפט אויפהענגען דעם מאַנטל אין קליידער־שאַפע, זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטול, זיצן און שווייגן „ווי אַ מענטש".

האָט שפּרינצע קיין חשק ניט געהאַט צו גיין צו איר.

Max and Rebecca Askotzky

אָבער, די מאַמע דאַרף דאָך האָבן דאָס גרינציִיג — אַז ניט, וועט די מאַמע ניט צוגרייטן קיין מאכל — מוז מען גיין. האָט שפּרינצע, פּאַרטראַכטערהייט, צוגעמאַכט איר בוך, זיך פויל אויפגעהויבן פון שטול, גענומען דעם מאַנטל אויף דער האַנט, דאָס בוך אונטער דער האַנט, איז לאַנגזאַם צו־געגאַנגען צו דער טיר, געעפנט, און — איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט אין דער אָפענער טיר: — זי האָט עפּעס געהאַט אין זינען, און זי קען זיך נישט דערמאָנען — וואָס?

אָ, יע, זי האָט זיך דערמאָנט: זי האָט געוואָלט ענדיקן דאָס קאַפּיטל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין לייענען ווען די מאַמע האָט צו איר גענומען ריידן וועגן גיין צו דער מומע דינהן. דער מאַמעס רייד האָבן איר איבערגעשלאָגן דאָס לייענען פּונקט דאָרט ווו ס'איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי שפּאַנענדיק!... וועט זי עס טאַקע פריער ענדיקן, נאָך דעם וועט זי גיין.

האָט זי דאָ אויפן אָרט, שטייענדיק אין דער אָפענער טיר, געעפנט דאָס בוך און גענומען לייענען...

און מיר ווייסן דאָך שוין, אַז וואָס נאָר שפּרינצע האָט גע־לייענט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס קומט פאָר מיט איר.

אין דעם בוך, וואָס שפּרינצע לייענט איצט, דערציילט זיך אַ מעשהלע וועגן אַ מיידל, וואָס איז געגאַנגען צו איר מומען. און די מומע, אין דעם מעשהלע, האָט אויך געהאַט אַ קיילעכיק פּלאַטשיק און בייז פּנים — פּונקט ווי שפּרינצעס מומע. און אַז דאָס מיידעלע איז אַריינגעקומען אין הויז פון איר מומען, האָט זי גלייך געמוזט אויסטאָן איר מאַנטל, אים אַריינהענגען אין „קליידער־שאַפע", און אַליין זיך אַוועק־זעצן אויף אַ שטול, זיצן און שווייגן — „ווי אַ מענטש".

האָט זיך שפּרינצע פאַרגעסן, אַז זי שטייט אין דער

אָפּענער טיר פון איר אייגענעם הויז און לייענט; איר האָט זיך געדאַכט אַז זי איז דאָס מיידעלע פון בוך; אַז זי גייט און גייט, און אָט איז זי צוגעקומען צו איר מומעס הויז; זי עפנט די טיר און גייט אַריין...

דאָ האָט שפּרינצע צוגעמאַכט די טיר פון איר אייגן הויז און, ניט אויפהייבנדיק די אויגן פון בוך, איז זי לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו אַ שטול און האָט אַוועקגעלייגט איר מאַנטל; נאָך דעם איז זי, מיט אויגן אַריינגעקלעפּט אין בוך, צוגעגאַנגען צו אַ קליידער־שאַפע, אָנגעטאַפּט מיטן האַנט אַ הענגער, זיך אָנגענומען אָן אים — גלייך ווי זי וואָלט אויף אים עפּעס אויפגעהאַנגען, און — איז געבליבן שטיין און לייענען.

☆

ווען די מאַמע איז צוריקגעקומען פון איינקויפן זעט זי — אויף אַ שטול ליגט שפּרינצעס מאַנטל און שפּרינצע אַליין איז ניטאָ. האָט די מאַמע זי גענומען זוכן. האָט זי געזוכט אין אַלע צימערן — ניטאָ; האָט זי געזוכט אין אַלע בעטן — ניטאָ; אונטער די בעטן — ניטאָ; האָט זי געזוכט אויף אַלע שטולן, אונטער אַלע טישן — ניטאָ. רעדט די מאַמע צו זיך אַליין מיט פאַרדראָס:

— אָט אַ פאַרטראַכטער מלאך! גייט אַרום ווי אין חלום! ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז! פאַרגעסט דעם מאַנטל מיטן פאַרגעלט און גייט אַוועק! ווער ווייסט וווּהין זי וועט היינט פאַרקריכן! און ווער ווייסט ווען זי וועט היינט אַהיימקומען! זי איז טאַקע אַן אמתע שפּרינצע־ווו־בינצע! און אַזוי ריידנדיק, נעמט זי שפּרינצעס מאַנטל און וויל אים אַריינהענגען אין שאַפע. ווי נאָר זי איז צוגעקומען צו דער אָפענער טיר פון דער שאַפע, אַזוי האָט זיך

ביי איר אַרויסגעריסן אַ געשריי פון פלוצלינגן שרעק —
„אוי!" באַלד אָבער האָט זי זיך צעלאַכט הויך אויף אַ קול:

— האַ־האַ־האַ! זעט נאַר! שטייט אין שאַפע און לייענט! אוי, ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל מיר העלפן לאַכן — האַ, האַ, האַ! שפרינצע! אוי, שפרינצע!

הייבט אויף שפרינצע די אויגן פון בוך און מאַכט:

— האַ־אַ־אַ?

פרעגט די מאַמע:—

— שפרינצע־ווו־בינצע, ווער האָט דיך אַהער אַריינגעשטעלט?

מאַכט שפרינצע פאַרטראַכט:

— פ ו ן ו ו אַ נ ע ן ז אָ ל א י ך ו ו י ס ן?

לאַכט ווידער די מאַמע ביז טרערן און זאָגט:

— אוי, מיין קינד, וואָס וועט זיין פון דיר? וואָס וועט זיין פון דיר, איך פרעג דיך, ווי לאַנג נאָך וועסטו זיין אַ שפרינצע־ווו־בינצע?

מאַכט ווידער שפרינצע:

— פ ו ן ו ו אַ נ ע ן ז אָ ל א י ך ו ו י ס ן?

—— און צו דער מומע דינהן ביסטו געפאָרן? — פרעגט שוין די מאַמע מיט אַן ערנסטן טאָן, — ענטפער!

און אַז שפרינצע ענטפערט ניט, נעמט זי די מאַמע אַרויס פון שאַפע, טוט איר אָן דעם מאַנטל, לייגט איר אַריין געלט אין קעשענע, שטופּט זי אַרויס פון הויז און זאָגט איר אָן:

—גיי גיך און ברענג דאָס גרינצייג פון דער מומע דינהן, אַז ניט, האָב איך ניט וואָס צו קאָכן און מיר וועלן ניט האָבן וואָס צו עסן. און ווען דער טאַטע וועט קומען פון דער אַרבעט אַ מידער, אַ הונגעריקער, וועט ער אויך ניט האָבן וואָס צו עסן.

שפּרינצע הייבט אָן אירע וואַנדערונגען

שטייט שפּרינצע אין דרויסן ביים הויז און טראַכט:
— דער טאַטע וועט ניט האָבן וואָס צו עסן... אַ רחמנות אויף אים... ער קומט פון דער אַרבעט אַ מידער, אַ הונגעריקער... זי מוז פאָרן צו דער מומע דינהן! אָבער וואַרט: פאַר וואָס עפּעס ׳פאָרן׳? זי קען דאָך גיין, וועט זי איינשפּאָרן פאַרגעלט, און גייענדיק וועט זי קענען לייענען איר בוך.

לאָזט זי זיך גיין, צעעפנט איר בוך און נעמט לייענען. לייענענדיק זעט זי ניט ווי צו גיין, גייט זי לאַנגזאַם און טאַפּט פאָרזיכטיק מיט די פיס דעם וועג. אָט איז זי אַרויס פון איר שטילער גאַס און האָט זיך אַריינגעקערט אין איינער פון די רעשיקע גאַסן איבער וועלכער עס ציען זיך שטראָמען מענטשן אָן אויפהער און אָן סוף. אין דעם שטראָם מענטשן איז שפּרינצע, מיט אירע לאַנגזאַמע טריט, אַריינגעקומען און האָט ניט אויפגעהערט צו לייענען איר בוך.

☆

דאָ לאָמיר זיך אָביסעלע באַקאַנען מיט ברוקלין: ברוקלין און מאַנהעטן זיינען די רעשיקסטע צוויי הויפּטטיילן פון דער שטאָט ניו-יאָרק — ביידע זיינען גרויס; ביידע זיינען טומלדיק; ביידע זיינען פול מיט ריטם פון באַוועגונג. צווישן מאַנהעטן און ברוקלין פליסט דער טייך „איסט-ריווער". אונטער דעם טייך ציען זיך לאַנגע באַלויכטענע טונעלן פאַר אויטאָמאָבילן און פאַר באַנען; און איבערן טייך הענגען שטאָלענע בריקן אויף קייטן איבער וועלכע ס׳לויפן אָן אויפהער אויטאָמאָבילן און באַנען — פון ברוקלין קיין מאַנהעטן, און פון מאַנהעטן קיין ברוקלין. אין מזרח-זייט

פֿון ברוקלין וויגט זיך, רוישט און שוימט דער אַטלאַנטישער אָקעאַן. שיפֿן פֿון דער גאָרער וועלט שווימען פֿאַרביי ברוקלין, שווימען פֿון ים אין „איסט־ריווער״ אַריין, גליטשן זיך אונטער די הויכע שטאָלענע בריקן, וועלכע הענגען אויף קייטן, און פֿאַראַנקערן ביי די פּילצאָליקע פּאָרטן פֿון ברוקלין.

ברוקלין אַליין איז אַ גרויסע שטאָט, פֿול מיט אויטאָמאָבילן און מיט אויטאָבוסן; מיט סאָבוועיס (אונטערבאַנען) און מיט עלעוועיטערס (אויבערבאַנען), מיט גרויסע פֿאַבריקן און מיט גרויסע קראָמען; מיט טעאַטערס, קאַפעטעריעס און רעסטאָראַנען; מיט פּאַרקס, מוזייומס און מיט שיינע גערטנער; מיט לאַנגע, ברייטע גאַסן און מיט „פֿייער־אַלאַרעם״־מאַשינעס, וועלכע שטייען ווי וועכטערס — הויכע און רויטע — אויף די ראָגן פֿון די גאַסן.

☆

איבער די ברייטע טראָטואַרן פֿון די ברוקלינער גאַסן איילן שטראָמען מענטשן הין און צוריק. איבער איינעם פֿון די טראָטואַרן, צווישן דעם שטראָם אין געאייל, גייט לאַנגזאַם אַ קליין מיידל און לייענט אַ בוך. אירע שוואַרצע צעפּ פֿאַרפלאָכטן און מיט רויטע לענטעס פֿאַרשלייפֿט, הענגען איר איבער דער פּלייצע ביז צו דער טאַליע אַראָפּ. זי הייבט איר קאָפּ פֿון בוך נישט אַרויס, טאַפּט דעם וועג מיט די פֿיס און גייט. אַז זי שטויסט זיך אָן אין עמיצן, פֿאַרנויגט זי זיך, זאָגט „אַנטשולדיקט״, ווייסט אפֿילו נישט וועמען זי האָט געזאָגט „אַנטשולדיקט״, און גייט ווייטער.

דאָס גייט שפּרינצע־ווו־בינצע צו דער מומע דינהן נעמען גרינס פֿון איר גאָרטן, כדי די מאַמע זאָל קענען אָפּקאָכן אַ מאכל, און כדי איר טאַטע, ווען ער קומט אַ מידער פֿון דער אַרבעט, זאָל נים דאַרפֿן הונגערן.

לאָמיר אַ ווײַלינקע נאָכגיין שפּרינצען און זען וואָס מיט איר געשעט, ווײַל אַלע מאָל געשעען מיט איר אַזעלכע מאָדנע זאַכן, וואָס מאַכט טייל מענטשן צום ווײנען, און טייל — צום לאַכן.

שפּרינצע באַגעגנט דעם רויטן ריז

גייט שפּרינצע ווייטער און לייענט און שטויסט זיך אָן אָן אַ רויטן „פײַער־אַלאַרעם"־זײַל, וואָס שטייט בײַ יעדן עק גאַס. נעמט זי די אויגן פון בוך ניט אַראָפּ, פאַרנייגט זיך און זאָגט:

— אַנטשולדיקט, מײַן הער!

ווײַל שפּרינצען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם גרויסן רויטן ריז, וועגן וועמען זי לייענט איצט אין בוך. אין בוך ווערט דערציילט, ווי דער רויטער ריז שטייט אויף איין פוס און האַלט אין איין שלינגען די פײַערן פון דער וועלט — דערפאַר איז ער טאַקע רויט.

פאַר וואָס אָבער, איז זײַן פוס אַזוי האַרט? האָט זי אַ טראַכט געטאָן. און גלײַך באַשלאָסן: ריזן האָבן האַרטע פיס. און זי רופט זיך אָן נאָך אַמאָל:

— איך האָב געזאָגט — אַנטשולדיקט, מײַן הער!

דאָ האָט זיך דער „פײַער־אַלאַרעם"־זײַל צעשמייכלט מיט אַ ברייטן רויטן שמייכל און געזאָגט:

— איך אַנטשולדיק דיר, מיידעלע. דו האָסט מיר אפילו ניט וויי געטאָן. און ווער ביסטו? ווי רופט מען דיך?

— מײַן נאָמען איז שפּרינצע. אָבער מײַן שוועסטערקע צירקע רופט מיך „ספּלינצע", און מײַן מאַמע רופט מיך „שפּרינצע־ווו־בינצע". און ווער ביסטו? ווי רופט מען דיך?

— טרעף, וועל איך דיר זאָגן, — מאַכט דער „פייער־אַלאַרעם״־זייל נאָך אַלץ מיט אַ ברייטן שמייכל.

— פ ו ן װ א נ ע ן ז א ָ ל א י ך װ י ס ן ?— קנייטשט זי מיט די אַקסלען. — אַז דו וועסט מיר זאָגן, וועל איך טרעפן.

— ניין, — זאָגט דער „פייער־אַלאַרעם״־זייל, — פריער טרעף, נאָך דעם וועל איך דיר זאָגן.

— נו גוט, — זאָגט שפּרינצע, — אָט וועל איך טרעפן: דו ביסט דער גרויסער רויטער ריז, וואָס שטייט אויף איין פוס, און שלינגט די פייערן פון דער וועלט, געטראָפן?

— האַ! האַ! האַ! — האָט זיך דער „פייער־אַלאַרעם״־זייל הויך צעלאַכט.

— פאַר וואָס עפּעס לאַכסטו? — האָט שפּרינצע געפרעגט מיט נייגעריקייט.

— איך לאַך פון אַ קליין מיידעלע.

— אָבער דאָ זיינען ניטאָ קיין קליינע מיידעלעך!

— און ווער ביסטו? — פרעגט דער „פייער־אַלאַרעם״־זייל.

— איך האָב דיר שוין פריער געזאָגט, אַז מיין נאָמען איז שפּרינצע! אַז מיין שוועסטערקע צירקע רופט מיך „ספּלינצע״! און אַז מיין מאַמע רופט מיך „שפּרינצע־ווו־בינצע״! אָבער דו האָסט נאָך מיר אַלץ ניט געזאָגט ווי מען רופט דיך!

— נו גוט, — מאַכט דער „פייער אַלאַרעם״־זייל, — אָט זאָג איך דיר:

—איך בין רויט ווי פייער,
האַרט ווי אייזן,
און גאַר אַן הענט
איך קען אָנווייזן
ווו סע ברענט.
איצט טרעף!

טראַכט שפּרינצע אַ ווײַלע און רופט זיך אָן:

— איך ווייס נאָך אַלץ ניט ווער דו ביסט.

מאַכט דער „פּייער־אַלאַרעם"־זײַל:

— הייב אויף דײַנע אויגן פון בוך, וועסטו זען ווער איך בין.

האָט שפּרינצע אויפגעהויבן אירע אויגן און האָט דערזען, אַז ס'איז גאָר אַ „פּייער־אַלאַרעם"־זײַל, וואָס קוקט אויס ווי דער גרויסער רויטער ריז וואָס שטייט אויף איין פוס און שלינגט די פּייערן פון דער וועלט.

וווּנדערט זיך שפּרינצע: ווי קען אַ „פּייער־אַלאַרעם"־זײַל ריידן? זי האָט דאָך אַליין געהערט ווי ער האָט צו איר גערעדט! דאָ, אָבער, כאַפּט זי זיך, אַז זי האָט עס פּונקט איצט געלייענט אין בוך — ווי אַ גרויסער רויטער ריז וואָס שטייט אויף איין פוס, רעדט צו דעם מיידעלע פון דעם מעשהלע.

— ס'איז מאָדנע, — טראַכט שפּרינצע: — ווען זי לייענט אַ בוך, דאַכט זיך איר אַז זי זעט די מענטשן פון בוך, הערט זיי ריידן, גלייך ווי זיי וואָלטן גערעדט צו איר און — נאָך מער מאָדנע איז, וואָס זי הערט ווי זי אַליין ענטפערט די מענטשן, כאָטש זי האַלט איר מויל פאַרמאַכט.

און אַזוי טראַכטנדיק פאַרטיפט זי זיך ווידער אין בוך און לאָזט זיך גיין איר וועג.

שפּרינצע אין רעסטאָראַן

גייט שפּרינצע, לייענט, און זעט ניט דורך וואָס פאַר אַ גאַסן זי גייט: גאַסן ציען זיך נאָך גאַסן, געסעלעך נאָך געסעלעך, און שפּרינצע הייבט די אויגן פון בוך ניט אַרויס; זי האָט שוין לאַנג געדאַרפט געווען זײַן ביי דער מומע

דינהם הויז, אָבער דאָס הויז קומט איר ניט אַנטקעגן, — גייט זי ווייטער.

אויף דער גאַס, ווו שפּרינצע איז איצט געגאַנגען, האָט זיך געפונען אַ רעסטאָראַן, ווו אַלע מאַטראָסן, אָפיצערן און קאַפּיטאַנען פון די שיפן פלעגן אַריינקומען. דער רעס־טאָראַטאָר איז אַמאָל געווען אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שיף. אַלע ים־מענטשן האָבן אים געקאָנט און האָבן ליב געהאַט אַריינ־קומען אין זיין רעסטאָראַן — דאָרט עסן, זיצן און ריידן, אָדער סתם זיצן און הערן ווי דער רעסטאָראַטאָר דערציילט פון זיינע רייזעס איבער די ימען.

ווען שפּרינצע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם רעסטאָראַן און דאָס געשמאַקע עסן האָט אַרויסגעשמעקט דורך דער אָפענער טיר, האָט זי דערפילט, אַז זי איז הונגעריק. טראַכט זי: „קאַרפיער" (פאַרגעלט) האָט זי איינגעשפּאָרט, קען זי דאָך פאַר דעם געלט קויפן אַ סענדוויטש. איז זי אַריין אין רעסטאָראַן, זיך געזעצט ביי אַ טישל און באַשטעלט אַ סענדוויטש.

אַלע אין רעסטאָראַן האָבן אויסגעדרייט זייערע אויגן צו שפּרינצעס טישל, זיך איבערגעבויגן איינער צום אַנדערן און האָבן שטיל געזאָגט: זיי דאַכט זיך אַז דאָס איז דאָס מיידל וועגן וועלכער זיי האָבן געלייענט אין ציירונג. און ווען דער רעסטאָראַטאָר האָט צוגעבראַכט דעם סענדוויטש, איז ער געבליבן שטיין ביים זייט פון טישל און האָט אויך געקוקט אויף שפּרינצען.

שפּרינצע האָט דערפילט אַלעמענס אויגן אויף זיך און איז צעטומלט געוואָרן; זי האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּעסן און אַרויס פון דאַנען, האָט זי — אַנשטאָט דעם סענדוויטש — געכאַפּט איר בוך, עס צוגעטראָגן צום מויל און גענומען בייסן.

ווען דער רעסטאָראַטאָר האָט דאָס דערזען, האָט ער אָפּגעווישט אַ שמייכל פון פּנים און האָט געזאָגט:

— ביסט אַ מאָדנע מיידל. ווי דו זעסט מיר אויס, קומסטו פון אַן אַנדער וועלט. דאָ, אויף אונדזער וועלט פירט זיך, אַז עסן, עסט מען אַ סענדוויטש, און לייענען, לייענט מען אַ בוך. און דו טוסט פאַרקערט.

דאָ האָבן אַלע אין רעסטאָראַן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. און דער רעסטאָראַטאָר האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר פּנים און האָט איר אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר מאָדנע מיידל, ווי רופט מען דיך?

ענטפערט שפּרינצע:

— מען רופט מיך שפּרינצע. אָבער מיין שוועסטערקע צירקע רופט מיך „ספּלינצע”, און מיין מאַמע רופט מיך „שפּרינצע־ווו־בינצע”.

דערהערט אַזאַ נאָמען, זיינען אַלע אין רעסטאָראַן אויפ־געשפּרונגען פון זייערע ערטער, פאַרהייבן זייערע היטלען אין דער הויך און האָבן אויסגעשריען:

— הוראַ פאַר שפּרינצען! הוראַ פאַר שפּרינצען!

און דער רעסטאָראַטאָר האָט פאַרהייבן ביידע הענט אין דער הויך און האָט מיט פרייד אויסגעשריען:

— א־א־א, שפּרינצע! שפּרינצע! ווער קאָן עס ניט שפּרינצען? די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך ווער שפּרינצע־ווו־בינצע איז:

שלינגט שפּרינצע איר סענדוויטש און וווּנדערט זיך — וואָס די גאַנצע וועלט ווייסט וועגן איר, און וואָס אַלע אין רעסטאָראַן קוקן אַזוי אויף איר — פאַר וואָס קוקן זיי אַזוי אויף איר? שלינגט זי איין איר לעצטן ביסן, הייבט זיך אויף, קוקט ניט אויף קיינעם און נעמט זיך שאַרן, מיט אַ זייט, צו דער טיר. ביי דער טיר טוט זי אַ קוק אויף אַלעמען מיט אַ פאָר גרויסע אויגן און לויפט אַרויס אין

דרויסן. אַלע אין רעסטאָראַן האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי דעם גרויסן פענצטער און האָבן איר נאָכגעקוקט. שפּרינצע האָט זיי ניט געזען, זי האָט זיך פאַרטיפט אין איר בוך און זיך געלאָזט גיין.

שפּרינצע אין פּאַרק

גייט שפּרינצע פאַרטיפט אין איר בוך און באַמערקט גאָר ניט ווי דער וועג פירט זי אַריין אין פּאַרק. וואַנדערט זי איבער די שאָטנדיקע וועגן פון פּאַרק, ביז דער וועג האָט זי דערפירט צו אַ טייכל. דאָס טייכל איז רונדיק און לאַנגלעך, און ליגט ווי אַ ריזיקער שפּיגל איינגעראַמט אין אַ געפלאַסטערטן וועג. ווען מען לאָזט זיך גיין אויף אַזאַ וועג מיט די אויגן פאַרטאָן אין אַ בוך, קען מען גיין טעג מיט נעכט און אַלץ ניט אַוועקגיין פונעם טייכל. שפּרינצע האָט ניט געזען אַז דער וועג ציט זיך אַ רונדיקער, האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַרום־און־אַרום דעם טייכל ביז זי איז מיד געוואָרן. האָט זי אויף אַ רגע אויפגעהויבן די אויגן פון בוך און דערזען אַ באַנק שטייט צווישן צוויי לאַמטערנעס ביים וועג פון טייכל, האָט זי זיך דאָרט צוגעזעצט.

ביים טייכל האָבן קינדער זיך געשפּילט און געלאָזן זעגל־שיפלעך איבערן וואַסער. אַ גרויסער קודלאַטער הונט איז צווישן די קינדער אַרומגעשפּרונגען און זיך מיט די קינדער געשפּילט. און אָט איז דער הונט צוגעלאָפן צו שפּרינצען, אַרויפגעהויבן זיינע פאָדערשטע לאַפּעס אויף איר שויס און געלעקט איר פּנים.

שפּרינצע האָט ליב געהאַט הינט, האָט זי אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, אים געגלעט און געזאָגט:

— ביסט אַזאַ גוטער! ביסט אַזאַ גוטער!

דאָ האָט אַ קינד אַ פּייף געטאָן, האָט זיך דער הונט אַ ריס געטאָן און איז אַנטלאָפן. שפּרינצע איז געבליבן זיצן מיט אָפענע הענט און האָט געקוקט אין דער ווייט אַריין.

פון דער ווייט האָט זי געזען די העכסטע בריק, וואָס איז געהאַנגען אויף קייטן איבערן „איסט־ריווער”. פון אונטער דער בריק זיינען גרויסע זעגלשיפן אַרויסגעשוווּמען אויפן וועג צום אָפענעם ים. אַ גרויסע רויטע זון האָט זיך הינטער דער בריק געזעצט און האָט די שיפן מיט די זעגלען אין רויטן גאָלד געפאַרבט. שפּרינצע האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט די זעגל־שיפן און האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין איר בוך . . . .

שפּרינצע איז אין געפאַר

דאָ דערפילט שפּרינצע ווי אַ מאָדנע זאַך איז מיט איר פאָרגעקומען: — זי איז צעטיילט געוואָרן אויף צווייען! איינע זיצט דאָרט, אויף דער באַנק, וואָס שטייט צווישן די צוויי לאַמטערנעס ביים טייכל, און לייענט; און די צווייטע — האָט זיך געלאָזט וואַנדערן... אָט גייט זי דורך גאַסן און געסלעך ביז זי קומט צו צו דער הויכער בריק, וואָס הענגט אויף קייטן איבערן וואַסער. ווי קומט זי צו דער בריק? פאַרשטייט זי ניט. אַז צו דער מומע דינהס הויז דאַרף מען גאָר איבער קיין בריק ניט גיין! אָבער, אַז זי איז שוין דאָ, וועט זי ווייטער גיין. גייט זי, און פונקט דעמאָלט האָבן פאַרבער זיך געקליבן אָנהייבן פאַרבן די שטאָלענע זיילן, אויף וועלכע די בריק איז געהאָנגען, האָבן זיי צוגעשטעלט הויכע לייטערס און זיינען געגאַנגען נעמען די פאַרב. אין דעם איז שפּרינצע אָנגעקומען און איז געווען אַזוי פאַר־

טיפט אין לייענען, אַז זי האָט פאַר זיך קיין אַנדער וועג ניט געזען, ווי נאָר קריכן איבער די לייטערס. האָט זי זיך געלאָזט קלעטערן.

ווען מענטשן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך אַרומגעקליבן און געבליבן שטיין פאַרגליווערטע פון שרעק. זיי האָבן מורא געהאַט זי צוריקצורופן, ווייל ווען זי וועט זיך אַרומקוקן און דערזען ווו זי געפינט זיך, וועט זיך איר דער קאָפּ פאַרדרייען פון דער שווינדלדיקער הויך און זי וועט זיכער אַראָפּפאַלן. איז מען געשטאַנען אונטן, צו איר אַרויפגעקוקט, און מיט פאַרביסענע ליפּן איר נאָכגעמאַכט יעדן טראָט און יעדן בויג — גלייך ווי זיי וואָלטן שטומערהייט איר געוואָלט אַרויסהעלפן.

און שפּרינצע איז געקראָכן איבער די לייטערס אַלץ העכער און העכער און דעם קאָפּ פון בוך ניט אָוועקגעקערט. און אָט, איז זי שוין ביים העכסטן פּונקט פונעם שטאָלענעם זייל. דער לייטער ציט זיך מיט נאָך דריי טרעפּלעך העכער. נאָך דריי שפּאַן און — אוים שפּרינצע: זי וועט אַראָפּפאַלן און פאַרזינקען אין די טיפע וואַסערן פון אונטן. די מענטשן האָבן אין זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן דאָס שווייגן; סע האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— גיי ניט מער, שפּרינצע!

און דער רעסטאָראַטאָר איז דאָרט אויך געווען. און ער האָט געשריען העכער פון אַלעמען:

— שפּרינצע! מאָדנע מיידל, ג י י נ י ט מ ע ר!

אָבער שפּרינצע איז געווען צו הויך און האָט ניט געהערט. זי האָט געהאַלטן אין קלעטערן אויף די לעצטע דריי טרעפּלעך — איינס אַרויף... צוויי אַרויף... דריי, אַ פאַרטן טראָט אין דער לופט, און — גענומען פאַלן אַראָפּ...

אַראָפּ...

אַראָפּ...

די מענטשן אונטן, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון שרעק און האָבן זיך צוגעדעקט די אויגן — זיי האָבן ניט געוואָלט זען דעם סוף פון שפּרינצען.

און דער סוף פון שפּרינצען וואָלט טאַקע געווען אַ שלעכטער, — זייער אַ שלעכטער, — ווען ניט אַ גליקלעכער צופאַל. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען שפּרינצע האָט געהאַלטן אין פאַלן, האָט פון אונטער דער בריק אָנגעהויבן אַרויסשווימען אַ גרויסע זעגל־שיף מיט אויסגעשפּרייטע ווייסע, בלויע, און גאָלדענע זעגלען. איז שפּרינצע אַריינגעפאַלן אין איינעם פון די זעגלען און איז געבליבן זיצן ווי אויף אַ באַקוועמער זומערשטול. זי האָט געוויגט מיט די פיס און האָט געלייענט איר בוך גלייך ווי גאָרנישט איז געשען.

שפּרינצע האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן וווּהין זי איז אַריינגעפאַלן; אין וואָס פאַר אַ נייער געפאַר זי האָט זיך ערשט געפונען; און וואָס פאַר אַ נייע שרעקן סע דערוואַרטן איר.

„די גאָלדענע טויב" מיט אירע פּיראַטן

די שיף, אין וועלכער שפּרינצע איז אַריינגעפאַלן, האָט זיך גערופן „די גאָלדענע טויב" און איז געווען זייער אַ שיינע — באַפּוצט מיט פאַרשיידענע געקאַרבטע פיגורן פון דרויסן, און מיט ווייסע, בלויע און גאָלדענע זעגלען אויף די מאַסטן — זי איז אָבער געווען אַ פּיראַטן־שיף. אַ פּיראַטן־שיף מיט פאַרשיידענע קונציקע אַפּאַראַטן און מאַשינעריע; מיט געהיימע טירן אין די ווענט און מיט פאַסטקע־טירן אין די דילן; מיט אַ געהיים־קאַמער, אַ שטראָפקאַמער און אַ וואַסער־קאַמער; מיט אַ שרעק־ און וווּנדער־זאַל, און מיט

אַ געפערלעכן וועג, וואָס פירט צו דעם זאַל. און אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק איז געווען אַזאַ ווונדערטיש מיט פאַרשיידענע עלעקטרישע קנעפלעך און הענטלעך. דורך דעם ווונדער־טיש האָט מען געקענט זען וואָס עס טוט זיך אין יעדער אָפּטיילונג פון דער שיף, און מיט די עלעקטרישע קנעפלעך און הענטלעך האָט מען געקענט עפענען און פאַרמאַכן די פאַרשיידענע געהיימע טירן און די פאַסטקעטירן.

און די פּיראַטן זיינען ניט געווען אָנגעטאָן ווי די געוויינלעכע פּיראַטן. יעדער איינער פון זיי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פראַק, אַ ווייס האַרט געפּרעסט העמד, אַ שמעטערלינג־געפליגלטן שניפּס, אַ צילינדער־הוט און ווייסע הענטשקעס אויף די הענט. ווען מ׳האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן, האָט מען געקענט מיינען, אַז זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעפּוצט צו גיין אויף אַ חתונה, אָדער צו אַ זייער רייכן באַל.

קיין געווער האָבן זיי אויף זיך ניט געהאַט. נאָר אין האַנט האָט יעדער איינער פון זיי געטראָגן אַ שיין־געפּאָליטורטן שטעקן מיט אַ רונדיק גאָלדן הענטל פון אויבן, און מיט אַ קופּערנעם שפּיץ פון אונטן. ווען מע האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם גאָלדענעם הענטל, האָט אַן עלעקטרישער שטראָם אָנגעהויבן אַרויסזעצן פון דעם קופּערנעם שפּיץ. און ווען מען האָט מיט דעם שטעקן אימיצן אָנגערירט, איז יענער געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט און די פּיראַטן האָבן מיט אים געקענט טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. און ווען זיי האָבן געדאַרפט, האָט זיך פון שטעקן אויך געקענט אַרויסציען אַ לאַנגע שאַרפע שפּיז.

די פּיראַטן האָבן זיך ניט גערופן מיט זייערע ריכטיקע נעמען; יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַ צונאָמען וואָס האָט

זיך אים זייער גוט געפּאַסט. אַט זיינען די נעמען פון אַ טייל פון די פּיראַטן:

העלפאַנד,
קאַרליק,
מייזעלע,
הינדעלע,
אַלטער פוקס,
בייזער וואָלף,
שוואַרצער אָדלער,
פרומע סאָווע,
ברוינער בער,
צווייפיסיקער וואַלרוס,
האַריקע מאַלפּע,
קלאַפּער־שלאַנג,
רויטע טשערעפּאַכע,
דאַרער פלאָקן,
געלע קוקורוזע,
מירקע־גיב־לשון,
פלוידערזאַק,
וויכערווינט,
דונערבליץ,
פייערפלאַם.

און דעם קאַפּיטאַן האָט מען גערופן „געפאַנצערטער לייב".

די „גאָלדענע טויב" איז אַרומגעשוואומען איבער די ווייטסטע ימען, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַלע פּאָרטן און האָט פאַרנאַרט יונגע יינגלעך מיט יונגע מיידלעך אויף דער שיף. די יינגלעך מיט די מיידלעך זיינען פאַרשפאַרט געוואָרן אין גרויסע שטייגן, וועלכע זיינען געווען אויסגעבויט אין דער גאַנצער לענג פון דער שיף, און זיינען געצוואונגען

געוואָרן צו אַרבעטן פאַר די פּיראַטן. זיי האָבן געמוזט פאַרבן, וואַשן, רייניקן און שייערן די שיף. האָט טאַקע די „גאָל־דענע טויב" אויסגעזען ווי אַ ליכטיקער גאָלדענער פּאַלאַץ, וואָס שווימט איבערן וואַסער. און קיינעם איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן אַז דאָס שווימט אַ פּיראַטן־שיף! און קיין מאָל האָט קיינער ניט פאַרדעכטיקט, אַז אינעווייניק, אין בויך פון אָט דער שיינער שיף, זיצן יינגלעך און מיידלעך פאַרשפּאַרט אין שטייגן און נייען, און וועבן, און שטריקן, און אַרבעט אויס פאַרשיידענע זעלטענע אַרטיקלען פון דעם רויב, וואָס די שיף האָט אויף איר וועג אָנגערויבט.

ווען די „גאָלדענע טויב" פלעגט אָנקומען צו אַ ווייט לאַנד, פלעגן די פּיראַטן אויסבייטן די אַלע זאַכן, וואָס די קינדער האָבן אויסגעאַרבעט, אויף גאָלד, מיט דעם גאָלד זיך צעטיילן, און פלעגן מיט פרייד נאָך מערער נעמען טרייבן די קינדער אין דער אַרבעט — ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן נאָך מערער גאָלד.

און ווען די „גאָלדענע טויב" איז ענדלעך אָנגעקומען צו יענעם ווייטן, ווייטן לאַנד, וואָס האָט זיך געפונען ביים סוף פון די זיבן גרויסע ימען, האָבן זיי דאָרט אַלע יינגלעך מיט אַלע מיידלעך פאַרקויפט צו דעם שלעכטן קעניג, וועל־כער האָט געהערשט אין יענעם לאַנד, ווייל דער קעניג האָט ליב געהאַט אַז נאָר קליינע יינגלעך מיט קליינע מיידלעך זאָלן אים באַדינען. און די „גאָלדענע טויב" האָט זיך פון דאָרט ווידער אַרויסגעלאָזט איבער אַלע זיבן ימען צו רויבן, און זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין אַלע ווייטע לענדער צו פאַרנאַרן יונגע יינגלעך מיט מיידלעך אויף דער שיף.

אין יענע צייטן זיינען אַרומגעשוווּמען אַ סך פּיראַטן־שיפן איבער די ימען. אָבער קיין איינע פון יענע שיפן האָט ניט געהאַט אַזוי־פיל קונציקע אַפּאַראַטן, מיט אַזאַ באַנדע פּיראַטן, ווי די „גאָלדענע טויב"; און קיין איינע פון יענע

שיפן האָט ניט געהאַט אַזאַ ביטערן קאַפּיטאַן, ווי דער „געפּאַנצערטער לייב".

אין יענע צייטן זיינען אויך אַרומגעשוווּמען איבער די ימען באַפּרייוּנגס־שיפן. כאָטש די באַפּרייוּנגס־שיפן זיינען געווען וויניק אין צאָל, דאָך האָבן די פּיראַטן־שיפן פאַר זיי מורא געהאַט, ווייל אויף די באַפּרייוּנגס־שיפן האָבן זיך געפונען בראַווע און שטאַרקע יונגען, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק אַרויסגעלאָזט איבער די ימען צו באַקעמפן די פּיראַטן־שיפן און צו באַפרייען די פאַרנאַרטע קינדער פון דאָרט.

און איצט, לאָמיר זיך אומקערן און זען וואָס איז געוואָרן מיט שפּרינצען.

די פּיראַטן געפינען שפּרינצען

ווען די „גאָלדענע טויב" איז אַרויסגעשוווּמען אין אָפענעם ים און די פּיראַטן האָבן גענומען אָנציען שטייפער די זעגלען, האָבן זיי דערזען ווי אויף איינעם פון די זעגלען זיצט אַ מיידל און לייענט אַ בוך. האָט מען וועגן דעם גלייך געלאָזט וויסן דעם קאַפּיטאַן.

דער קאַפּיטאַן איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אויף זיין בריק און האָט אַראָפּגעשריען באַפעלן צו די פּיראַטן. דערהערט וועגן אַ פרעמד מיידל אויף אַ זעגל, האָט ער גלייך אַ רוף געטאָן:

— העי, שוואַרצער אָדלער, — אַהער! זעסט דאָס מיידל דאָרט, אויפן זעגל? — טו אַ שפּרונג און ברענג זי אַראָפּ!

האָט דער שוואַרצער אָדלער זיך אַ הייב געטאָן אויפן זעגל, אַ כאַפּ געטאָן שפּרינצען און זיך מיט איר אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטריק. האָבן זיך אַלע פּיראַטן צוים איר אַרומגע־

קליבן און זי מיט חשד באַטראַכט. דער קאַפּיטאַן האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ שטול און האָט מיט אַ שטרענגן טאָן זי גענומען אויספרעגן:

— זאָג מיר נאָר, דו, ווי קומסטו אַהער?

קנייטשט שפּרינצע מיט די אַקסלען און ענטפערט צעצויגן:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט! — שרייט דער קאַפּיטאַן מיט צאָרן — ווער דען ווייסט? — איך?!

ענטפערט שפּרינצע דאָס אייגענע:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

דערהערט אַזאַ ענטפער פון שפּרינצען, איז געוואָרן אַ גערודער צווישן די פּיראַטן:

— האָסטו געהערט אַן ענטפער? — האָט איינער צום אַנדערן געזאָגט און האָט איבערגעקרימט שפּרינצען: — „פון וואַנען זאָל איך וויסן"! זי ווייסט יאָ און וויל נישט זאָגן! מסתּמא אונטערגעשיקט אַהערצו פון יענע פון די „באַפרייער" — האַ, האַ, האַ! אָבער זי וועט שוין באַ אונדז ריידן! אין שטראָפקאַמער! אין שטראָפקאַמער מיט איר. — האָבן די פּיראַטן גענומען שרייען.

— שטיל זאָל זיין! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטאָן אויף די פּיראַטן. — איך גיב דאָ באַפעלן. ניט איר! — דאָ בייט ער זיין טאָן און הייבט אָן מיט גוטן צו שפּרינצען:

— און ווער ביסט, ווייסטו?

— אַוואַדע ווייס איך, — ענטפערט שפּרינצע, — איך בין אַ מיידל.

— יאָ, דו ביסט אַ מיידל, מיט צוויי שיינע צעפּעלעך — גיט צו דער קאַפּיטאַן מיט אַ שמייכל — און אַ מאָדנע מיידל

דערצו. ווייסטו אָבער ווי מען רופט דיך? קענסטו אונדז זאָגן דיין נאָמען?

— א־א־א? מיין נאָמען? מיין נאָמען איז שפּרינצע. אָבער מיין שוועסטערקע צירקע רופט מיך „ספּלינצע". און מיין מאַמע רופט מיך „שפּרינצע־ווו־בינצע".

האָבן די פּיראַטן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער:

— הא, הא, הא,! — שפּרינצע־ווו־בינצע! — הא, הא, הא!

און דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגערופן:

— אויב אַזוי, ווייס איך שוין ווער דו ביסט! — דו ביסט דאָך די באַרימטע שפּרינצע, וואָס איז באַוווּסט אויף דער גאַנצער וועלט!

וווּנדערט זיך שפּרינצע: ווי קומט עס, וואָס די גאַנצע וועלט קאָן איר, און זי — קאָן קיינעם ניט?

און דער קאַפּיטאַן רופט זיך אָן מיט אַ פריילעכער מינע צו זיינע פּיראַטן:

— נו, חברה, ניטאָ פאַר איר וואָס מורא צו האָבן. שפּרינצע־ווו־בינצע איז אַ גוט מיידל און זי וועט פאַר אונדז זיין אַ גוטע הילף. מען דאַרף זי נאָר אַביסעלע פאַנאַנדערוועקן, אָבער — ניט צופיל.

— פאַנאַנדערוועקן! — האָבן די פּיראַטן איבערגע־הזרט דעם קאַפּיטאַנס רייד. — פאַנאַנדערוועקן! לאָמיר זי אַראָפּשיקן אין זאַל פון „שרעק־און־וווּנדער"!

— וואַרט! — האָט דער קאַפּיטאַן אויפגעהויבן זיין האַנט, — איילט זיך ניט מיט דעם זאַל פון שרעק־און־וווּנדער! איר קענט נאָך ניט שפּרינצען! איך האָב זי דערקאַנט ווען איך בין געזעסן אין רעסטאָראַן און זי איז אַריין דאָרט עסן אַ „סענדוויטש". דאָס איז אַ פאַרחלומט מיידל וואָס לעבט ניט אין אונדזער וועלט, נאָר — אין דער וועלט פון בוך; ווען זי גייט פילט זי ניט די ערד אונטער אירע פיס, נאָר —

שוועבט ערגעץ אין דער לופטן, ערגעץ אין אַ ווייטער וועלט פון וווּנדער; זי האָט קיין באַגריף ניט פון דער ווירקלעכקייט און פון געפאַרן, וואָס רינגלען זי אַרום. אָט וועט איר באַלד זען.

דאָ האָט זיך דער קאַפּיטאַן אַ קער געטאָן צו שפּרינצען:

— זאָג מיר נאָר, שפּרינצע, ווייסטו כאָטש ווו דו געפינסט זיך איצט?

קנייטשט זי מיט די אַקסלען:

— פ ו ן װ אַ נ ע ן ז אָ ל א י ך װ י ס ן?

— אַז דו ווייסט ניט, — זאָגט דער קאַפּיטאַן, — וועל איך דיר זאָגן: דו געפינסט זיך איצט אויף אַ פּיראַטן־שיף.

— אוי, טאַקע? — האָט שפּרינצע אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן און האָט אויסגערופן מיט פרייד: — אויף אַ פּיראַטן־שיף? אויף אַן אמתער פּיראַטן־שיף? זע נאָר, ס'איז דאָך פונקט ווי אין בוך וואָס איך לייען איצט!

די פּיראַטן האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. זיי האָבן געלאַכט ביז טרערן. דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ צייכן — שווייגן! שפּרינצע האָט באַטראַכט די פּיראַטן און האָט ווייטער געפרעגט:

— אָבער, פאַר וואָס גייט יעדער איינער פון אייך אָנגעטאָן אין אַ פראַק, מיט אַ שניפּס, מיט אַ צילינדער־הוט? פּיראַטן גייען דאָך אָנגעטאָן אַנדערש!

— אין אַמאָליקע צייטן, — האָט איר דער קאַפּיטאַן געענטפערט. — פלעגן פּיראַטן גיין אָנגעטאָן אַנדערש, אָבער די היינטיקע פּיראַטן גייען אָנגעטאָן אָט אַזוי ווי דו זעסט אונדז. איצט פאַרשטייסטו? ווילסט נאָך עפּעס פרעגן?

— יאָ, — זאָגט שפּרינצע — וואָס זיינען דאָס פאַר אַ גרויסע פיש וואָס הענגען אין צוויי רייען איבער דער לענג פון שיף?

— אָ, דאָס? — זאָגט דער קאַפּיטאַן, — נו, גוט. איך וועל

דיר אויך דאָס דערקלערן: אָט אַ די זאַכן, וואָס זעען אוים ווי פיש, זיינען ניט קיין פיש. דאָס זיינען אונדזערע פּאַנצערס און אויך אונדזערע שיפלעך. אין קערפּער פון אָט אַ די „פיש" געפינט זיך אַן עלעקטרישער מאָטאָר וואָס טרייבט די זעקס פליגלען פון דעם „פיש". ווען מיר טוען אויף זיך אָן אָט די פּאַנצערס, קענען מיר מיט זיי שווימען שנעלער פון אַן אמתן פיש און אָניאָגן די שנעלסטע שיף. דאָס נוצן מיר נאָר ווען מיר דאַרפן אָנפאַלן אויף אַן אַנדער שיף.

— אָנפאַלן אויף אַן אַנדער שיף? — רופט אוים שפּרינצע מיט פרייד, — אַ, ווי איך וואָלט עס געוואָלט זען!

— וועסט נאָך זען, — מאַכט דער קאַפּיטאַן, — וועסט נאָך זען!

— אָבער, — זאָגט שפּרינצע ווייטער, — אמתע פּיראַטן זינגען דאָך אַ פּיראַטן-ליד און טאַנצן אַ פּיראַטן-טאַנץ, און איר שטייט נאָר און קוקט אויף מיר.

— אַ, — זאָגט דער קאַפּיטאַן, — דאָס איז דערפאַר וואָס מיר האָבן זיך זייער שטאַרק דערפרייט מיט דיר, האָבן מיר זיך פאַרקוקט אויף דיר און אין גאַנצן פאַרגעסן צו זינגען אונדזער פּיראַטן-ליד און צו טאַנצן אונדזער פּיראַטן-טאַנץ! אַוואַדע וועלן מיר איצט זינגען! און אַוואַדע וועלן מיר איצט טאַנצן! — און דער קאַפּיטאַן האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— העי, חברה! פאַרציען אַ ליד און זיך לאָזן אין טאַנץ! און זאָל מען אַרויסברענגען אַהער די קינדער! זאָלן זיי שפּילן פאַר אונדז אויף זייערע אינסטרומענטן, העלפן זינגען אין כאָר און מיטטאַנצן מיט אונדז — זאָלן זיי זיך לערנען אונדזערע פּיראַטן-טענץ און זאָל זיין פריילעך!

האָט מען אַרויסגעבראַכט די ייִנגלעך מיט די מיידלעך. האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ קרייז און גענומען שפּילן —ווער אויף אַן אַקאָרדיאָן און ווער אויף אַ האַרמאָניקאַ;

ווער אויף אַ גיטאַרע און ווער אויף אַ פּויק. און די פּיראַטן האָבן זיך צעזונגען זייער באַליבט פּיראַטן־ליד און האָבן זיך צעטאַנצט זייער פּיראַטן־טאַנץ.

פּיראַטן־ליד

ליד איז אונדזערס!
טאַנץ איז אונדזערס!
און די פרייד געהער צו אונדז!

כאָר: צו אונדז! צו אונדז! צו אונדז, צו אונדז!
און די פרייד געהער צו אונדז!

טאָג איז אונדזערס!
נאַכט איז אונדזערס!
און די רו געהער צו אונדז!

כאָר: צו אונדז! צו אונדז! צו אונדז! צו אונדז!
און די רו געהער צו אונדז!

וואָך איז אונדזערס!
יום־טוב — אונדזערס!
אַלץ וואָס גוט געהער צו אונדז!

כאָר: צו אונדז! צו אונדז! צו אונדז! צו אונדז!
אַלץ וואָס גוט געהער צו אונדז!

יעדער איינער האָט אויף זיין גראָבן און בייזן פּיראַטן־קול אַריינגעזונגען וואָס ס'איז אים נאָר אַרויפגעקומען אויפן זינען, און אַלע — אויך די קינדער מיט זייערע דינע און

ווייכע קולכענדלעך — האָבן אונטערגעכאַפּט אין כאָר און האָבן צוגעזונגען „צו אונדז! צו אונדז!” און די פּיראַטן האָבן עס אויסגעטאַנצט, — נאָך יעדנס געזאַנג, אַן אַנדער טענצל.

אַזוי האָבן זיי געקענט אָפּזינגען שעה נאָך שעה און אפילו אַ גאַנצע נאַכט; דער צעטל פון „אַלץ געהער צו אונדז” האָט זיך ביי זיי ניט אויסגענומען אַזוי גיך... זיי האָבן געזונגען וועגן פ ע ל ד , וועגן וו אַ ל ד און וועגן די ח י ו ת פון פעלד און וואַלד; וועגן ט יי ך , וועגן י ם און וועגן די פ י ש פון טייך און ים; וועגן ז ו ן , ל ב נ ה און שטערן; וועגן הימל, ע ר ד און וועגן די ר יי כ ט י מ ע ר פון הימל און ערד. און פאַרענדיקן זייער פּיראַטן־ליד פלעגן זיי מיט דעם, אַז אויך דער מענטש מיט זיין מאַרך געהער צו זיי, — „אַלץ און אַלץ געהער צו אונדז!”

✡

לאָמיר דאָ איבערלאָזן די פּיראַטן זינגען זייער „אונדזער־אונדזער” ליד און טאַנצן זייערע פּיראַטן־טענץ און לאָמיר, דערווייל, שטילינקערהייט זיך אַוועקלאָזן און אויסגעפינען אַ פּאָר סודות פון דער פּיראַטן־שיף — „די גאָלדענע טויב”.

די פיר בראַווע חברה־לייט

אויף דער פּיראַטן־שיף געפינען זיך פיר בראַווע חברה־לייט — יודקע, פּראַיקע, שייקע און צאַלקע. די חברה־לייט פּלאַנעווען עפּעס אין געהיים. אָבער וואָס זיי פּלאַנעווען, איז דערווייל אַ סוד. דאָס וועלן מיר ערשט שפּעטער אויסגעפינען.

ווען די פּיראַטן האָבן געהאַלטן אין טאַנצן, האָבן זיך די פיר חברה־לייט איינציקווייז אַרויסגערוקט פון קרייז, זיך צוגעשאַרט צו שפּרינצען און זיך פאַרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז יודקע, — האָט דער ערשטער שטיל געזאָגט.

— מיין נאָמען איז פראַיקע, — האָט זיך דער צווייטער שטיל צוגעשאַרט.

— מיין נאָמען איז שייקע, — האָט זיך דער דריטער שטיל צוגעשאַרט.

— מיין נאָמען איז צאַלקע, — האָט זיך דער פערטער גגביש צוגערוקט.

— און ווי רופט מען דיך ? — האָט זי יודקע געפרעגט.

— שפרינצע. אָבער מיין שוועסטערקע צירקע רופט מיך „ספּלינצע”, און מיין מאַמע רופט מיך „שפרינצע־ווו־בינצע.

האָבן זיך די פיר חברה־לייט איבערגעקוקט און האָבן ווייטער געפרעגט : :

— די פיראַטן האָבן דיך פאַרנאַרט אויף דער שיף ?

— ניין.

— זיי האָבן דיך געקידנעפּט (געכאַפּט מיט געוואַלד) ?

— ניין.

— איז ווי קומסטו אַהער ?

— פ ו ן ו ו א נ ע ן ז אָ ל א י ך ו ו י ס ן ?

האָבן זיך די פיר יינגלעך איבערגעקוקט, געצויגן מיט די אַקסלען און זיך אַוועקגעקערט פון איר.

—אַ מאָדנע מיידל ! — מאַכט צאַלקע.

— זי גיט מאָדנע ענטפערס, — זאָגט שייקע אַ פאַר־דאגהטער.

— מע דאַרף זיך פאַר איר היטן ! — וואָרנט פראַיקע.

— ניין, — זאָגט יודקע, — ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן ; זי ווייסט נאָך ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז ; און אפשר, אַביסעלע פאַרנאַרישט, — מען דאַרף זי אויפקלערן, וועט זי קומען צו זיך ; נאָך אַלעמען, איז זי דאָך איינע

פון אונדז, און ס׳דערוואַרט איר דער זעלביקער סוף וואָס אונדז אַלעמען.

דאָ האָט יודקע אַ דריי געטאָן מיט די אויגן אין אַלע זייטן און, קוים צו באַמערקן אויף זיינע ליפּן, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— העי, חברה, איך האָב גוטע נייעס! לאָמיר זיך איינ־ציקווייז פאַרקלייבן אין אונדזער געהיים ווינקל און איך וועל אייך דערציילן.

האָט זיך יעדער איינער פון די פיר אָוועקגעשלייכט מיט אַ באַזונדערן וועג צו זייער באַהאַלטענעם ווינקל.

מיר דערוויסן זיך סודות

ווי קומען די פיר בראַווע חברה־לייט אויף דער פּיראַטן־שיף? דריי פון זיי — פראַיקע, שייקע און צאַלקע — זיינען, ווי פיל אַנדערע קינדער, פאַרנאַרט געוואָרן. עס איז אַזוי געווען: די דריי זיינען געשטאַנען ביים פּאָרט און האָבן באַוואונדערט די שיינקייט פון דער „גאָלדענער טויב״. האָט עס פלוידערזאַק פון שיף באַמערקט און האָט צו זיי אַראָפּ־געררופן:

— אַ יאָ, אַ שיינע שיף? זי געפעלט אייך! איר וואָלט געוויס געוואָלט זיך דורכפאָרן אויף אַזאַ שיף! אינעווייניק איז די שיף נאָך שענער ווי פון דרויסן. איר ווילט זי אָנקוקן?

— קומט אַרויף, וועל איך אייך ווייזן די גאַנצע שיף!

זיינען פראַיקע, שייקע און צאַלקע אַרויף אויף דער שיף און זיינען שוין מער קיין מאָל ניט אַראָפּ צוריק.

און ווי אַזוי דער פערטער — יודקע — קומט אויף דער שיף, וועלן מיר זיך אויך באַלד דערוויסן.

איצט זיינען די פיר צוגעקומען צו זייער באַהאַלטן ווינקל.

דאָס באַהאַלטענע ווינקל האָט זיך געפונען אין עק פון דער הינטערשטער טייל פון שיף. דאָרט זיינען געשטאַנען קאַסטנס אָנגעשטעלט איינע אויף די אַנדערע און צוגעדעקט מיט אַלטע זעגלען. צווישן די קאַסטנס איז געווען אַ שמאָלער דורכגאַנג. אין דורכגאַנג זיינען געווען עטלעכע ווינקעלעך. אין איינעם פון די ווינקעלעך האָבן זיך די פיר בראַווע חברה־לייט איצט פאַרקליבן, און יודקע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צונויפגעקנייטשט פאַפּירל, האָט עס אויסגעגלעט, האָט גע־געבן אַ צייכן אַז מ׳זאָל דערנענטערן די אויערן צו אים. האָבן זיך דריי קעפּלעך צוגעבויגן צו יודקעס מויל און יודקע האָט זיי אַריינגעשעפּטשעט אין די אויערן:

— ווען דער קאַפּיטאַן געפינט ביי מיר אָט דאָס פּאַפּירל, וואָלט איך זיך געגליטשט דורך אַ פּאַסטקעטיר גלייך אין גיהנום־קאָמער אַריין. אָט דאָס פּאַפּירל איז דער שליסל פון ווונדערטיש, — דאָס איז פאַר אונדז אַן אוצר, אָבער אויך אַ געפאַר פון טויט. איר מוזט עס גלייך אויסלערנען און צערייסן דאָס פּאַפּירל. איך ווייס שוין די גאַנצע קאָמבינאַציע פון ווונדערטיש, און איין מאָל האָב איך אַליין געזען ווי דער ווונדערטיש אַרבעט.

דאַ האָט יודקע דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך דער־ווּסט ווי דער ווונדערטיש אַרבעט; ווי ער האָט געפונען און אַראָפּגעשריבן די קאָמבינאַציע צום ווונדערטיש און, וואָס ער האָט געזען ווען ער האָט געפּוצט דעם שפּיגל אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק.

דער וווּנדערטיש

אין ווינקל רעכטס, אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק, זיינען אויף דער וואַנט געווען פאַרשיידענע עלעקטרישע אַפּאַראַטן. פון די עלעקטרישע אַפּאַראַטן האָבן אַרויסגעשטעקט פאַר־שיידנפאַרביקע הענטלעך. גלייך אונטער די עלעקטרישע אַפּאַראַטן איז געשטאַנען אַ טיש. אָט דעם טיש האָבן אַלע אויף דער שיף גערופן — „וווּנדערטיש".

דער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ טונקל גלאָז; אויף דעם גלאָז איז געווען אויסגעמאָלט, אין ליכטיקע קאָלירן, אַ גרויסער ציפערבלאַט מיט צוויי ווייזערס, אַזוי ווי אויף אַ זייגער. אַרום־און־אַרום די ברעגן פון טיש האָבן זיך געפונען פאַרשיידנפאַרביקע עלעקטרישע קנעפּלעך; די קאָלירן פון די עלעקטרישע קנעפּלעך זיינען געווען די זעלביקע ווי פון די הענטלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון די עלעקטרישע אַפּאַראַטן אויף דער וואַנט. יעדער נומער פון ציפערבלאַט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון שיף; און יעדע אָפּטיילונג האָט געהאַט איר באַזונדערן קאָליר פון הענטל און קנעפּל. צום ביישפּיל:

נומער 1, האָט געמיינט: אונטערשטע וואַסערטויערן, קאָליר פון קנאָפּ און הענטל — רויט.

נומער 10, האָט געמיינט: שפּייזזאַלמער, קאָליר פון קנאָפּ און הענטל — ברוין.

ווען מען האָט איין ווייזער אָנגעשטעלט אויף נומער איינס, און דעם צווייטן אויף נומער צען און אַ דריק געטאָן דעם ברוינעם עלעקטרישן קנאָפּ, אַזוי איז גלייך באַלויכטן געוואָרן אַ ווינקל פון טיש, און מען האָט דאָרט געקענט זען אַלצדינג, וואָס עס גייט אָן אין שפּייז־אַלמער. און ווען מען האָט נאָך דעם אַ צי געטאָן דאָס רויטע הענטל, אַזוי איז דער שפּייזאַלמער אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער.

די סודות פון ווונדערטיש האָט געוווּסט נאָר דער קאַ־פּיטאַן אַליין.. ווען ער האָט געאַרבעט ביים ווונדערטיש, האָט קיינער ניט געטאָרט צוקומען נאָענט, ווייל ער האָט קיין איינעם פון די פּיראַטן ניט געטרויט. און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז עמעצער פון די פּיראַטן האָט אויסגעפונען איינעם פון די סודות פון ווונדערטיש, אַזוי איז דער קאַפּיטאַן פון יענעם פּטור געוואָרן אויף אַזאַ מין שטילן אופן, אַז קיי־נער האָט גאָר דערפון ניט געוווּסט.

ווי דער קאַפּיטאַן ווערט פּטור פון איינעם וואָס ווייסט צופיל

אין דיל פון שפּייזצימער האָט זיך געפונען אַ פּאַסטקע־טיר, וואָס נאָר דער קאַפּיטאַן האָט פון איר געוווּסט. ווען דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט פּטור ווערן פון איינעם פון זיינע אַרויסהעלפערס, האָט ער אים שטילערהייט אַראָפּ־געשיקט אין שפּייזצימער — כלומרשט עפּעס אַרויפצו־ברענגען — און יענער איז שוין קיין מאָל ניט אַרויפגעקומען צוריק. יודקע האָט זיך פון אָט דער פּאַסטקעטיר דערוווּסט דורך אַ צופאַל.

איין מאָל, ווען יודקע האָט געפּוצט און גערייניקט דעם קאַפּיטאַנס בריק, דערהערט ער ווי דער קאַפּיטאַן טוט אַ רוף:

— פּרינץ, אַהער! (פּרינץ האָט אויסגעפונען אַ פּאָר סודות פונעם ווונדערטיש און דער קאַפּיטאַן האָט פון אים געוואָלט פּטור ווערן).

פּרינץ איז אַרויפגעקומען אויף דער בריק.

— פּרינץ. — האָט דער קאַפּיטאַן גוטברודעריש אים אַ נעם געטאָן ביי די אַקסלען און מיט אַ שמייכעלע אים

אַריינגעקוקט אין די אויגן, — פּרינץ, איך האָב באַשלאָסן, אַז דו זאָלסט זיין מיין רעכטע האַנט, איז לאָמיר אויסטרינ־קען צו דער געלעגנהייט און טרינקען פון דעם בעסטן! גיי אַראָפּ אין שפּייז־אַלמער, שלים אויף די שפּיגלטיר און ברענג אַרויף אַ פלאַש אויסלענדישן ליקער. דאָס מאָל וועל איך דיר געבן צו פאַרזוכן עפּעס אַזוינס, וואָס דו האָסט נאָך קיין מאָל אין דיין לעבן ניט פאַרזוכט! און, אויב דו וועסט וועלן, וועל איך דיר ווייזן אַ פּאָר קונצן פונעם וווּנדערטיש. דו ווילסט דאָך וויסן ווי דער וווּנדערטיש אַרבעט? יאָ? איז גיי! אָבער גיך! און ש־ש־ש, קיינער זאָל ניט וויסן, וווּהין דו גייסט!

יודקע האָט דעמאָלט געהאַלטן אין פּוצן דעם גרויסן שפּיגל וואָס האָט זיך געפונען אין וואַנט אַנטקעגן דעם וווּנדערטיש. דערזעט יודקע אין שפּיגל, אַז ווי נאָר פּרינץ איז אַוועק צום שפּייזאַלמער, אַזוי האָט זיך דער קאַפּיטאַן צוגעזעצט צום וווּנדערטיש, אָנגעשטעלט איין ווייזער אויף נומער 10 און אַ דריק געטאָן דאָס ברוינע קנעפּל, אַזוי האָט אַ ווינקל פון טיש אויפגעלויכטן און מען האָט דאָרט קלאָר געזען דעם גאַנצן שפּייזאַלמער. און אָט זעט מען ווי די טיר פון שפּייזאַלמער עפנט זיך, פּרינץ קומט אַריין, שטעלט זיך אָפּ ביי די פּאָליצעס און פאַרזוכט פון די אַלע גוטע זאַכן, וואָס געפינען זיך דאָרט. און אָט קומט ער צו צו דער הויכער און שמאָלער שפּיגלטיר, שטעלט זיך אַוועק פאַרן שפּיגל און נעמט זיך באַטראַכטן... ווי נאָר דער קאַפּיטאַן האָט דערזען פּרינצן ביים שפּיגל, אַזוי האָט ער אָנגעשטעלט דעם צווייטן ווייזער אויף נומער 2 און גיך אַ צי געטאָן דאָס אָראַנזש־הענטל. ווי נאָר ער האָט דאָס געטאָן, אַזוי האָט זיך דער דיל אונטער פּרינצן אָן עפן געטאָן און פּרינץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער קאַפּיטאַן האָט אַ צופרידענער אַ שמייכל געטאָן, אַ שטופּ געטאָן דאָס אָראַנזש־הענטל צוריק,

האָט זיך די פּאַסטקעטיר צוגעמאַכט. דאָ האָט דער קאַפּיטאַן גיך גענומען אַרבעטן איבערן ווונדערטיש: ער האָט שנעל אַ דריי געטאָן איין ווייזער אויף נומער 7, דעם צווייטן — אויף נומער 3, אַ דריק געטאָן דעם שוואַרצן קנאָפּ און אַ צי געטאָן דאָס געלע הענטל, אַזוי איז אַן אַנדער טייל פון ווונדערטיש באַלויכטן געוואָרן און האָט געוויזן אַ שוואַרצע קאַמער, אויפן דיל פונעם קאַמער ליגט פּרינץ — קענטיק אַ שטאַרק פאַר־ ווונדעטער פונעם הויכן פאַל, און פון אַלע ווינקעלעך נעמען קריכן אויסגעהונגערטע מייז און ראַצן און לאָזן זיך צו פּרינצן.

ווען דער קאַפּיטאַן האָט דאָס דערזען, איז ער זיך פאַר־ גאַנגען אין אַ לאַנגן היסטערישן געלעכטער, האָט זיך אויס־ געשפּרייט איבערן ווונדערטיש און האָט קייכנדיק געזאָגט:

— האַ, האַ, האַ־אַ! איצט ווייסטו שוין די סודות פון ווונדערטיש, מיין טייערער פּרינץ! אַלע סודות — הע, הע, הע! און — ש־ש־ש, קיינער זאָל ניט וויסן — הי, הי, הי!

יודקע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי צוגעקלעפּט צום שפּיגל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פּוצן. אָבער, ווען ער האָט דערזען ווי די ראַצן שפּרינגען אויף פּרינצן, האָט יודקע פון שרעק זיך צוגעדעקט דאָס פּנים, זיך אַוועקגעקערט פון שפּיגל און האָט זיך שטילערהייט אַראָפּגעגנבעט פון קאַ־ פּיטאַנס בריק.

ווי יודקע קומט אין דער פּיראַטן־שיף

גלייך ביי דעם אָראַנזש־הענטל, וואָס האָט געעפנט די פּאַסטקעטירן, איז געווען אַ רויט הענטל. און איבער דעם רויטן הענטל איז געווען אַן אויפשריפט מיט גרויסע רויטע ווערטער, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„געפאַר!

ניט אָנרירן

אָן דעם קאַפּיטאַנס באַפעל״!

און ס׳איז טאַקע געווען אַ גרויס געפאַר דאָס הענטל אָנצורירן, ווייל אַז מען האָט דאָס הענטל אַ צי געטאָן, האָבן זיך געעפנט וואַסער-טויערן אין אונטערשטן דעק פון שיף און האָבן אין אַ גאַר קורצער צייט געקענט פאַרטרינקען איין טייל שיף נאָכן אַנדערן. און אַז מען האָט ניט אַכטונג געגעבן, און ניט אין צייט פאַרמאַכט דאָס הענטל צוריק, האָט די גאַנצע שיף זיך געקענט אָנפילן מיט וואַסער און אַראָפּ צום גרונט פון ים.

בלויז איין מאָל האָט דער קאַפּיטאַן געדאַרפט נוצן אָט דאָס הענטל. דאָס איז געווען ווען די פּיראַטן האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַפאַלן די גרויסע באַפרייונג-שיף — „דער פאַנען-טרעגער״.

האָט זיך אָבער אויף דער שיף „פאַנען-טרעגער״ געפונען אַ בראַוועր קאַפּיטאַן מיט העלדישע מאַטראָזן, האָבן זיי פאַרטריבן די פּיראַטן פון שיף. פאַרטריבן און זיי נאָכגעיאָגט ביז צו דער „גאָלדענער טויב״. און ווען די פּיראַטן זיינען דורכן זייטיקן טויער אין שיף אַריין, און נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט צו פאַרשפאַרן דעם טויער, האָבן זיך טייל פון די נאָכיאָגער אויך אַריינגעכאַפּט אין דער פּיראַטן-שיף.

דאָ אָבער, האָבן זיך די פּיראַטן, דורך געהיימע זייטיקע טירן, אַרויפגעכאַפּט צום אויבערשטן דעק און גלייך פאַרשפּאַרט אַלע טירן הינטער זיך. און דער קאַפּיטאַן איז גלייך צוגעלאָפן צום ווונדערטיש, האָט אַ צי געטאָן דאָס הענטל

נומער 8, — האָט זיך דער זייטיקער טויער געגעבן אַ פּאַר־מאַך און האָט איינגעשלאָסן די העלדישע מאַטראָזן אין אונטערשטן דעק.

דער דיל ביי די טירן און טויער אין אונטערשטן דעק איז באַשטאַנען פון פּאַסטקעטירן. די העלדישע מאַטראָזן האָבן פון דעם ניט געוווּסט און האָבן גענומען שטורעמען די טירן און טויערן.

האָט זיך דער קאַפּיטאַן געגעבן אַ בויג איבער איבערן ווונדערטיש, אָנגעשטעלט איין ווייזער אויף נומער 2 — פּאַסטקעטירן, און דעם צווייטן ווייזער אויף נומער 5 — וואַסער־קאַמער, און האָט געגעבן אַ צי דאָס אָראַנזש־הענטל, אַזוי האָבן זיך אַלע פּאַסטקעטירן אָן עפן געטאָן און די העלדישע מאַטראָזן האָבן זיך געגעבן אַ גליטש אַראָפּ צו דער וואַסער־קאַמער. דאָ האָט דער קאַפּיטאַן געגעבן אַ צי דאָס רויטע הענטל, וואָס האָט געהאַט דעם אויפשריפט — „גע־פאַר!", האָט זיך די וואַסער־קאַמער גלייך אָנגעפילט מיט וואַסער און דערטרונקען די העלדישע מאַטראָזן.

נאָר איינער פון זיי איז געראַטעוועט געוואָרן — דאָס איז געווען דעם בראַוון קאַפּיטאַנס יונגער זון — יודקע.

יודקע איז געווען נאָך אַ יונג יינגל, אָבער בראַוו און קרעפטיק ווי זיין טאַטע. ווען מען האָט די פּיראַטן פאַרטריבן פון דער באַפרייונגס־שיף, איז יודקע געווען דער ערשטער אַריינצושפּרינגען אין וואַסער נאָכצויאָגן די פּיראַטן, און ער איז אויך געווען דער ערשטער אַריינצולויפן אין די פּיראַטן־שיף נאָך די פּיראַטן. און ווען די פּיראַטן האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן דורך די געהיימע טירן, זיינען העלפאַנד און טשערעפּאַכע געבליבן די לעצטע דורכצוקריכן. האָט זיך אונדזער בראַווער יודקע אַרויפגעכאַפּט צו העלפאַנדן אויף די פּלייצעס און איז אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן פון דערטרונקען ווערן.

העלדישע מאַטראָזן! — ווי העלדישע סאָלדאַטן — שרעקן זיך ניט פֿאַר געפֿאַר. און זיי וויינען ניט ווען זייערע נאָענטע און ליבסטע קומען אום אין קאַמף. יודקע האָט ניט געוויינט נאָך זיין טאַטן, און ניט נאָך זיינע טייערע פֿריינד, וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער וואַסער־קאַמער. ער האָט אָבער געטראָגן אַ באַהאַלטענע שנאה אין זיין האַרץ צו די פּיראַטן מיט זייער קאַפּיטאַן און האָט געדולדיק געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט זיי. אָבער כדי זיך קענען אָפּרעכענען מיט זיי, מוז ער פֿריער געווינען זייער צוטרוי.

ווען דער קאַפּיטאַן האָט צום ערשטן מאָל דערזען יודקען, האָט ער אים אַ ווײַלע באַטראַכט און האָט זיך אָנגערופֿן:

— העי, דו, העלדישער בחור, קום נאָר אַהער! זאָג מיר: ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט?

ענטפֿערט יודקע מיט אַ שמייכעלע:

— דיין פּיראַט, העלפֿאַנד, האָט אַ פֿאַר ברייטע פּלייצעס, און איך קען דיר זאָגן פֿון אייגענער דערפֿאַרונג, אַז ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו זיצן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס.

האָט זיך דער קאַפּיטאַן פֿאַנאַנדערגעלאַכט און האָט געזאָגט:

— ביסט אַ שטאָלצער בחור און אַ בראַווער קעמפֿער! איך האָב געזען ווי דו האָסט געקעמפֿט קעגן מיינע פּיראַטן... איך האָב ליב אַזעלכע ווי דו!... בלייבסט מיט אונדז און וועסט זיין מיין באַדינער... אָבער, געדענק! היט דיינע ביינער! דו געפֿינסט זיך אויף אַ פּיראַטן־שיף!...

יודקען איז געפֿעלן געוואָרן דעם קאַפּיטאַנס אָנבאָט און ער האָט זיך גענומען מיט חשק צו דער אַרבעט: ער האָט געפּוצט, געשייערט און גערייניקט אַלע ווינקעלעך אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק און האָט שטענדיק געבעטן מער אַרבעט. האָבן אַלע אויף דער שיף אים ליב באַקומען און, מיט דער צייט, אָנגעהויבן האָבן צוטרוי צו אים און האָבן אים געלאָזט

אַרומגיין פראַנק און פריי איבער דער שיף. און דאָס האָט יודקע געוואָלט. איז ער אַרומגעקראָכן אין אַלע ווינקעלעך, האָט אַלצדינג באַקוקט און באַטראַכט און האָט זיך וועגן אַלצדינג פאַנאַנדערגעפרעגט.

יודקע געפינט די מאַפּע פון ווונדערטיש

איין מאָל, ווען יודקע האָט געריייניקט דעם קאַפּיטאַנס קאַמער, האָט ער צופעליק אויסגעפונען אַ געהיים טירל אין וואַנט. ווען ער האָט דאָס טירל געעפנט, האָט ער דאָרט געפונען אַ קליין אייזערן קעסטל. דאָס קעסטל איז ניט געווען פאַרשלאָסן, האָט עס יודקע פאַרזיכטיק געעפנט און דערזען, אַז דאָס קעסטל איז פול מיט גאָלד און מיט גרויסע טייערע דימענטן. און צווישן דעם גאָלד מיט די דימענטן ליגט אַן אַלט צוזאַמענגעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר. האָט יודקע דאָס פּאַפּיר פאַנאַנדערגעעפנט און דערזען אַז סע איז אַ מאַפּע פון דעם ווונדערטיש. האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן צי קיינער זעט אים ניט, און האָט אין איילעניש אַראָפּגעשריבן אַ קאָפּיע פון דער מאַפּע. נאָך דעם האָט ער צוריק צוזאַמענ־געקנייטשט דאָס אַלטע שטיקל פּאַפּיר, עס צוריק אַריינ־געלייגט אין קעסטל, און דאָס קעסטל צוריקגעשטעלט אויף איר אָרט.

איצט זיצט יודקע מיט זיינע חברים — פראַיקע, שייקע און צאַלקע — אין זייער געהיים ווינקעלע, און אַלע פיר שטו־דירן זיי די מאַפּע און דעם שליסל צו דער קאָמבינאַציע פון ציפערבלאַט מיט די קאָלירטע עלעקטרישע קנעפּלעך און הענטלעך.

אָט איז די מאַפּע פון וואונדערטיש, לאָמיר זי באַטראַכטן:



דעם שליסל צו דער מאַפּע זע זייט 64

מיט דער מאַפּע אין זייערע הענט, האָבן די פיר איצט אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן ווי אַזוי צו באַפרייען אַלע

קינדער פון דער פּיראַטן־שיף און אַנלערנען די פּיראַטן, — פּאָר כאַפּן קינדער, זיי צווינגען צו אַרבעטן, און צום סוף, פאַרקויפן די קינדער צום שלעכטן קעניג אַלס אייביקע שקלאַפן.

— און איצט, — פאַרענדיקט יודקע זיין פּלאַן, — לאָמיר געדענקען, אַז אונדזער פּלאַן פון באַפרייונג קען דורכגעפירט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען די פּיראַטן וועלן פאַרלאָזן די „גאָלדענע טויב", כדי צו באַפאַלן אַן אַנדערע שיף. דערווייל, לאָמיר זיך נעמען צוגרייטן די קינדער צו דער באַפרייונג, און וואַרטן אויף דער געלעגנהייט.

אין דעם דערהערט זיך אַ געשריי פון סאָווע דעם אויסקוקער:

— אַ האַ־אַ־אַי! אַ האַ־אַ־אַי! אַ שיף גייט! אַ שיף גייט! אַ באַפרייונגס־שיף גייט!

ווען יודקע מיט זיינע חברים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט. און יודקע האָט אויסגערופן:

— חברה, אונדזער צייט איז געקומען! דאָס מיינט, אַז די פּיראַטן וועלן באַלד פאַרלאָזן די שיף! לאָמיר לויפן זיי העלפן אַריינקריכן אין די גומענע פיש־קערפּער!

און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן צום פאָדערשטן דעק, ווו די פּיראַטן האָבן געזונגען און געטאַנצט אַרום שפּרינצען.

די פּיראַטן מאַכן זיך גרייט צו באַפאַלן די באַפרייונגס־שיף

ווען די פּיראַטן האָבן דערהערט דאָס געשריי פון סאָווע דעם אויסקוקער, האָבן זיי גלייך אויפגעהערט זינגען און

טאַנצן און זיי האָבן גענומען קוקן דורך שפּאַקטיוון צום אָפענעם ים.

נאָך דעם ווי דער קאַפּיטאַן האָט דורך זיין שפּאַקטיוו באַטראַכט די שיף, האָט ער מיט צאָרן דורך די ציין אַרויס־געזייט:

— יאָ, דאָס איז אַ באַפרייונגס־שיף! דאָס איז דער „בלויער אָדלער“, — די געפערלעכסטע פון אַלע באַפרייונגס־שיפן! מיר מוזן זי צעשטערן! מיר מוזן זי פאַרניכטן! ווען ניט, וועט זי אונדז פאַרניכטן!

— פּיראַטן! — האָט דער קאַפּיטאַן ווילד אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — מאַכט זיך גרייט! אַזוי גיך ווי סע וועט פינצטער באַפאַלן מיר די שיף!

האָבן זיך די פּיראַטן גענומען גרייטן און גענומען אויף זיך אָנטאָן די גרויסע גומענע פיש־קערפּער. און יודקע, פּראַיקע און צאַלקע האָבן זיי געהאָלפן אַריינקריכן אין די גומענע פיש־קערפּער.

ווען שפּרינצע האָט דאָס דערזען, האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן און האָט זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן; זי האָט איצט מיט אירע אייגענע פאַרחלומטע אויגן געזען די אַלע ווּנדערס וואָס זי האָט ערשט אין לייענען אין איר בוך.

חלומט זיך איר? זעט זי דאָס אַלץ אויפן וואָר?

אָבער, זי האָט איצט קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל אין בוך וועט איצט דערציילט, אַז די פּיראַטן האָבן אויסגעזען ווי מאָדנע באַשעפענישן—האַלב־פיש און האַלב־ מענטש: אַז זייער קערפּער האָט איצט אויסגעזען ווי אַ גרויסער גרינער פיש מיט דריי פּאָר פליגלען פוןביידע זייטן, און דער קאָפּ, די הענט און די פיס האָבן אויסגעזען ווי פון מענטשן.

דערווייל האָט דער טאָג אָנגעהויבן פאַרשווינדן. אויפן

מערב-האָריזאָנט האָט אַ גרויסע פלאַמיקע זון זיך געזעצט אויפן וואַסער און געוואָלט אַנצינדן דעם ים, האָבן זיך כוואַליעס געוואָרפן און געלאָשן די פלאַמען. האָט זיך דערווייל אַ רויט ליכט געשפרייט און זיך צעלייגט איבער אַלץ אויף דער שיף.

דער קאַפּיטאַן גיט די לעצטע באַפעלן

ווען דער קאַפּיטאַן האָט דערזען אַז די פּיראַטן זיינען שוין באַלד גרייט, איז ער צוגעגאַנגען צום וווּנדערטיש, האָט דאָרט עפּעס געטאָן, נאָך דעם האָט ער אַ רוף געטאָן:

— העלפאַנד, אַהער! דו בלייב דאָ אויף מיין בריק! וועסט פאַר אונדז עפענען און צומאַכן דאָס גרויסע טויער, און, די הויפּט-זאַך: וועסט היטן דעם וווּנדערטיש מיט די אַלע עלעקטרישע קנעפּלעך און הענטלעך! און געדענק: קיינער טאָר זיך צו דעם ניט צורירן! און דו אַליין זאָלסט אויך ניט אָנרירן קיין איין קנאָפּ און קיין איין הענטל ביים וווּנדערטיש! דאָס זיינען די איינציקע צוויי הענטלעך, וואָס דו מעגסט אָנרירן: איינס, דאָס ברוינע הענטל, — דאָס וועט עפענען און צומאַכן דעם שפּייזאַלמער; און צוויי, דאָס זילבער-הענטל, — דאָס וועט עפענען און צומאַכן דאָס גרויסע טויער. און נאָך אַמאָל, געדענק: מ ע ר ג אָ ר נ י ש ט אָ נ ר י ר ן! ווען ניט, וועל איך דיך אַראָפּשיקן צו די הונגעריקע ראַצן!

נאָך דעם איז דער קאַפּיטאַן צוגעגאַנגען צום פּאַרענטש פון זיין בריק, האָט געגעבן אַ סיגנאַל סע זאָל ווערן שטיל, און האָט גענומען געבן די לעצטע באַפעלן צו די פּיראַטן:

— קאַרליק! דו ביסט קליין און קענסט דורכקריכן דורך אַלע ענגע לעכער, — קום מיט אונדז!

— אַלטער פוקס! ביסט כיטרע און קענסט אַלע מאָל איבערקליגן דעם פיינט, — קום מיט אונדז!

— בייזער וואָלף! דיך שרעקט קיין זאַך ניט אָפּ, — קום מיט אונדז!

— שוואַרצער אָדלער! דו ביסט פלינק ווי אַ טייוול, — מיט אונדז!

— רויטע טשערעפּאַכע! דו פּלאָנטערסט זיך אַלעמען אונטער די פיס, בעסער בלייב דאָ און היט די שטייגן מיט די יינגלעך, אויך די שטייגן מיט די מיידלעך! אָט האָסטו די שליסלען! — און דער קאַפּיטאַן האָט צו אים אַ וואָרף געטאָן די שליסלען.

— סאָווע! פרומע סאָווע! דיין שאַרף אויג וועט אונדז צונוץ קומען, — קום מיט אונדז!

— ברויגער בער! דיין גבורה וועלן מיר דאַרפן דאָרטן, — קום מיט אונדז!

— צווייפיסיקער וואָלרוס! דו גרונטעוועסט ווי אַ וואַלפיש, — קום מיט אונדז!

— האָריקע מאַלפּע! האָסט ווייניק שכל, אָבער אַ סך קונצן אין קלעטערן, — קום מיט אונדז!

— מייזעלע! דו האָסט מורא פאַר אַ קאַץ! — בלייב דאָ און גיב אַכטונג, אַז די קינדער זאָלן אַרבעטן!

— קלאַפּער־שלאַנג! ביסט גליטשיק און גיפטיק פאַרן פיינט, — קום מיט אונדז!

— דאַרער פלאַקן! דו קאָנסט דורכקריכן דורך דער קלענסטער עפענונג, — קום מיט אונדז!

— הינדעלע־הענדעלע! דיך קען אַ ווינט אַוועקבלאָזן!

— בלייב דאָ מיט מייזעלען און העלף אים אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן אַרבעטן!

— געלע קוקורוזע! מיט דיין באָרד אַליין קענסטו דער־שלאָגן אַ פיינט, — קום מיט אונדז!

— פלווידערזאַק! מאַכסט אונדז פריילעך מיט דיין פלוי־דערן, — קום מיט אונדז!

— מירקע־גיב־לשון! פון דיר איז שווער אַ וואָרט אַרויס־צוריסן, דערפאַר אָבער, קאָכסטו און באַקסט אַז ס'איז אַ מאכל צו בייסן! בלייב דאָ און גרייט פאַר אונדז צו אַ גוטן מאָלצייט, און, — סע מוז פאַרטיק זיין ווען מיר וועלן זיך צוריקקערן!

— וויכערווינט! דונערבליץ! פייערפלאַם! — מיט אונדז!

שפרינצע ווערט איינגעשפּאַרט אין זאַל פון „שרעק און ווונדער"

פאַרטיק געוואָרן מיט די באַפעלן, האָט דער קאַפּיטאַן גענומען זיין עלעקטרישן שטעקן און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— פיראַטן! זיך אַראָפּלאָזן צום דעק פון גרויסן טויער!

האָבן זיך די פיראַטן געלאָזט גיין צו די טרעפּ.

דאָ איז מייזעלע אויפגעשפּרונגען, און ווייזנדיק מיט אַ פינגער צו אַ קנויל שטריק, האָט ער אויסגערופן:

— הער קאַפּיטאַן! און וואָס וועלן מיר טאָן מיט איר?

האָבן זיך די פיראַטן אָפּגעשטעלט און זיך אומ־געקוקט אין דער ריכטונג וווּהין מייזעלע האָט געוויזן מיטן פינגער: פון אַ קנויל שטריק האָט אַרויסגעשטעקט שפרינ־צעס קאָפּ מיט די צוויי צעפּעלעך. האָבן זיך די פיראַטן אַרומגעשטעלט אַרום דעם קנויל, געקוקט און געשמייכלט. אינעווייניק, אינעם קנויל שטריק, איז געזעסן שפרינצע פאַר־

טיפּט אין איר בוך, און האָט ניט געהערט, און האָט ניט געזען, וואָס אַרום איר טוט זיך.

— אַ מאָדנע מיידל! — האָט דער קאַפּיטאַן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — אַ שטילע, אַ גוטע, אָבער אַ פאַרחלומטע. מיר מוזן זי אַביסל אויפטרייסלען, פאַנאַנדערוועקן, אַז ניט, וועט זי פאַר אונדז ניט טויגן.

— מייזעלע! — האָט דער קאַפּיטאַן מיט אַ מאָל אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. — נעם שפּרינצען און פיר זי אַוועק אין „זאַל פון שרעק און וואונדער"! זאָל זי דאָרט בלייבן איבער נאַכט! די שרעקן, וואָס זי וועט דאָרט דורכמאַכן, וועלן זי שוין פאַנאַנדערוועקן!

האָט מייזעלע גענומען שפּרינצען און זיך מיט איר געלאָזט צום וועג פון „זאַל פון שרעק און וואונדער". און דער קאַפּיטאַן מיט די פּיראַטן האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צום אונטערשטן דעק פון גרויסן טויער.

ווען דער קאַפּיטאַן מיט די פּיראַטן האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיט די טרעפּ, האָבן זיך פון פיר באַזונדערע ווינקעלעך אַרויסגערוקט די קעפּלעך פון יודקען, צאַלקען, שייקען און פראַיקען, און יעדערער האָט מיט פאַרביסענע ציין מיט געביילטע פויסטן שטילערהייט נאָכגעשריען דעם קאַפּיטאַן:

— וואַרט, דו באַנדיט! סע קומט די צייט וואָס דיין טאָג וועט פאַר דיר זיין פינצטערער ווי די נאַכט! סע קומט די צייט ווען מיר וועלן דיך פאַרשפּאַרן אין אַ זאַל פון שרעק און וואונדער פאַר דיר!

די פּיראַטן פאַרלאָזן די שיף

אין אונטערשטן דעק פון שיף איז געווען אַ גרויסער

טויער, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט האַרט ביים וואַסער. דורך דעם טויער פלעגן די פּיראַטן זיך לאָזן אין וואַסער אַריין נאָכצויאָגן אַ שיף, און ווען זיי פלעגן זיך צוריקקערן, פלעגן זיי דורך דעם זעלביקן טויער צוריק אַריין אין זייער שיף. אָבער עפענען און צומאַכן דעם טויער, האָט מען נאָר געקענט דורך דעם ווונדערטיש, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק.

ווי נאָר דער קאַפּיטאַן מיט די פּיראַטן זיינען צוגעקומען צום טויער, אַזוי האָט דער קאַפּיטאַן דריי מאָל אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער רעכטער זייט טויער, אונטער אַ פאַרמאַכט טירעלע. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו העלעפאַנדן אַז ער זאָל עפענען דעם טויער. האָט העלפאַנט אַ ציי געטאָן דאָס זילבערן הענטל, ווי דער קאַפּיטאַן האָט אים אָנגעזאָגט, האָט זיך דער טויער געעפנט און די פּיראַטן האָבן גענומען שפּרינגען אין וואַסער איינער נאָכן אַנדערן. אין וואַסער האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ דריי־עק, מיט דעם קאַפּיטאַן אין דער שפּיץ, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אָניאָגן די שיף.

אויפן ים איז שוין געווען פינצטער. אַן אויסגעשטערנטער הימל איז איבערן ים געהאַנגען. און איבערן הימל איז אַ גרויסע, בלייכע לבנה געשוווּמען. פון דער ווייטן האָבן געפינקלט די פייערלעך פון דער באַפרייונגס־שיף — „דער בלויער אָדלער". אַהין האָבן זיך איצט די פּיראַטן ווי ים־מייז געטראָגן.

☆

העלפאַנד איז געשטאַנען אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק און האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט ווי די פּיראַטן דערווייטערן זיך פון דער „גאָלדענער טויב" איבער די נאַכטיקע וואַסערן. נאָך

דעם האָט ער אַ שטופּ געטאָן דאָס זילבערן הענטל, האָט צוגעמאַכט דאָס גרויסע טויער אין אונטערשטן דעק און איז געבליבן שטיין ביים ווונדערטיש. ער האָט מיט נייגעריקייט באַקוקט די אַלע עלעקטרישע קנעפּלעך און הענטלעך און זיך געטראַכט:

איצט איז די צייט אויסצוגעפינען ווי אַזוי דער ווונדער־טיש אַרבעט; ער וועט איצט אַ דריק טאָן יעדעם עלעקטריש קנעפּל און וועט אַ צי טאָן יעדעם הענטל און וועט זען וואָס סע וועט געשען; אָבער — ניין. ער טאָר דאָס ניט טאָן. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעזאָגט — „ניט אָנרירן!" — מוז מען פאָלגן. אַז ניט? אַז ניט, וועט מען אים אַריינוואַרפן אין קאַמער צו די הונגעריקע ראַצן — בר־ר־ר! האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט מורא פאַר דער ראַצן־קאַמער! ער האָט מורא פאַר אַלע שטראָפקאַמערן! ער וועט גאָר־נישט ניט אָנרירן! גאָר־נישט־ניט!

און ער האָט זיך אַוועקגעקערט פון דעם ווונדערטיש.

צווייטער טייל

דער אויפשטאַנד פון די קינדער

דער שליסל צו דער מאַפּע

שליסל צו דער קאָמבינאַציע פון ציפערבלאַט מיט עלעקטרישע קנעפלען און הענטלעך

ציפערבלאַט נומער	טייל פון שיף	קאליר פון קנאָפּ און הענטל	ציפערבלאַט נומער	טייל פון שיף	קאליר פון קנאָפּ און הענטל
1	וואַסער־טויערן (אונטערוואַסער דעק)	רויט	9	קינדער־שטייגן	ראָז
2	פּאַסטקע־טירן	אָראַנדזש	10	שפּייז־אַלמער	ברוין
3	ראַצן און מייז־קאַמער	געל	11	קיך	ווייס
4	שטריק־קאַמער	גאָלד	12	וואונדער און שרעק־זאַל	בלוי
5	וואַסער־קאַמער	גרוי	פ.ר.	פאָדערשטער רודער	
6	שטראָף־קאַמער	גרין	ה.ר.	הינטערשטער רודער	
7	געהיים־קאַמער	שוואַרץ	א.ט.מ.	אויטאָמאַטישע טרייב מאַשינעריע	
8	גרויסער טויער	זילבער			

מען אַרבעט מיט חשק

ווי נאָר די פּיראַטן האָבן זיך דערווייטערט פון שיף, אַזוי האָבן זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט:

הינדעלע האָט אָוועקגעשטעלט אַ צאָל מיידלעך צו וואַשן און פּרעסן, צו פּוצן און ריניקן די צימערן; מייזעלע האָט אָוועקגעשטעלט אַ צאָל יינגלעך צו ריניקן און שייערן דעם גאַנצן אויבערשטן דעק פון שיף;

מירקע־גיב־לשון האָט זיך גענומען קאָכן, באַקן און פּרעגלען, און האָט זיך גענומען צוגרייטן פאַרשידענע גוטע מאכלים פאַר דעם גרויסן מאָלצייט ווען די פּיראַטן וועלן זיך צוריקקערן;

רויטע טשערעפּאַכע איז אַרומגעקראָכן הין און צוריק צווישן די שטייגן, האָט געקלאַפּט מיט די גרויסע שליסלען אין די גראַטעס און געהייסן אַלעמען זיין שטיל: „ניט ריידן, און ניט שעפּטשען!" האָט ער געשריען. „וואָס שעפּטשעט איר דאָרט איינע צו די אַנדערע, וואָס פאַר אַ שעפּטשעניש איז היינט אויף אייך אָנגעפאַלן!"

אַלע קינדער האָבן איצט געאַרבעט מיט אַ גאָר באַזונדערן חשק, מען האָט קיינעם ניט געדאַרפט אונטערטרייבן אין דער אַרבעט. הינדעלע מיט מייזעלען האָבן זיך איבערגעקוקט און האָבן מיט פאַרוווּנדערונג אויסגערופן:

— זע נאָר, ווי מען אַרבעט!

— זע נאָר, מיט וואָס פאַר אַ חשק!

— זע נאָר, ווי מען איילט זיך!

— זע נאָר, ווי מען יאָגט זיך!

אָבער מער פון אַלעמען און פלייסיקער פון אַלעמען האָט היינט געאַרבעט יודקע; ער האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער דער

שיף ווי אַ וויכער! אַט איז ער דאָ, אַט איז ער דאָרט, און אַט איז ער אומעטום! ער האָט געשלעפּט שטריק, געצוויגן זעגלען, געטראָגן וואַסער צו די מיידלעך, און געטראָגן וואַסער צו די ייִנגלעך. און יעדעם מאָל וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ייִנגל, צי אַ מיידל, האָט ער צוגעשעפּטשעט:

— זייט גרייט. הײַנט אָוונט.

און יעדער איינער האָט צוריקגעענטפערט מיט אַ שטילן נייג מיטן קאָפּ:

— איך בין גרייט.

דער גוט געפּלאַנטער אָנהייב

ווען יודקע האָט שוין אַלעמען געהאַט אָנגעזאָגט וואָס ער האָט געדאַרפט, האָט ער כלומרשט שטיפעריש געגעבן אַ שפּרונג אַרײַן אין קיך און האָט אויסגערופן:

— אַט בין איך, מירקע־גיב־לשון, איך בין געקומען דיר העלפן!

האָט זיך מירקע־גיב־לשון צעלאַכט:

— האַ, האַ, האַ! אַ שיינע הילף קענסטו מיר זײַן! צי קענסטו אַרויפהייבן אַט דעם צעבער וואַסער אויפן אויוון? אָדער, אַט דעם קעסל מיט קאַשע? וואַרט, איך וועל דיר ווײַזן ווי מען טוט עס: זעסט? אַט אַזוי! און אפשר קענסטו, צוציק איינער, פאַר מיר אַרויפברענגען אַ זייטל פלייש פון שפּייזאַלמער? האַ? איך דאַרף איצט האָבן דאָס פלייש!

דערהערט דאָס וואָרט „שפּייזאַלמער", האָט זיך יודקע דערפרייט, ער האָט אָבער באַהאַלטן די פרייד אין זיך און האָט זיך אָנגערופן מיט אַן ערנסט פּנים:

— אַוואַדע קען איך! — אָבער וואָס לאַכסטו אַזוי? שרייב מיר נאָר אָן אַ צעטעלע, אַז דו דאַרפסט אַ זייטל פלייש

און ווילסט מען זאָל עס דיר אַרויפּברענגען, וועסטו זען ווי גיך סע וועט דיר צוגעשטעלט ווערן.

האָט מירקע־גיב־לשון צורשט באַטראַכט יודקען מיט חשד, נאָך דעם האָט ער זיך אָנגערופן:

— ביסט אַ כיטרער יונג, יודקעלע! האָסט אַ קלוגן קאָפּ אויף דיינע פּלייצעס! אָבער, איך געטרוי דיר! נאַ, אָט האָסטו דאָס צעטעלע און לאָמיר זען וואָס דו קענסט דערמיט אויפטאָן! נו, וואָס שטייסטו און גלאָצסט מיט די אויגן? מאַרש, העלד איינער!

העלפאַנד פאַרשווינדט

יודקע האָט געכאַפּט דאָס צעטעלע, איז אַרויפגעלאָפן אויפן קאַפּיטאַנס בריק און האָט זיך אָנגערופן צו העלפאַנד:

— העלפאַנד, מירקע־גיב־לשון האָט געזאָגט, אַז דו זאָלסט שוין, די מינוט, גיין אין שפּייזאַלמער און אַרויפּברענגען אַ גרויס זייטל פלייש, אויב ניט, זאָגט ער, קען ער דעם גרויסן מאַלצייט פאַר די פּיראַטן ניט פאַרטיק מאַכן.

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! — האָט העלפאַנד אַרויס־געברומט. — גיי געפין אימיצן אַנדערש!

— וועמען אַנדערש? — מאַכט יודקע; — זאָל איך בעטן הינדעלען? אָדער זאָל איך בעטן מייזעלען? עסן קענען זיי, אָבער ניט קיין זייטל פלייש אַרויפּברענגען. און ווען דער קאַפּיטאַן מיט די פּיראַטן וועלן זיך צוריקקערן הונגע־ריקע און פאַרמאַטערטע, און דאָס מאַלצייט וועט ניט זיין גרייט, וועט איר אַלע האָבן אַ וויסטן סוף. דו ביסט פאָרט דער איינציקער וואָס קען דאָס טאָן, איז לאָז זיך ניט בעטן, גיי און ברענג עס אַרויף.

— איך קען אָבער דעם קאַפּיטאַנס בריק ניט פאַר־לאָזן! — זאָגט העלפאַנד — איך מוז היטן דעם ווונדער־טיש מיט אַלע עלעקטרישע קנעפּעלעך און הענטלעך!

— איך וועל היטן ביז דו וועסט צוריקקומען, — זאָגט יודקע. — און דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! איך וועל קיינעם ניט לאָזן צוקומען נאָענט, און וועל קיינעם ניט לאָזן אָנרירן דעם ווונדערטיש!

האָט זיך העלפאַנד געקראַצט זיין פעטן קאַרק, נאָכגע־טראַכט אַ ווײַלע און האָט זיך אָנגערופן:

— נו, גוט. איך ווייס, אַז דו ביסט אַ וווילער חברה־מאַן און איך קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן. נאַ, אָט האָסטו מיין עלעקטרישן שטעקן. שטיי דאָ און לאָז קיינעם ניט צו ביז איך וועל צוריקקומען. זעסט אָט דאָס ברוינע הענטל? דאָס עפנט די טיר פון שפּייזאַלמער. טו אַ צי און די טיר וועט זיך עפענען — אָט אַזוי! געדענק זשע: — קיינעם ניט צולאָזן! און ער איז אַוועק.

ווי נאָר העלפאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיט די טרעפּ צום שפּייזאַלמער, אַזוי האָט יודקע אַרויסגעכאַפּט די ווונדערטיש־מאַפּע פון קעשענע, זיך איבערגעבויגן אי־בערן טיש, אָנגעשטעלט איין ווייזער אויף נומער 10, דעם צווייטן — אויף נומער 2 און האָט אַ דריק געטאָן דאָס ברוינע קנעפּל. גלייך איז אַ ווינקל פון טיש באַלויכטן געוואָרן און יודקע האָט געקענט זען אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אין שפּייזאַלמער.

אָט זעט ער ווי העלפאַנד קומט אַריין, באַטראַכט די פּאָליצעס, נאַשט צו ביסלעך פון דעם און פון יענעם, קומט צו צום שפּיגל און שטעלט זיך אַוועק באַטראַכטן זיין שמאַלציק פּנים.

ווי יודקע האָט דערזען העלפאַנדן פאַרן שפּיגל, האָט

ער, מיט ציטעריקע הענט, גיך אַ צי געטאָן דאָס אָראַנזש־הענטל און — העלפאַנד איז פאַרשווונדן געוואָרן אין דיל.

מייזעלע און הינדעלע פאַרשווינדן

פטור געוואָרן פון העלפאַנדן, האָט יודקע אַ שפּרונג געטאָן צום פאָרענטש פון קאַפּיטאַנס בריק און האָט אויס־געדופן: נאָך איין עמער וואַסער! „נאָך איין עמער וואַסער" איז געווען דער געהיימער סיגנאַל פון די פיר חברה־לייט צו זיין גרייט.

ווי נאָר יודקע האָט געגעבן דעם געהיימען סיגנאַל, אַזוי האָבן זיך אַרויסגעהויבן דריי קעפּלעך פון פּראַיקע, צאַלקע און שייקע — און האָבן שטיל געזאָגט:

— מיר זיינען גרייט, יודקע! זאָלן מיר אָנהייבן?

— יאָ, — זאָגט יודקע, — און זיך צואיילן! און גע־דענקט: אַלצדינג ווערט געטאָן לויטן פּלאַן ווי מיר האָבן אויסגעאַרבעט! קען איך זיך אויף אייך פאַרלאָזן?

— סע וועט ניט פעלן קיין האָר! — גיבן צו פּראַיקע און שייקע.

— איז צו דער אַרבעט! — גיט יודקע אַ קאָמאַנדעווע.

— אָבער — פרעגט צאַלקע, — ווען וועלן מיר אַרויס־ראַטעווען שפּרינצען פון שרעק־און־ווונדער־זאַל?

—שפּעטער — ענטפערט יודקע, — שפּעטער! ס'איז טאַקע אַ רחמנות אויף איר, זי מוז דאָרטן שטאַרק ליידן, איצט אָבער קענען מיר פאַר איר גאָרנישט טאָן. מיר מוזן פריער פטור ווערן פון אַלע פיראַטן אויף דער שיף, ערשט נאָך דעם וועלן מיר זי קענען באַפרייען פון שרעק־און־ווונדער־זאַל! נו, חברה, ניט געטראַכט! צו דער אַרבעט!

האָבן זיך די דריי חברה־לייט אַ לאָז געטאָן דורכפירן זייערע פּלענער:

די ערשטע אויף זייער צעטל — מייזעלע און הינדעלע — זיינען געזעסן אויף דער ערד צוגעשפּאַרט פּלייצע צו פּלייצע און האָבן געדרעמלט. דערזען אַזאַ זאַך, האָבן זיך די דריי חברה־לייט אַ שושקע געטאָן, און שייקע האָט זיך שטילערהייט פאַררוקט הינטער אַ קופּע שטריק און האָט געוואָרט אויף זיין געלעגנהייט; צאַלקע און פּראַיקע האָבן אָנגענומען פולע עמער וואַסער, זיך אונטערגעגנבעט — שטיל ווי די קעצלעך — און אָפּגעגאָסן מייזעלען מיט הינ־דעלען; האָבן זיך די צוויי אויפגעכאַפּט — גרין מיט צאָרן — און האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך צאַלקען מיט פּראַיקען; האָט זיך פּראַיקע געלאָזן צום זעגל־לייטער און גענומען קלעטערן פון איין זעגל צום אַנדערן, און הינדעלע נאָך אים; און צאַלקע האָט זיך געלאָזט לויפן צום שפּייזאַלמער, און מייזעלע האָט אים אַהין נאָכגעיאָגט.

☆

אויפן ווונדערטיש האָט זיך געזען דער שפּייזאַלמער אַ באַלויכטענער און יודקע איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן טיש און האָט מיט אומגעדולד געוואָרט. מיט אַמאָל האָט זיך יודקע אַ צאַפּל געטאָן: ער האָט דערזען דורכן ווונדער־טיש, ווי צאַלקע האָט זיך געגעבן אַ גליטש אַראָפּ פון פּאַ־רענטש, ביי די טרעפּ, אין שפּייזאַלמער אַריין, און גלייך נאָך אים, פון די טרעפּ — אַ נאַסער, אַ פאַרסאַפּעטער, מיטן עלעקטרישן שטעקן אין האַנט — לויפט מייזעלע. און אָט איז צאַלקע פאַרביי געלאָפן דעם שפּיגל, זיך צוגעשפּאַרט צו דער לעצטער וואַנט, אויף וועלכער דאָס פלייש איז געהאַנגען,

און האָט שוין מער ניט געהאַט ווערין צו לויפן. ווען מייזעלע האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך צעשמייכלט מיט צעשטשי־רעטע, געלע ציין, און גענומען גיין מיט ניט־געאיילטע, גע־מאָסטענע טריט — גלייך ווי אַ קאַץ, ווען זי איז גרייט צו שפּרינגען אויף איר קרבן. אָבער, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אַנטקעגן שפּיגל, אַזוי האָט זיך דער דיל אונטער זיינע פיס אָן עפן געטאָן, און מייזעלע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. באַלד האָט זיך דער דיל צוריק צוגעמאַכט — גלייך ווי גאָרנישט איז געשען! בלויז דער עלעקטרישער שטעקן, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון מייזעלעס האַנט, איז געבליבן ליגן אויפן דיל. האָט צאַלקע געכאַפּט דעם שטעקן, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל הינטער אַ זייטל פליש, און איז געווען גרייט צו העלפן זיין חבר.

ווען יודקע האָט דערזען, אַז מייזעלע איז שוין אויך ניטאָ האָט ער אַ שפּרונג געטאָן צום פאָרענטש פון קאַפּי־טאַנס בריק און האָט אויסגערופן:

— שייקע! — נאָך איין עמער וואַסער!

און איר ווייסט דאָך שוין, אַז דער רוף — נאָך איין עמער וואַסער — איז געווען דער געהיימער סיגנאַל פון אַלע קינדער אויף דער שיף. איז ווי נאָר שייקע האָט דער־הערט דעם געהיימען סיגנאַל, אַזוי האָט ער געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פון צווישן די קופּעס שטריק, איז צוגעלאָפן צום זעגל, אויף וועלכן הינדעלע האָט איצט געהאַלטן אין קריכן, און האָט אַ צי געטאָן אַ שלייף פון אַ שטריק, וואָס ער האָט נאָך פון פריער צוגעגרייט, אַזוי האָט זיך דער זעגל געגעבן אַ לאָז אַראָפּ און הינדעלע האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט אויף אַ קופּע שטריק.

הינדעלע איז אָבער גיך אויפגעשפּרונגען אויף זיינע דינע פיסלעך, און — דערזעענדיק ווי שייקע שטייט אַנטקעגן אים און לאַכט — האָט ער אויפגעהויבן זיין עלעקטרישן

שטעקן און האָט זיך, אַ צערייצטער, נאָך אים אַ לאָז געטאָן. שייקע האָט אויף דעם געוואַרט, האָט ער געגעבן אַ שפּרונג איבער אַ קופּע שטריק און האָט זיך געלאָזט לויפן צום שפּייז־אַלמער, און הינדעלע האָט אים אַהין נאָכגעיאָגט. און אין שפּייזאַלמער, איז שוין מיט הינדעלען געשען דאָס אייגענע וואָס מיט מייזעלען — דער דיל האָט זיך אָן עפּן געטאָן, און הינדעלע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן מיטן שטעקן און — שאַ, שטיל, גלייך ווי גאָרנישט איז געשען.

„מירקע־גיב־לשון" פאַרשווינדט

פאַרטיק געוואָרן מיט הינדעלען אויך, האָבן זיך צאַל־קע און שייקע אַרויסגעהויבן פון שפּייזאַלמער און געהאָלפן פראַיקען זיך אַראָפּלאָזן פון זעגל־לייטער. נאָך דעם זיינען אַלע דריי צוגעקומען צום קאַפּיטאַנס בריק — יעדערער מיט אַן עמער וואַסער אין האַנט — און האָבן אויסגערופן:

— יודקע, נאָך איין עמער וואַסער! זאָג, וואָס ווייטער?

— גוטע אַרבעט! האָט זיך יודקע אָנגערופן, — מען קאָן זיך אויף אייך פאַרלאָזן. דאָ האָט יודקע גענומען ריידן שטיל:

— איצט מוזן מיר אַרבעטן שנעל, ווייל די צייט שטייט ניט און די פּיראַטן קענען זיך נאָך באַלד אומקערן. און וואָס לענגער עס וועט אונדז נעמען, אַלץ לענגער וועט שפּרינצע דאַרפן זיין אין זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער. דעריבער גייט גלייך צו דער קיך און טוט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. אָבער פאַרזיכטיק! ווייל מירקע־גיב־לשון איז אַ כיטרער און גע־פערלעכער יונג!

— פאַרלאָז זיך אויף אונדז, יודקע, — האָבן די דריי געענטפערט. — מיר וועלן שוין אָפּאַרבעטן אַ שטיקל אַרבעט

מיט מירקען; ער וועט ביי אונדז טאַנצן אויף דעם שטריי-קעלע!

באַלד האָבן צאַלקע, פראַיקע און שייקע זיך באַוויזן אין טיר פון קיך. מירקע-גיב-לשון האָט אויף זיי קרום אַ קוק געטאָן און האָט אויסגערופן:

— ס׳קאַצל קומט! וואָס לאָדערט איר אַרום, ליידאַקעס איי-נע! איר האָט ניט וואָס צו טאָן? אַהער קומט, און נעמט זיך צו דער אַרבעט!

האָבן די דריי חברה-לייט, כלומרשט, זיך אַ צאַפּל געטאָן פון שרעק און האָבן אַרויסגעשטאַמלט:

צאַלקע: צו-צו-צו-ליב דעם ט-ט-טטאַקע זיינען מיר אַהער געקומען.

פראַיקע: די-די-דיר אַרויסצוהעלפן.

שייקע: וו-וו-ייל מיר וו-וו-וויסן אַ-אַ-אַז דו האָסט אַ סך אַרבעט.

— אַט אַזוי האָב איך אייך ליב! — מאַכט מירקע-גיב-לשון מיט אַ פריילעכן פּנים. — אַריין, און העלפט מיר צוגרייטן דעם קאָמפּאָט! אַט האָט איר זעק מיט פלוימען, ראָזשינקעס, געטריקנטע עפל און באַרן. וואַשט דאָס אַלץ איבער און צעבראָקט די עפל מיט די באַרן. אָבער ניט נאַשן! האָט איר געהערט! ניט נאַשן!

האָבן זיך די דריי גיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. אַרבעטנדיק, ריידן זיי צווישן זיך, כלומרשט שטיל, אָבער הויך גענוג, אַז מירקע-גיב-לשון זאָל הערן.

צאַלקע: זיי האָבן שוין דאָרט געמוזט אויסטרינקען דעם גאַנצן וויין!

פראַיקע: און זיי טרינקען נאָך פון דעם בעסטן וויין!

שייקע: מייזעלע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דעם קאַפּיטאַנס וויין!

צאַלקע (שרייט אוים): דעם קאַפּיטאַנס ווײַן? אוי! אוי! וואָס וועט זיין ווען דער קאַפּיטאַן וועט אויסגעפינען?

— העי, חברה! — האָט מירקע־גיב־לשון אויסגעשריען.

— וואָס דברט איר דאָרט? וואָס פאַר אַ ווײַן? ווער טרינקט ווײַן? רעדט גיך! אַז ניט... — האָט מירקע פאַרהייבן אַ שטעקן איבער זייערע קעפּ.

— אוי, מירקעלע, שלאָג ניט! מיר וועלן דיר אַלצדינג דערציילן! אַלצדינג! — האָבן די דריי חברה־לייט אויסגע־רופן צעשראָקענע. מיר בעטן דיך אָבער, אַז דו זאָלסט ניט אויסזאָגן ווער סע האָט דיר דערציילט.

— אַרוים מיט לשון! — שרייט מירקע. — נו, גיכער! אָדער איך וועל אייך די ציין פון מויל אַרויסטרייסלען! — דערביי האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די דריי פאַר די קאָלנערס און זיי געגומען טרייסלען. נאָך דעם האָט ער זיי אַ שטויס געטאָן פון זיך און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — רע־ע־עדט!.

האָט צאַלקע גענומען גיך ריידן:

— מייזעלע מיט הינדעלען זיינען אַראָפּ אין שפּייז־אַלמער אַרויפצוברענגען אַ זייטל פלייש פאַרן מאַלצייט, האָבן זיי זיך דערוויל אַריינגעכאַפּט אין ווײַנאַלקער, הינ־טער דער שפּיגלטיר, און זיך גענומען טרינקען דעם קאַפּי־טאַנס ווײַן, דאָס איז אַלץ.

ווען מירקע־גיב־לשון האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ קיכמעסער צווישן די ציין, האָט זיך מיט האַסט אַראָפּגעלאָזן צום שפּייזאַלמער, איז צוגעלאָפן צו דער שפּיגלטיר און האָט גענומען רייסן און שרייען:

— עפנט! עפנט די טיר! עפ...

דאָ האָט זיך דער דיל אונטער אים אָן עפן געטאָן און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. באַלד האָט זיך די פאַסטקעטיר

צוריק צוגעמאַכט און אין שפּייזאַלמער איז געוואָרן שטיל, גלייך ווי גאָרנישט איז געשען.

ווי נאָר מירקע־גיב־לשון איז פאַרשווונדן געוואָרן דורכן דיל, אַזוי האָט יודקע גיך גענומען אַרבעטן איבערן ווונ־דערטיש: ער האָט אָנגעשטעלט איין ווייזער אויף נומער 7, דעם צווייטן — אויף נומער 4, האָט אַ דריק געטאָן דעם שוואַרצן קנאָפּ און האָט אַ צי געטאָן דאָס גאָלדענע הענטל, אַזוי האָט אין ווונדערטיש אויפגעלויכטן די געהיים־קאַמער. און יודקע האָט דערזען ווי העלפאַנד, מייזעלע, הינדעלע און מירקע־גיב־לשון האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען דרייען ווי דריידלעך (ווייל דער דיל אונטער יעדן איינעמס פּיס האָט זיך גענומען דרייען), און פון סטעליע האָבן זיך אָנגעהייבן אַראָפּלאָזן רייפן שטריק — רייף נאָך רייף, און זיך גענומען אַרויפשרויפן אויף יעדן איינעם פון די פּיראַטן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַזוי ווי פאַדעם וואָלט זיך געוויקלט אויף אַ שפּינדל. און טאַקע באַלד זיינען די פיר פּיראַטן געשטאַנען אַרומגעוויקלטע מיט גראָבע שטריק — פון קאָפּ ביז די פּיס — און האָבן אויסגעזען ווי פיר גראָבע קלעצער.

ווען יודקע האָט דערזען די פיר „גראָבע קלעצער”, האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— גענוג. זיי קענען שוין אַזוי שטיין ביז די שטריק וועלן פאַרפוילט ווערן! — און ער האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס גאָלדענע הענטל, אַזוי האָבן זיך די קיילעכדיקע דיסקן אין דיל פון געהיים־קאַמער אָפּגעשטעלט און דער ווונדער־טיש איז פינצטער געוואָרן.

„רויטע טשערעפּאַכע" ווערט פאַרשפּאַרט

יודקע האָט זיך אין איילעניש אַ הייב געטאָן פון וווּנדערטיש איז צוגעשפרונגען צום פאָרעגטש פון קאַפּיטאַנס בריק און האָט אויסגערופן:

— נאָך איין עמער וואַסער!

דערהערט דעם געהיימען סיגנאַל, האָבן פון אַלע ווינקעלעך זיך אָנגעהויבן אַרויסהייבן באַהאַלטענע קעפּלעך, און דריי חברהלייט — צאַלקע, פראַיקע און שייקע — האָבן געגעבן אַ שפרונג-צו צום פאָרענטש און האָבן שטיל געזאָגט:

— מיר זיינען דאָ, יודקע.

— אַלע דאָ? — פרעגט יודקע.

— אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט און זיינען ניט געווען פאַרשפּאַרט אין די שטייגן, — האָט צאַלקע געענטפערט.

— קומט צו נעענטער און הערט, — מאַכט יודקע.

האָבן זיך אַלע שטילערהייט דערנעענטערט, און יודקע האָט געזאָגט:

— מיר זיינען ביז איצט פּטור געוואָרן פון די געפערלעכסטע פיר פיראַטן, וועלכע דער קאַפּיטאַן האָט איבערגעלאָזן אויף דער שיף, כדי אונדז צו היטן. איצט איז געבליבן נאָר איינער — רויטע טשערעפּאַכע. מיר מוזן פון אים וואָס אַמשנעלסטן פּטור ווערן, און וואָס גיכער באַפרייען די קינדער פון די שטייגן, און שפּרינגען פון זאַל-פון-שרעקאון וווּנדער, און צוזאַמען זיין גרייט צו באַגעגענען דעם קאַפּיטאַן מיט די פיראַטן. זיי וועלן שוין לאַנג זיך נישט פאַרזאַמען. געדענקט איר אונדזער פּלאַן וועגן רויטער טשערעפּאַכע?

— יאָ! יאָ! יאָ! — האָבן זיך דערהערט שטילע אויסרופן.

— איז, צו דער אַרבעט, חברה! — האָט יודקע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

האָבן זיך חברה גלייך גענומען קלעטערן איבער זעגל-לייטערס, און גענומען קריכן אויף שטריק, און זיך גענומען איבערוויגן פון איין זעגל צום אַנדערן, אַזוי ווי די מאַלפּעס!

אויף דער אַנדער זייט שיף איז רויטע טשערעפּאַכע אַרומגעגאַנגען הין און צוריק צווישן די שטייגן, געקלונגען מיט די גרויסע שליסלען און האָט גאַרנישט ניט פאַרדעכטיקט. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע; ער האָט אַ פּאָר מאָל יאָ באַמערקט ווי שאָטנס וויגן זיך איבערן דעק; ער האָט זיך אָבער געטראַכט, אַז דאָס דאַכט זיך אים אויס, און ער האָט ווייטער געקלונגען מיט די גרויסע שליסלען.

מיט אַ מאָל האָט אַ גרויסער ווייסער זעגל געגעבן אַ פאַל אויף אים און האָט אים אומגעוואָרפן צו דער ערד. און, נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו קומען צו זיך, האָבן פון אַלע דערבייאיקע זעגל-לייטערס גענומען שפּרינגען קליינע חברהלייט אויף אים, און גיך, און געשיקט, אים געגעבן אַ וויקל-איין אינעם זעגל, אַ בינד-איין מיט שטריק, אַ נעם-צו פון אים די שליסלען און האָבן אויפגעעפנט די שטייגן.

אין די שטייגן האָבן אַלע ייִנגלעך און מיידלעך שוין געוווּסט, אַז היינטיקע נאַכט וועט געשען דאָס, וועגן וואָס זיי האָבן אַ לאַנגע צייט געחלומט — די באַפרייונג! זיינען אַלע געלעגן אויף זייערע געלעגערס, זיך שטילערהייט גע-שושקעט און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט.

ווען די שטייגן האָבן זיך געעפנט, זיינען אַלע אַרויס-געלאָפן מיט געשרייען פון פרייד, האָבן אַנגעכאַפּט דעם זעגל, אין וועלכן טשערעפּאַכע איז געלעגן איינגעבונדן, און האָבן אים אַריינגעשלעפּט אין דער שטאַרקסטער שטייג אויף דער שיף.

דאָס איז געווען די שטייג ווו רויטע טשערעפּאַכע פלעגט באַשטראָפן די קינדער, וועלכע פלעגן ניט אַרויסגעבן גענוג אַרבעט. די שטייג איז געווען אַ קליינע, אָן אַן אָרט ווו צו זיצן. און געמאַכט איז זי געווען מיט צווייענדיקע גראַטעס פון גראָבן אייזן, און מיט צווייענדיקע, גראָבע אייזערנע טירן, און יעדע טיר האָט זיך פאַרשלאָסן אויף דריי שלעסער.

אָט אין דער שטייג האָבן די קינדער אַריינגעשלעפּט דעם איינגעבונדענעם טשערעפּאַכע, אים געלאָזט ליגן אויף דער ערד, און האָבן די אייזערנע טירן פאַרשלאָסן — יעדע טיר מיט דריי שלעסער. נאָך דעם, מוטיקע און פריילעכע, אָבער מיט שטילן געזאַנג, האָבן זיך אַלע געלאָזט מאַרשירן צו יודקען אויף דער אַנדער זייט שיף.

און אָט איז דאָס מאַרשליד וואָס זיי האָבן געזונגען:

מיר קומען

ווי כוואַליעס געטריבן פון שטורעם;
ווי אָדלערס צעיאָגטע אין רוימען;
באַפרייטע פון שטייג און פון טורעם
מיר קומען...! מיר קומען...! מיר קומען...!

דער ים איז אַ ווייטער, אַ ברייטער;
די ווינטן — זיי פייפן און ברומען!
אין ווייט ליגן ברעגן פאַרגרייטע —
מיר קומען...! מיר קומען...! מיר קומען...!

ווי כוואַליעס געטריבן פון שטורעם;
ווי אָדלערס צעיאָגטע אין רוימען;
באַפרייטע פון שטייג און פון טורעם
מיר קומען...! מיר קומען...! מיר קומען...!

פרייד פון באַפרייטע

יודקע איז געשטאַנען אַ פריילעכער ביים פּאַרענטש אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק און האָט געוואַרט אויף דער חברה. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט, האָט יודקע אויפ־געהויבן זיין האַנט, — אַ צייכן אז ער וויל עפּעס זאָגן, איז געוואָרן שטיל און יודקע האָט אָנגעהייבן:

— מיר זיינען איצט אַלע פריילעך, ווייל מיר זיינען איצט צום ערשטן מאָל אַלע צוזאַמען! טאָ לאָמיר זיך האַלטן אַלע צוזאַמען... אַלע ווי איינער! און מיר וועלן נאָך היינט, איידער די נאַכט וועט אַוועק, זיך באַפרייען פון אונדזערע געפערלעכע שונאים, פון אונדזער גרעסטער געפאַר — פון דעם קאַפּיטאַן מיט זיין באַנדע פּיראַטן! דער קאַפּיטאַן מיט זיין באַנדע קען זיך צוריקקערן יעדע מינוט, — מיר מוזן זיין גרייט! מיר מוזן זיין אויף דער וואַך! מיר מוזן זען, אַז אַלע טירן, וואָס פירן פון אונטערשטן דעק אויף אַרויף צו אונדז, זאָלן זיין גוט פאַרשפּאַרט! געדענקט: אַז אונדזער פרייד, איז דערווייל, נאָך ניט קיין פולע פרייד! ערשט, ווען מיר וועלן פּטור ווערן פון אַלע פּיראַטן, וועט אונדזער פרייד זיין אמתדיק און גרויס, ווייל דאַן, וועלן מיר זיך קענען אומקערן אַהיים צו אונדזערע טאַטעס און מאַמעס!

ווי נאָר יודקע האָט דערמאָנט „טאַטעס און מאַמעס", זיינען אַלע געוואָרן אומעטיק און פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט אויסרופן:

— לאָמיר גלייך איצט פאַרקערעווען די שיף און פאָרן צוריק אַהיים!

— גלייך איצט! גלייך איצט! אויף וואָס און אויף ווען מיר וואַרטן מיר?

— אויף וועמען וואַרטן מיר? — האָט זיך יודקע אָנגע־רופן, — מיר וואַרטן אויף די פּיראַטן! און אָט פאַר וואָס:

— ווען די פּיראַטן וועלן זיך אומקערן און דערזען, אַז די שיף פאָרט אויף צוריק, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז עפּעס האָט געמוזט געשען אויף דער שיף. וועלן זיי זיך אַ טראָג טאָן איבערן וואַסער נאָך שנעלער פון דער שנעלסטער שיף — און איר האָט דאָך געזען ווי גיך זיי שווימען ווען זיי טוען אָן אויף זיך די גומענע פיש־קערפּער — און וועלן אונדז דעריאָגן; און זיי זיינען דאָך גרויס אין צאָל, און גרעסער און שטאַרקער פון אונדז, ווייסט איר דאָך וואָס זיי וועלן טאָן מיט אונדז... !

דאָ זיינען אַלע קינדער ווידער אומעטיק געוואָרן, אָבער ניט יודקע. יודקע האָט ווייטער גערעדט און האָט זיי דער־ציילט דעם פּלאַן — וואָס ער גרייט זיך צו טאָן, ווען די פּיראַטן וועלן אָנקומען. ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אַלע אויסגעשריען מיט פרייד :

— הוראַ פאַר יודקען !

— דער פּלאַן איז אויסגעצייכנט !

— לאָמיר זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט !

יודקע גיט באַפעלן

— וואַרט אַ ווײַלע ! — רופט אויס יודקע, — מיר אַרבעטן מיט אַ פּלאַן ! אַלע צוזאַמען, אַלע ווי איינער ! פּראַיקע, שייקע און צאַלקע וועלן זיין די אָנפירער, און איר אַלע וועט מוזן אויספאָלגן אַלץ, וואָס זיי וועלן אייך הייסן טאָן.

— שייקעס אויפגאַבע וועט זיין, — האָט יודקע גענומען אויסרעכענען יעדערנס אַרבעט, — צו זען, אַז די שיף זאָל גוט באַוואַכט ווערן. אַלע די וואָס ווילן העלפן שייקען באַוואַכן די שיף, זאָלן זיך שטעלן לינקס, דאָרטן, לעבן שייקען.

האָבן זיך אַ טייל יינגלעך און מיידלעך געשטעלט לעבן שייקען.

— פראַיקעס אויפגאַבע וועט זיין, — צו זען אַז אַלע טירן, וואָס פירן צום אויבערשטן דעק, זאָלן פאַרבאַריקאַדירט ווערן. אַלע די וואָס ווילן העלפן פראַיקען צו פאַרבאַריקאַדירן די טירן, זאָלן זיך שטעלן רעכטס, לעבן פראַיקען!

האָבן זיך אַ טייל יינגלעך און מיידלעך געשטעלט לעבן פראַיקען.

צאַלקעס אויפגאַבע וועט זיין אַ געפערלעכע אָבער אַן אָנגענעמע, — ער וועט זיך אַראָפּלאָזן צום זאַל־פון־שרעק־און־ווונדער און וועט פון דאָרטן אַרויסראַטעווען שפּרינצען. אַלע די, וואָס ווילן העלפן אַרויסראַטעווען שפּרינצען, זאָלן אַרויסגיין אַהער און זיך שטעלן לעבן צאַלקען!

זענען בלויז דריי יינגלעך אַרויס און זיך געשטעלט לעבן צאַלקען.

יודקע האָט באַטראַכט די דריי חברה־לייט, וועלכע האָבן זיך געשטעלט לעבן צאַלקען, און האָט געפרעגט:

— ווער פון אייך דריי איז שוין באַשטראָפט געווען מיט דעם זאַל־פון־שרעק־און־ווונדער?

האָבן אַלע דריי אויפגעהויבן די הענט.

— אויב אַזוי, קען איך זיך אויף אייך פאַרלאָזן, — האָט יודקע געזאָגט. — און איצט, חברה, אַלע צו דער אַרבעט!

— האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

האָבן זיך אַלע גלייך גענומען צו זייערע אָנגעוויזענע אַרבעטן:

פראַיקע מיט זיין חברה האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אַלע טרעפּ און האָבן פאַרשפּאַרט אַלע טירן וואָס פירן צום אויבערשטן דעק. נאָך דעם האָבן זיי אויף די טרעפּ אַרונטערגעראָלט גרויסע קנוילן מיט קאַנאַטן און פאַרבאַריקאַדירט אַלע טירן.

שייקע מיט זיין חברה האָבן זיך צעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך פון שיף און געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף דעם שטילן, מיט לבנה-ליכט באַגאָסענעם ים. זיי האָבן אַלע געקוקט אין איין ריכטונג — צו דער שיף וואָס די פּיראַטן האָבן זיך אַוועקגעלאָזן באַפאַלן. די שיף איז געווען אין גאַנצן באַלויכטן, און די פייערלעך האָבן פון דער ווייטן שימערירט און זיך געשפּיגלט אינעם שטילן ים.

צאַלקע מיט די דריי בראַווע חברה-לייט האָבן זיך אַוועק־געלאָזן צום זאַל-פון-שרעק-און-וווּנדער אַרויסצוראַטעווען שפּרינצען.

דער וועג צום זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער

צום זאַל-פון-שרעק-און-וווּנדער האָבן געפירט צוויי וועגן: איין וועג — אַ גלייכער און אַ קורצער — האָט גע־פירט פון קאַפּיטאַנס קאַמער, האָט אָבער דער קאַפּיטאַן פאַרשלאָסן אַלע טירן פון זיין קאַמער און האָט מיט זיך צוגענומען די שליסלען: דער צווייטער וועג האָט געפירט דורך שמאָלע, פאַרדרייטע קאָרידאָרן און האָט זיך געצויגן באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ, צוויי מאָל אַרום-און-אַרום דער שיף, און איז געווען פול מיט פּלוצעמדיקע שרעקן. אויף אָט דעם וועג האָט מען ניט געקענט גיין, מען האָט זיך געמוזט אַריינזעצן אין אַזאַ קליינעם עלעקטרישן וועגעלע און פאָרן אַהין.

האָט צאַלקע מיט זיינע חברים קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי זיך לאָזן מיטן וועג וואָס איז פול מיט פּלוצעמ־דיקע שרעקן.

האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אינעם וועגעלע, זיך צוגע־בונדן מיט די ברייטע לעדערנע פּאַסן צו די זיצערטער, און

האָבן אַ צי געטאָן דאָס הענטל, אַזוי האָט זיך דאָס וועגעלע געגעבן אַ ריס פון אָרט און זיך גענומען טראָגן מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט — באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף דורך אַ לאַנגן, פינצטערן און פאַרדרייטן קאָרידאָר. און אָט האָט זיך דאָס וועגעלע געגעבן אַ טראָג אַרויס פונעם פינצ־טערן קאָרידאָר און האָט זיך געגעבן אַ טראָג אַריין אין אַ טיפן וואַלד, וואָס איז פול מיט פאַרשידענע רויב־פייגל און מיט ווילדע חיות.

צאַלקע מיט זיינע חברים האָבן געוווּסט, אַז דער ווילדער וואַלד איז ניט קיין אמתער; און, אַז די ווילדע חיות מיט די רויב־פייגל זיינען אָנגעשטאָפּטע און באַוועגן זיך דורך עלעקטרישע אַפּאַראַטן; דאָך, האָבן זיי זיך געשראָקן.

און דאָס וועגעלע פליט ווייטער מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט. און אָט נעמט זיך טראָגן אויף זיי אַ ריזיקער רויב־פויגל! פליט צו, כאַפּט אָן דאָס וועגעלע מיט זיינע גרויסע, אייזערנע נעגל, און נעמט זיך מיט דעם טראָגן אַלץ העכער און העכער אין דער לופטן. זיי זעען ווי די ביימער נעמען זינקען אַרונטער און אַרונטער; אָט פליען זיי שוין איבער די שפּיצן פון די ביימער, אָט — איבער בערג, אָט — איבער טאָלן, און אָט, נעמט זיך אונטן שפּרייטן אַ ים — אַזוי ווי אַן אמתער ים! און פּונקט דאָ, איבערן ים, טוט דער פויגל אַ צעעפן זיינע אייזערנע נעגל, און דאָס וועגעלע נעמט פאַלן אַרונטער... אַרונטער... אָט, אָט, פאַלט עס אין ים אַריין!

צאַלקע מיט זיינע חברים האָבן צוגעמאַכט די אויגן און האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון שרעק. אָבער, נאָך איידער זיי האָבן פאַרענדיקט זייער געשריי, איז שוין דאָס וועגעלע אַריינגעפאַלן אין ים און... וואָס איז דאָס? — אַ מאָדנער ים! — מען ווערט ניט נאַס!

און דאָס וועגעלע טראָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער

אונטערן וואַסער. און אַט נעמען אָנקומען אַנטקעגן זיי און פאַרביי זיי פאַרשידענע מינים וואַלפישן: לאַנגע און שמאָלע; קורצע און ברייטע; פלאַכע און רונדיקע — און אַלע מיט גרויסע אָפענע מיילער. און דאָס וועגעלע טראָגט זיך גלייך צו זיי אין די מיילער אַריין! אַריינגעפלויגן צו אַ וואַלפיש אין מויל, ווערט אויף אַ ווײַלע פינצטער. און ווי נאָר עס ווערט ליכטיק, און צאַלקע מיט זיינע חברים הייבן אָן אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם פון די שרעקן, אַזוי פליען זיי אַריין צו אַן אַנדער וואַלפיש אין מויל אַריין. און אָט דערזעען זיי ווי סע הייבט זיך אָן טראָגן אַנטקעגן זיי אַ מאָדנע גרויסע און שרעקלעכע ים־באַשעפעניש מיט אַ מוראדיק מויל ציי־נער. דאָ האָבן די פיר חברהלייט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי — מ־אַ־מ־ע! און האָבן באַהאַלטן זייערע פּנימער אין די הענט.

ווי לאַנג די שרעק האָט געדויערט, ווייסן זיי ניט. זיי ווייסן נאָר, זיי האָבן דערפילט אַז דאָס וועגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָבן זיי פאַרזיכטיק אָפּגעדעקט די אויגן און האָבן דערזען, אַז זיי געפינען זיך אין אַ ברייטן און ליכטיקן קאָרידאָר מיט פאַרשיידענע שרעקלעכע געמעלן אויף די ווענט. און גלייך פאַר זיי, אין מיטן קאָרידאָר, שטייט אַ מאָנסטער און גלאָצט מיט רויטע פייערדיקע אויגן. ביים מאָנסטער אויפן האַלדז הענגט אַ גרויסער שליסל. הינטער דעם מאָנסטער דערזעען זיי אַ טיר. איבער דער טיר דער־זעען זיי אַ שילד — די אותיות געדרייט און געבונדן פון פייערדיקע שלאַנגען — לייענט זיך אַזוי:

„זאַל פון שרעק און וווּנדער"

צאַלקע מיט זיינע חברים האָבן מיט שרעק געקוקט

אויפן שילד, געקוקט אויפן מאַנסטער, זיינען לאַנגזאַם אַרויס־געקראָכן פון וועגעלע, מיט מורא אַראָפּגענומען דעם גרויסן שליסל ביים מאַנסטער פון האַלדז, און זיך פּאַרזיכטיק גענומען רוקן צו דער טיר פון זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער.

שפּרינצע אין זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער

וואָס איז דורך דער גאַנצער צייט געשען מיט שפּרינצען?

ווען מייזעלע האָט זיך מיט איר אַריינגעזעצט אין וועגעלע און זי גענומען פירן צום זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער, האָט זיך שפּרינצע ניט געקענט אָפּוווּנדערן פון די אַלע זאַכן, וואָס זי האָט געזען אויפן וועג. זי האָט געהאַלטן אין איין אויסרופן:

— זע נאַר! זע נאַר! סע קומט דאָך אויס ווי אַן אמתער פויגל!

— זע נאַר! זע נאַר! סע קומט דאָך אויס ווי אַן אמתער וואַלפיש!

— זע נאַר! סאַראַ מאָדנע גרויסע באַשעפעניש! — אָר־ר־ר, קינדער קענען זיך נאָך דערשרעקן!

מייזעלע איז געזעסן אין וועגעלע, זיין קאָפּ טיף צווישן די אַקסלען, און האָט גלייכגילטיק געקוקט פאָרויס מיט זיינע מייזישע אייגעלעך. נאָר יעדעס מאָל וואָס שפּרינצע האָט אויסגערופן — „זע נאַר“, האָט מייזעלע אַרויסגעהייבן זיין קאָפּ פון צווישן די אַקסלען, אויסגעשטעלט אויף איר זיינע מייזישע אייגעלעך, און האָט אַ זאָג געטאָן מיט געאיילטע ווערטער:

— הו! ביסט אַ מאָדנע מיידל, ביסטו!

ווען דאָס וועגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז מייזעלע אַרויסגעשפּרונגען, אַראָפּגענומען ביים מאַנסטער פון האַלדז

דעם גרויסן שליסל, אויפגעשלאָסן די טיר און האָט אויסגע־שריען צו שפּרינצען:

— גיין אַריין!... גיי אַריין!... גיי אַריין, זאָגט מען דיר!... העי, דו, מיידל! איך רייד צו דיר! גיי אַריין, זאָג איך דיר!

אָבער רייד צו איר און רייד צו דער וואַנט, — שפּרינ־צע האָט ניט געזען און ניט געהערט: זי איז געווען פאַר־טאָן אין באַטראַכטן די שירעקלעכע געמעלן אויף די ווענט פון קאָרידאָר; די פייערדיקע שלאַנגען־אותיות פונעם שילד; און דעם מאָנסטער וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון קאָרידאָר.

ווען מייזעלע האָט געזען, אַז שפּרינצע הערט ניט וואָס מען רעדט צו איר, האָט ער זי אָנגענומען ביי די אַקסלען, אַריינגעשטופּט אין זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער, פאַרשלאָסן די טיר הינטער איר און האָט אויסגערופן:

— אָט אַ מאָדנע מיידל! כ'האָב נאָך אַזוינס ניט געזען!

נאָך דעם האָט ער אויפגעהאָנגען דעם שליסל ביים מאָנס־טער אויפן האַלדז, זיך אַריינגעזעצט אין וועגעלע און איז אַוועקגעפאָרן צוריק צום אויבערשטן דעק.

דער וווּנדערלעכער בוים מיט די פייגעלעך

ווען שפּרינצע האָט פאַר זיך דערזען אַלצדינג וואָס סע טוט זיך אין זאַל־פון־שרעק־און־וווּנדער, איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָט זיך פון אָרט ניט געקענט רירן — אָבער ניט פון שרעק, נאָר פון גרויס וווּנדער. זי האָט פאַר זיך געזען אַזויפיל וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס זי האָט נאָך קיין מאָל אין איר לעבן אַזעלכעס ניט געזען! זי האָט געוואָלט צולויפן און אָנרירן יעדע זאַך. אָבער אָנרירן די אַלע זאַכן,

וואָס זיינען אין יענעם זאַל געווען, האָט מען ניט געטאָרט. קוים האָט מען עפּעס אָנגערירט, האָט עס זיך גלייך גענומען באַוועגן, אָדער, גאָר זיך פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַנדערש. און שפּרינצע האָט פון דעם ניט געוווּסט. זי האָט געפילט ווי יעדע זאַך ציט איר צו זיך, ווי סע וואָלט געזאָגט: — קום, ריר מיך אָן, שפּרינצע!

דער גאַנצער זאַל איז געווען איינגעהילט אין בלויען ליכט. און גלייך פאַר שפּרינצען איז געשטאַנען אַ בוים פון דורכזיכטיקן אַמבער און פאַרשיידנפאַרביקע באַהאַלטענע ליכטער האָבן זיך אין דעם געשפּילט. דער בוים האָט בלויז געהאַט צוויי צווייגן, וועלכע האָבן זיך געצויגן אויף אַרויף, ווי צוויי אויסגעשטרעקטע הענט. און פון אויבערשטן טייל בוים האָבן זיך אָן אַ צאָל, דינע, האָריקע צווייגן געצויגן אויף אַראָפּ. האָט דער בוים אויסגעזען ווי אַ הויכע, שלאַנקע פרויען־פיגור, מיט לאַנגע, צעלאָזענע האָר, גייט אין דער בלויער ווייט אַריין מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל.

שפּרינצע איז גלייך צוגעלאָפן צום בוים. און ווען זי איז צוגעקומען נאָענט, האָט זי דערזען נאָך אַ וווּנדער: דער בוים איז געווען באַזעצט מיט אָנצאָליקע פילפאַרביקע קליינע פייגעלעך! און די פייגעלעך פינטלען מיט רויטע און בלויע רונדיקע אייגעלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן:

— ריר אונדז אָן, שפּרינצע.

שפּרינצע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און האָט אויסגערופן:

— אָ, ווי שיין! אָ, ווי וווּנדערלעך!

און זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט, אַראָפּגענומען איין פייגעלע און זיך גענומען שפּיגלען אין דעם און ריידן צו דעם צערטלעכע ווערטער. גלייך האָט שפּרינצע דערפילט ווי אַ ווינטעלע וואָלט אַ בלאָז געטאָן; ווי דאָס בלויע ליכט פון זאַל וואָלט אַ פינטל געטאָן; און דאָס פייגעלע

אין אירע הענט האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אויסגעשטרעקט דאָס העלדזועלע און האָט אָנגעהויבן זינגען. און גלייך נאָך דעם האָבן אַלע פייגעלעך פון בוים זיך צעזונגען. זיי האָבן געזונגען אַ וויגליד, און די מעלאָדיע איז געווען אַזוי שיין און אַזוי ריטמיש, אַז דער בוים האָט זיך גענומען וויגן צום טאַקט און האָט אויך מיטגעזונגען. און שפּרינצע האָט אויך אָנגעהויבן זינגען און האָט אָנגעהויבן וויגן דאָס פייגעלע אין אירע הענט ווי מען פאַרוויגט אַ ליב קינד.

און דאָס האָט שפּרינצע ניט געטאָרט טאָן. ווייל וויגנדיק דאָס פייגעלע מיט ליבע, האָט זי פאַר זיך אויסגעוויגט אַ בייזן פיינט — פול מיט האַס.

שפּרינצע האָט גאָר ניט באַמערקט ווי מיט יעדן וויג וואָס זי האָט געטאָן, האָט זיך דאָס פייגעלע גענומען פאַר־ענדערן, ווערן גרעסער, ביז פון דעם איז געוואָרן אַ גרויסע בלאָנדע קראָ. און ווי נאָר ס'איז געוואָרן אַ קראָ, אַזוי האָט עס זיך געגעבן אַ שטעל־אויף מיט רוגזה, געגעבן אַ פּיק די הענט וועלכע האָבן עס געוויגט, און גענומען פלאַטערן איבער שפּרינצעס קאָפּ מיט אַ בייזן — קראַ! קראַ! קראַ!

שפּרינצע האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף, און זע: די אַלע פּילפאַרביקע פייגעלעך האָבן זיך אין בלאָנדע קראָען פאַרוואַנדלט און האָבן זיך אויך גע־נומען טראָגן איבער שפּרינצעס קאָפּ מיט אַ בייזן קראַקען! דער בוים האָט זיך אַ שווינדלדיקן וויג געטאָן און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מכשפה מיט אַ פלאַטשיקער נאָז, מיט לאַנגע שטייפע בלאָנדע האָר און שטעכיקע ווי שפּיזן! און די בלאָנדע מכשפה שטרעקט אויס אירע לאַנגע דאַרע הענט צו שפּרינצען און נעמט רופן מיט אַ קוויטשעדיק קול־כענדל (קעלכענדל):

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

דאָ האָבן זיך די קראָען גענומען דרייען איבער שפּרינ־צעס קאָפּ אין אַ טאַנץ, און האָבן גענומען אויסקראַקען אַ טאַנצליד. און די בלאָנדע מכשפה רוקט זיך אַלץ נענטער צו שפּרינצען און רופט:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

שפּרינצע האָט זיך גענומען אָפּרוקן אויף הינטן און שרייען צו דער מכשפה:

— גיי אַוועק פון מיר! גיי אַוועק פון מיר! איך וויל ניט טאַנצן מיט דיר! דו האָסט אַ פלאַטשיקע נאָז, שטעכיקע האָר, און אַ קוויטשעדיק קול — גיי אַוועק פון מיר! גיי אַוועק! גיי אַוועק!

אָבער די מכשפה האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער צו איר. האָט שפּרינצע אַרויסגעכאַפּט איר בוך פון אונטערן אָרעם, עס אַנגעשטעלט אַנטקעגן דער מכשפה — כדי צו פאַרטיידיקן זיך. און דאָ איז געשען אַ מאָדנע זאַך: ווי נאָר די מכשפה האָט דערזען דאָס בוך, אַזוי האָט זי זיך גענומען וויגן אויף הינטן און האָט גענומען שרייען:

— נעם אַוועק דאָס בוך! דאָס בוך! דאָס בוך איז מיין שונא! דאָס בוך איז מיין סוף!

און אַזוי שרייענדיק, האָט זי זיך גענומען בויגן אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, זיך גענומען קנייטשן און דרייען אין דרייען ווי אַ שלאַנג, און האָט אַרויסגע־שיפּעט מיט גיפט:

— איך וועל זיך נאָך אָפּרעכענען מיט דיר, — האַ, האַ, האַ! אַ בלאָנדע מכשפה קען מיט איין טויט ניט שטאַרבן, — האַ, האַ, האַ! אַ בלאָנדע מכשפה האָט ניין־און־ניינציק לעבנס, — האַ, האַ, האַ! ניין־און־ניינציק־לעבנס!

און אַזוי שיפּענדיק איז זי געפאַלן טויט.

די בלאָנדע שלאַנג און דער בראָנזענער שקלאַף

שפּרינצע איז געשטאַנען מיטן בוך צוגעפּרעסט צום האַרצן, האָט געגלאָצט מיט די אויגן און האָט זיך געווּנדערט:

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ כוח מיין בוך האָט!

אָבער לאַנג ווּנדערן זיך האָט זי ניט געקענט, ווייל באַלד איז געשען נאָך אַ גרעסערער ווּנדער. אַ ווּנדער וואָס שפּרינצע האָט נאָך אין קיין איין בוך ניט באַגעגנט! און אָט וואָס ס'איז געשען:

ווי נאָר די בלאָנדע קראָען האָבן דערזען אַז די מכשפה איז געפאַלן טויט, זיינען זיי אַנגעפאַלן אויף איר, און מיט זייערע שאַרפע שנאָבלען גענומען רייסן איר לייב און שלינגען שטיקערווייז. און נאָך איידער שפּרינצע האָט צייט געהאַט צו קומען צו זיך פון דעם וואָס סע האָט זיך געטאָן פאַר אירע אויגן, איז שוין פון דער מכשפה קיין ברעקל ניט געבליבן. בלויז איר קלייד איז געבליבן ליגן אויפן דיל. האָבן די קראָען זיך אויסגעשטעלט אין אַ געשלענגלטער ריי און האָבן גענומען אַרונטערמאַרשירן אונטער דער מכשפהס ברייט, געפאַלדעוועט קלייד. און ווי נאָר די לעצטע קראָ האָט אַרונטערגעמאַרשירט, אַזוי האָט זיך אַ בלאָנדע שלאַנג אויפגעשטעלט — אַנגעטאָן אין דער מכשפהס קלייד — און האָט זיך גענומען וויגן הין און צוריק און רופן צו שפּרינצען מיט אַ גיפטיק שיפּענדיק קול:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

שפּרינצע האָט ניט געוווּסט, צי זי זאָל מורא האָבן פאַר דער שלאַנג, צי ניט. ווייל זי איז ניט געווען זיכער, צי דאָס אַלץ, וואָס זי לעבט איצט איבער, קומט פאַר מיט איר אויף

אַן אמת, אָדער זי לייענט עס נאָר פון בוך אַרויס. אָבער ווען זי האָט דערזען אַז די שלאַנג גליטשט זיך אַלץ נעענטער צו איר, און רופט מיט איר גיפטיקן, שיפּענדיקן קול — „קום, טאַנץ מיט מיר", האָט זיך שפּרינצע אָנגעהויבן שרעקן און האָט זיך גענומען אָפּרוקן פון דער שלאַנג. אָבער וויפל שפּרינצע האָט זיך ניט אָפּגערוקט, איז די שלאַנג אַלץ געווען לעבן איר און האָט אַן אויפהער גערופן:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

האָט זיך שפּרינצע גענומען אַרומקוקן און האָט דערזען, ניט ווייט פון איר, אַ ריזיקע בראָנזענע סטאַטוע פון אַ האַלב-נאַקעטן שקלאַף מיט אַ גרויסער שאַרפער שווערד פאַרהייבן אין זיינע בראָנזענע הענט. איז זי צוגעלאָפן צו דער סטאַטוע און האָט אַרויפגעקלעטערט צום שקלאַף אויף די אַקסלען. ווי נאָר זי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיינע אַקסלען, אַזוי האָבן זיך ביים שקלאַף אָנגעצונדן די אויגן, און ער האָט גענומען פאָכען מיט דער שווערד אַרויף און אַראָפּ. איז שפּרינצע געבליבן זיצן שטיל.

אָבער די שלאַנג איז נאָכגעלאָפן שפּרינצען, האָט זיך אויפגעשטעלט אַנטקעגן דער סטאַטוע, האָט זיך גענומען ציען און רופן צו שפּרינצען:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין...

דאָ האָט זיך די שווערד פון דעם שקלאַף אַראָפּגעלאָזן און האָט צעהאַקט די שלאַנג אויף צווייען.

צוערשט האָט זיך שפּרינצע דערפרייט, ווען זי האָט דערזען וואָס מיט דער שלאַנג איז געשען. באַלד אָבער איז איר פרייד פאַרביטן געוואָרן מיט נאָך אַ גרעסערער שרעק. ווייל אָנשטאָט איין גרויסער שלאַנג, האָבן זיך איצט אויפגעשטעלט צוויי קלענערע שלאַנגען און האָבן מיט מערער גיפט גענומען רופן:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

דאַ האָט דער בראַנזוענער שקלאַף ווידער אַ האַק געטאָן מיט זיין גרויסער שווערד און צעהאַקט די צוויי שלאַנגען אין העלפט. האָבן זיך אָבער באַלד פיר קלענערע שלאַנגען אויפגעשטעלט און האָבן גענומען רופן:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

האָט דער בראַנזוענער שקלאַף ווידער אַ האַק געטאָן און צעהאַקט די פיר שלאַנגען אין העלפט. אָבער וואָס מער דער בראַנזוענער שקלאַף האָט געהאַקט, אַלץ מערער שלאַנגען זיינען געוואָרן. און זיי האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און האָבן אַלע אין כאָר גענומען רופן:

— קום, טאַנץ מיט מיר, מיין טייער קינד! קום, טאַנץ מיט מיר!

ווען שפּרינצע האָט דערזען אַזויפיל שלאַנגען, דערזען ווי זיי שלענגלען זיך, דרייען זיך און גליטשן זיך איבערן דיל — אַלע צו איר, האָט איר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און זי איז שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פונעם בראַנזוענעם שקלאַף. זי האָט זיך אַ וויג געטאָן און — אַט, אַט, פאַלט זי! האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ־אָן אָן אַ פאָרהאַנג וואָס איז דערביי געהאַנגען, האָט זיך דער פאָרהאַנג געגעבן אָן עפן און האָט אַפּגעדעקט אַ גרויסן שפּיגל. און דאָ איז געשען נאָך אַ וואונדער:

ווי נאָר די שלאַנגען האָבן זיך דערזען אין שפּיגל, אַזוי האָבן זיי אַלע גענומען ציטערן ווי די גראָזן אין ווינט, האָבן גענומען שיפּען און יאָמערן:

— דער שפּיגל! דער שפּיגל! וויי, וויי! דאָ קומט אונדזער סוף! אונדזער סוף! אָבער געדענק, מיין קינד! — האָבן זיי אַרויפגעשיפּעט צו שפּרינצען, — געדענק! אַ

בלאָנדע מכשפה האָט ניין־און־ניינציק לעבנס, — האַ, האַ, האַ! ניין־און־ניינציק לעבנס! האַ־אַ־אַ, האַ־אַ־אַ!

און מיט דעם גיפטיקן געלעכטער זיינען אַלע שלאַנגען געפאַלן טויט.

דער ברוינער בער

ווען שפּרינצע האָט דערזען ווי אַלע שלאַנגען זיינען געפאַלן טויט, האָט זי זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן:

— זע נאָר, האָט זי זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַ כוח אַ שפּיגל האָט!... מען דאַרף עס געדענקען: אַ בוך און אַ שפּיגל! אַ בוך און אַ שפּיגל!

און אַזוי טראַכטנדיק איז זי אַראָפּגעקראָכן פונעם בראָנזענעם שקלאַף און האָט זיך געלאָזן איבערן זאַל צו זוכן אַן אָרט ווו אָפּצורוען זיך, ווייל זי איז געווען מיד פון די שרעקן וואָס זי האָט דורכגעלעבט. גייענדיק, האָט זי זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ בערישער פעל, וואָס איז געלעגן אויפן דיל אויסגעשפּרייט, און איז געפאַלן. זי איז אָבער באַלד אויפגעשפּרונגען, און דערזעענדיק אַ גרויסע, באַקוועמע שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי דער בערישער פעל, האָט זי זיך אין איר אַריינגעזעצט... אַ־אַ־אַ, ווי גוט זי האָט זיך דערפילט! האָט זי צופרידן אַ שמייכל געטאָן, געעפנט איר בוך און האָט זיך פאַרטיפט אין לייענען.

בעסער וואָלט געווען ווען שפּרינצע וואָלט זיך ניט געזעצט אויף דער שטול, ווייל מען האָט אין יענעם זאַל גאָרנישט ניט געטאָרט אָנרירן. שפּרינצע האָט אָבער פון דעם ניט געוווּסט. איז ווי נאָר זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין שטול, אַזוי האָט זיך אין וואַנט, וואָס הינטער דער שטול, געעפנט אַ טיר, פון דער טיר איז אַ גרויסער ברוינער בער אַרויסגע־

קומען, זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע הינטערשטע פיס, איז שטיל צוגעקומען הינטער שפּרינצען, זיך גענומען וויגן פון זייט צו זייט און גענומען זינגען אַזאַ ליד, וואָס מאַכט אַז מען זאָל איינשלאָפן מיט אַ לאַנגן בערישן שלאָף. און זינגען האָט ער עס געזונגען מיט אַ שטילן זיסן בערישן געברום, כדי שפּרינצע זאָל וואָס גיכער איינשלאָפן און זאָל גאָרנישט קענען טאָן מיט איר בוך, — וועט ער זי אַוועקטראָגן אין זיין געהיימער נאָרע און דאָרטן טאָן מיט איר וואָס ער וויל. אַזוי האָט זיך געטראַכט דער בער בעת ער האָט געזונגען דאָס שלאָפליד.

אָט איז דאָס בערישע שלאָפליד, לאָמיר זיך צוהערן:

אין די וועלדער ברומען בערן,
ברומען בערן — ברום־ם־ם! ברום־ם־ם!
און די ביימער שטומע הערן,
שטומע הערן — שטום־ם־ם! שטום־ם־ם!

און אַווינטל רוישט פאַרשלאָפן,
רוישט פאַרשלאָפן — שטיל־ל־ל! שטיל־ל־ל!
שפּרינצע, קינד מיין, וויל שוין שלאָפן,
וויל שוין שלאָפן — וויל־ל־ל! וויל־ל־ל!

וועל איך שפּרינצען וויג אויפהענגען,
וויג אויפהענגען — הוי־דאַ!
אויף אַ צווייג אַ וויג אויפהענגען,
וויג אויפהענגען — הוי־דאַ!

איך וועל שפּרינצען האָניק ברענגען,
האָניק ברענגען — האָניק זיס־ס־ם!
און וועל שפּרינצען ניס אויך ברענגען,
ניס אויך ברענגען — זיסע ניס־ס־ם!

איך וועל שפרינצען וויגליד זינגען,
וויגליד זינגען — ליו־־ריו! ליו־ריו!
וועט מיט וויגליד וואַלד אָפּקלינגען,
וואַלד אָפּקלינגען — ליו־ריו! ליו־ריו! ליו־ריו!

שפּרינצע האָט ניט געזען דעם בער, ווייל ער איז דאָך געשטאַנען הינטער איר, איז זי זיך געזעסן און געלייענט איר בוך גלייך ווי גאָרניט וואָלט דאָ געווען. אָבער, ווי נאָר דער בער האָט אָנגעהויבן צו זינגען, אַזוי האָט זי דער־פילט ווי אַ שווערער שלאָף האָט זיך גענומען פאַרקלייבן אין אַלע אירע גלידער און די אויגן האָבן זיך איר אָנגעהויבן צומאַכן.

שפּרינצע האָט געוווּסט אַז זי טאָר ניט איינשלאָפן, צופיל מאָדנע זאַכן געשעען דאָ מיט איר אין דעם זאַל, און ווער ווייסט וואָס ס'קען מיט איר געשען ווען זי וועט איינ־שלאָפן. האָט זי זיך גענומען ווערן קעגן שלאָף, זי האָט גע־דרייט מיטן קאָפּ, געמאַכט מיט דער האַנט גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אימיצן אַוועקשטופּן פון זיך און האָט האַלב־פאַרשלאָפן גערעדט:

—אי, גיי אַוועק! גיי אַוועק פון מיר! לאָז מיך צורו, איך מוז ענדיקן דאָס קאַפּיטל! איך מוז וויסן וואָס סע וועט באַלד געשען מיט דעם מיידעלע! איך מוז וויסן, צי איז דער בער אַ גוטער, אָדער — אַ שלעכטער! א־י־ך מ־ו־ז וו־יי־ס־ן...! א־יך מ־ו־ז...

דאָ איז שפּרינצע אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן און געשמאַקן שלאָף. דאָס בוך האָט זיך ביי איר אַרויסגעגליטשט פון די הענט און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד ביי דער שטול.

ווען דער בער האָט דערזען, אַז שפּרינצע איז איינגע־שלאָפן, האָט ער זיך — מיט אַ שטילן צופרידענעם ברומען — אַריבערגעבויגן איבער איר, זי אַרויפגענעמען אויף זיינע

בערישע לאַפּעס, און האָט זי גענומען טראָגן אין זיין בערישער נאָרע אריין.

אָך, ווען שפּרינצע וואָלט איצטער ניט געשלאָפן! זי וואָלט דאָך עפּעס געקענט טאָן, כדי צו ראַטעווען זיך פון די בערישע לאַפּעס! שלאָפט זי אָבער מיט אַ געשמאַקן שלאָף. און איר קאָפּ הענגט אַראָפּ... און אירע צעפּעלעך הענגען אַראָפּ... און אירע הענט הענגען צעשפּרייטע מאַכטלאָז אַראָפּ... און ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל זי אויפוועקן! און דער בער איז אַ גרויסער, און ער טראָגט זי צו זיך אין דער נאָרע אריין... אָך, ווען אַ ווונדער קען געשען!

און טאַקע באַלד איז געשען אַ ווונדער: ווען דער בער איז שוין געווען ניט מער ווי אַ פּאָר טריט פון זיין נאָרע, האָט זיך שפּרינצעס אַראָפּהענגענדיקע האַנט פאַרטשעפּעט אין אַ שנירל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון סטעליע, און האָט עס, ניט ווילנדיק, אַ צי געטאָן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלינגען ווי פון אַ סך קליינע גלעקעלעך, אַ גרויסער פאָר־האַנג האָט געגעבן אַ פאַל אַראָפּ און האָט גלייך, דעם בער אין פּנים, אויפגעדעקט אַ גרויסן שפּיגל. ווי נאָר דער בער האָט זיך דערזען אין שפּיגל, אַזוי האָט ער געגעבן אַ שפּרונג מיט שרעק אויף צוריק און האָט גענומען ברומען מיט אַ בערישן געוויין:

— מיין סוף קומט אָן! מיין סוף קומט אָן! מיין סוף...!

און אַזוי ברומענדיק האָט ער זיך אויסגעשפּרייט אויפן דיל און האָט אַרויסגעשיפּעט מיט בערישן צאָרן:

— אָבער געדענק, מיין קינד! אַ בלאָנדע מכשפה האָט ניין־און־ניינציק לעבנס, — האַ, האַ, האַ! ניין־און־ניינציק לעבנס!

דאָ האָט ער געגעבן אַ לעצטן בערישן געברום און איז געבליבן ליגן טויט.

שפּרינצע ווערט גערעטעוועט

ווי נאָר דער בער איז געבליבן ליגן טויט, אַזוי האָט זיך שפּרינצע אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט זיך גענומען אַרומקוקן. ווען זי האָט דערזען, אַז זי ליגט גאָר אויף דער בערישער פעל, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן דיל לעבן דער שטול, האָט זי זיך גענומען וווּנדערן און פרעגן זיך אַליין:

— ווי קום איך אַהער? איך בין דאָך געזעסן אויף דער שטול און האָב געלייענט?

מיט אַמאָל האָט זי אַ ציטער געטאָן, איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט איר בוך, וואָס איז געלעגן אָפן לעבן דער שטול, און האָט אויסגעשריען:

— איך מוז פון דאַנען אַרויס, — איך מוז! צופיל זאַכן געשעען אין דעם מאָדנעם זאַל! איך מוז געפינען אַ וועג ווי אַרויסצוגיין פון דאַנען, — איך מוז!

און זי האָט זיך געלאָזן איבערן זאַל צו זוכן אַן אַרויסגאַנג.

איז זי געגאַנגען לאַנגזאַם, האָט זיך געהיט מיט יעדן טראָט, און האָט אויף אַלץ, וואָס זי האָט געזען, געקוקט מיט חשד. און אָט איז זי צוגעקומען צו אַ ווינקל. צו דער רעכטער זייט פון ווינקל האָט זי דערזען אַן אַריינגאַנג צו אַ פינצטערן טונעל, האָט זי מורא געהאַט אַהין אַריינגיין (שפּרינצע האָט ניט געוווּסט, אַז הינטער דעם טונעל געפינען זיך טרעפּ וועלכע פירן צו דעם קאַפּיטאַנס קאַבינע). צו דער לינקער זייט פון ווינקל האָט זי דערזען אַ פּאָר טרעפּ וועלכע פירן צו אַ זאַל פון זיילן און סטאַטועס, האָט זי זיך געלאָזט גיין אויף די טרעפּ. אָבער, ווי נאָר זי האָט גענומען גיין אויף די טרעפּ האָט זיך גענומען טראָגן דער בלאָנדער מכשפהס קול:

— געדענק ! — אַ מכשפה האָט ניין־און־ניינציק לעבנס, — האַ, האַ, האַ !

שפּרינצע איז גיך אַריבערגעלאָפן די טרעפּ און האָט זיך געלאָזן דורך דעם זאַל פון זײַלן און סטאַטועס. זי איז געגאַנגען גיך, האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף די סטאַטועס, און האָט מורא געהאַט עפּעס אָנצורירן.

אַזוי גייענדיק האָט זי דערזען אַ טיר. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די טיר, האָט פאַרזיכטיק אָנגענומען דאָס הענטל און געוואָלט עפענען, האָט זיך אָבער די טיר ניט געעפנט. האָט זי דערזען אַ גלעקל הענגט בײַ דער טיר, פון גלעקל ציט זיך אַ שנור אויף אַראָפּ, בײַם סוף פון שנור — אַ הענטל. האָט זי אָנגעכאַפּט דאָס הענטל און האָט שטאַרק אַ ציִ געטאָן. איז ווי נאָר זי האָט אַ ציִ געטאָן דעם הענטל, אַזוי האָט זיך דאָס גלעקל צעקלונגען מיט דעם געלעכטער פון דער בלאָנדער מכשפה — האַ, האַ, האַ ! און די גאַנצע וואַנט, מיט דער טיר, מיטן גלעקל האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף און — און שפּרינצע האָט פאַר זיך דערזען אַ וואַנט פון וואַסער, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געפונען ערגעץ אויפן דעק פון ים. און פונעם וואַסער הייבן אָן אַרויסקומען פאַרשידענע ים־חיות און לאָזן זיך גלײַך אויף איר.

שפּרינצע איז מיט שרעק אָפּגעשפּרונגען פון דער וואַסערוואַנט און האָט זיך געלאָזט לויפן — אָן אָן אָטעם! לויפנדיק אין שרעק האָט זי זיך פאַרטשעפּעט אָן איר אייגענעם פוס און געגומען פאַלן — פונקט דעמאָלט האָט צאַלקע, מיט זײַנע חברים הינטער אים, אָן עפן געגעבן די טיר און — שפּרינצע איז אים אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס. צוערשט האָבן זיך אַלע דערשראָקן פון אַזאַ באַגעגעניש, באַלד אָבער האָט צאַלקע אַ כאַפּ געטאָן שפּרינצען און איז מיט איר אַרויסגעלאָפן פון זאַל, און די דרײַ חברים נאָך אים. זיי האָבן פאַרשלאָסן די טיר, פאַרוואָרפן דעם שליסל, זיך אַרײַנגעזעצט

מיט שפּרינצען אין עלעקטרישן וועגעלע און זיך געלאָזט פאָרן צוריק צום אויבערשטן דעק פון דער שיף.

דער לעצטער קאַמף

ווען צאַלקע מיט זיינע חברים האָבן אַרויפגעבראַכט שפּרינצען אויפן אויבערשטן דעק, האָבן זיי די ערשטע זאַך זיך געלאָזט גיין צו יודקען. ווען יודקע האָט זיי דערזען, האָט ער מיט שרעק אַ פרעג געטאָן:

— און ווו איז שפּרינצע?

— וואָס הייסט, ווו? — מאַכט צאַלקע, — אָט איז... זע נאָר, ווו האָט זי געקענט אַהינקומען? זי איז דאָך געגאַנגען מיט אונדז!

קוקט מען זיך אַרום און מען דערזעט: שפּרינצע זיצט אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אַ קנויל קאַנאַטן, און לייענט איר בוך. זאָגט יודקע:

— לאָזט איר, זי איז געווים מיד, זאָל זי זיך אויסרוען. קומט, דערציילט מיר, ווי אַזוי איר האָט אַרויסגעראַטעוועט שפּרינצען פון זאַ...

דאָ האָבן זיך דערהערט אויסרופן פון די אויסקוקער:

— די פּיראַטן קומען! די פּיראַטן קומען! די פּיראַטן!

האָבן זיך אַלע אַ צאַפּל געטאָן און גענומען קוקן אין דער ריכטונג וווהין די אויסקוקער האָבן געוויזן.

איבער דעם שטילן, מיט לבנה-ליכט באַגאָסענעם ים, האָבן איצט אַלע קלאָר געקענט זען ווי די באַפרייונגס-שיף, „דער בלויער אָדלער", דערנווייטערט זיך, און ווי די פּיראַטן שווימען צוריק אין דער פאָרמע פון אַ דריי-עק, זינגען זייער פּיראַטן-ליד פון זיג, און קומען אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער „גאָלדענער טויב".

ווען יודקע האָט דאָס דערזען, האָט ער גלייך געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע קינדער זאָלן אַוועק פון די פּאַרענטשן און זיך אויסזעצן אויף דער ערד, כדי די פּיראַטן זאָלן ניט דערזען, אַז די קינדער זיינען אַרויס פון די שטייגן. און ער האָט צוגעגעבן:

— זיך אויסזעצן אין דריי גרופּעס, ווי איר זייט איינגעטיילט געוואָרן פריער — מיט צאַלקען, מיט פּראַיקען, און מיט שייקען — און זיצן און וואַרטן און שווייגן. און ווען ס'וועט נייטיק זיין עפּעס צו טאָן, זאָלט איר אויספאָלגן די באַפעלן און אַרבעטן גיך, און צוזאַמען, אַלע ווי איינער!

האָבן אַלע זיך געגעבן אַ זעץ־אויס אויף דער ערד — יעדערער אין זיין גרופּע — און האָבן מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף די פּיראַטן. און ס'איז געווען אַזוי שטיל צווישן זיי, אַז יעדער איינער האָט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון זיין חברס האַרץ. ווייל, — זיי האָבן זיך אַלע געשראָקן.

אַלע האָבן זיך געשראָקן, נאָר ניט יודקע. ער איז געשטאַנען אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק און האָט רויק צוגעקוקט ווי די פּיראַטן דערנעענטערן זיך. ווען ער האָט דערזען אַז זיי זיינען שוין ניט וויט פון שיף, האָט ער זיך צוגעזעצט צום ווונדערטיש, אָנגעשטעלט איין ווייזער אויף נומער 8, (גרויסער טויערזאַל), דעם צווייטן ווייזער אויף נומער 2, (פּאַסטקעטירן), און האָט אַ צי געטאָן דאָס זילבער־הענטל, — איז דער גרויסער טויער־זאַל באַלויכטן געוואָרן און דער טויער צום ים האָט זיך געעפנט.

און אַט דערזעט יודקע אין ווונדערטיש ווי די פּיראַטן — צעקיילטע און צעביילטע, פאַרקרימטע און הינקעדיקע — הייבן אָן אַריינקומען אין גרויסן טויערזאַל. צוערשט איז אַריין דער קאַפּיטאַן אַ הינקעדיקער, און נאָך אים האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אַלע איבעריקע פּיראַטן. און יעדער

איינער טראָגט מיט זיך אַ זאַק, וואָס ער האָט אָנגערויבט אין דער באַפּרייִונגס־שיף „דער בלויער אָדלער”. ווען אַלע פּיראַטן זיינען אַריין, האָט יודקע אַ שטופּ געטאָן דאָס זילבער־הענטל און דאָס גרויסע טויער האָט זיך צוגעמאַכט.

די פּיראַטן האָבן זיך אַלע געלאָזט צו דער הויפּטטיר וואָס פירט צום אויבערשטן דעק, ערשט די טיר איז פאַר־שפּאַרט. האָבן זיי גענומען קלאַפּן אין טיר, — ניטאָ קיין ענטפער. האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די אַנדערע טירן, — אָבער אַלע טירן זיינען פאַרשפּאַרט. און די טויערן צום ים זיינען אויך פאַרשפּאַרט.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען,

— אַ פאַרשווערונג? פּיראַטן! — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — ברעכן די טירן!

האָבן זיך אַלע פּיראַטן גענומען שטויסן און שטופּן די טירן, און דער קאַפּיטאַן האָט זיי געהאָלפן.

און אויף דעם האָט יודקע געוואַרט. ווי נאָר ער האָט דורך דעם ווונדערטיש דערזען, אַז די פּיראַטן שטויסן זיך אין די טירן, אַזוי האָט ער אַ צי געטאָן דאָס אָראַנדזש־הענטל, האָבן זיך אַלע פאַסטקעטירן אַן עפן געטאָן און פאַרשלונגען אַלע פּיראַטן.

ווי מייז אין אַ זינקענדיקער שיף

ווי נאָר די פאַסטקעטירן האָבן פאַרשלונגען אַלע פּיראַטן, אַזוי האָט יודקע גיך אָנגעשטעלט איין ווייזער אויף נומער 5, (וואַסער־קאַמער), און דעם צווייטן ווייזער אויף נומער 1, (וואַסער־טויערן), האָט אַ דריק געטאָן דעם גרויען קנאָפּ (צו באַלייכטן די וואַסער־קאַמער) און האָט אויסגערופן:

— העי, חברה, איר האָט שוין ניט פאַר וואָס צו שרעקן

זיך! די געפּאַר איז שוין באַלד אין גאַנצן אַריבער! קומט אַהער און זעט וואָס מיט די פּיראַטן טוט זיך!

האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן, אַרויפגעלאָפן אויף דעם קאַפּיטאַנס בריק, זיך אָנגעשטעלט קאָפּ אויף קאָפּ און האָבן אַריינגעקוקט אין וווּנדערטיש. דער וווּנדערטיש האָט גע־וויזן די וואַסער־קאַמער אַ באַלויכטענע און ווי די פּיראַטן זיצן דאָרט אויף דער ערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ווי נאָר די קינדער האָבן דערזען די פּיראַטן, האָבן זיי אַ ציטער געטאָן, און אייניקע פון זיי האָבן געפרעגט:

— און ווי, אַז זיי וויסן אַ געהיימען וועג ווי אַזוי אַרויס־צוגיין פון דער וואַסער־קאַמער?

— קיין געהיימער וועג אויף אַרויסצוגיין פון דער וואַסער־קאַמער, איז ניטאָ, — האָט זיי יודקע פאַרזיכערט.

— פון דעסטוועגן, דאַרף מען מאַכן זיכער.

דאָ האָט יודקע אַ צי געטאָן דאָס רויטע הענטל, האָט פון אַלע זייטן אַ שטראָם געטאָן וואַסער אין וואַסער־קאַמער. די פּיראַטן זיינען אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און גענומען אַרומלויפן הין און הער ווי די פאַרסמטע מייז: יעדער איינער האָט געזוכט אַ וועג ווי צו ראַטעווען זיך; יעדער איינער האָט גענומען קריכן אויף די גלייכע ווענט, זיך אַראָפּגעגליטשט און איז געפאַלן אין וואַסער; זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן איינע אָן די אַנדערע, געקראָכן איינע איבער די אַנדערע, זיך פאַרטשעפּעט און זיך געשלאָגן איינער מיטן אַנדערן.

נאָר איינער — דער קאַפּיטאַן — איז געשטאַנען אין אַ ווינקל מיט פאַרביסענע ליפּן און האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. ער האָט געוווּסט, אַז פון דאַנען קען מען זיך ניט ראַטעווען; אַז זיי זיינען אַלע געפאַנגען ווי מייז אין אַ פּאַסטקע; און, אַז זיי וועלן אַלע דערטרונקען ווערן ווי מייז אין אַ זינקענדיקער שיף.

— ווי מייז אין אַ זינקענדיקער שיף! — האָט דער קאַ־פיטאַן אויסגעשריען, און סע האָבן ביי אים אויפגעפלאַמט גרינע פייערלעך אין די אויגן.

ווען יודקע האָט דורכן וווּנדערטיש דערזען, אַז דאָס וואַסער גרייכט שוין ביי די פּיראַטן ביז אונטער די אָרעמס, האָט ער אַ שטופּ געטאָן דאָס הענטל, אָפּגעשטעלט דאָס וואַסער, און אַ זאָג געטאָן:

— סע וועט זיי זיין גענוג! מיר ווילן ניט אַז זיי זאָלן דערטרונקען ווערן; מיר ווילן זיי ברענגען לעבעדיקע צום ברעג, אַז די גאַנצע וועלט זאָל קענען קומען זיי אָנקוקן און וויסן, אַז דאָס זיינען פּיראַטן! זעט, ווי זיי שווימען דאָרט אַרום. אָבער, זיי קענען אונדז מער קיין שאָדן ניט טאָן. איצט, חברה, זיינען מיר פריי! איצט קענען מיר זיך פרייען, — אויף אַן אמת פרייען! ווייל איך פאַרקערעווע איצט די שיף און מיר פאָרן צוריק צו אונדזערע טאַטעס און מאַמעס!

ווען חברה האָט דאָס דערהערט, איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד, זיי האָבן גענומען זינגען, שפּילן האַרמאָניקע, און האָבן זיך אָנגעקלאַפּט ...

ווען חברה האָט דאָס דערהערט, איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד, זיי האָבן גענומען זינגען, שפּילן האַרמאָניקע, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ. און יודקע האָט פאַר־קערעוועט די שיף און האָט געלאָזן די מאָטאָרן אין גיכסטן גאַנג.

פאַרשטערטע פרייד

אויבן האָט מען געטאַנצט און געזונגען און געטראַכט פון פרייהייט. אונטן, ביי די פּיראַטן, האָט מען געקלאָגט און געוויינט און געטראַכט פון סוף. און דער קאַפּיטאַן האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— ווי מייז אין אַ זינקענדיקער שיף! ווי מייז אין אַ זינ־קענדיקער שיף — פּלוצלונג האָט ער גענומען שרייען מיט

ווילדע קולות: — ניין! ניין! ניין! ניט נאָר מיר אַליין! ניט נאָר מיר, דאָ אונטן, וועלן דערטרונקען ווערן! נאָר איר, יאָ, אויך איר, דאָרט אויבן, וועט מיט אונדז גלייך דער־טרונקען ווערן! איר ווייסט נאָך ניט אַלע סודות פון דער שיף — האַ, האַ, האַ! איר ווייסט נאָך ניט!

אַזוי שרייענדיק האָט זיך דער קאַפּיטאַן אָנגענומען פאַר אַ שפּיץ פון אַ רויטן באַלקן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דער סטעליע ביים ווינקל ווו ער איז געשטאַנען, און האָט עס גענומען שלעפּן מיט אַלע זיינע כוחות. וואָס הינטער דעם באַלקן האָט זיך געפונען, האָט בלויז דער קאַפּיטאַן געוווּסט. ביסלעכווייז האָט זיך דער באַלקן גענומען רירן פון אָרט, און פון אונטערן באַלקן האָט זיך באַוויזן אַ פאַר־באָרגן הענטל. דער קאַפּיטאַן האָט מיט אַ ווילדער רציחה אַ צי געטאָן דאָס הענטל און האָט מיט צאָרן גענומען שרייען:

— אַז אונטערגיין, איז אַלע צוזאַמען! אַלע צוזאַמען! איר אויך! איר, דאָרט אויבן — אויך! מיט אונדז צוזאַמען!

דאָס הענטל, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אַ צי געטאָן, האָט געעפנט אַלע אונטערשטע וואַסער־טויערן, און די שיף האָט זיך גיך גענומען אָנפילן מיט וואַסער און האָט אָנגעהויבן זינקען.

✡

אויבן האָבן חברה יונגוואַרג געטאַנצט און געזונגען און האָבן פון גאָרנישט ניט געוווּסט. מיט אַ מאָל האָט איינער פון די יונגע וועכטער אויסגעשריען:

— די שיף זינקט! די שיף זינקט!

דערהערט דאָס געשריי, זיינען חברה געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע פון שרעק און האָבן שטום געקוקט צו יודקען. יודקע איז צוגעלאָפן צו דער זייט פון שיף, זיך אַריבערגע־

בויגן און האָט דערזען, אַז די שיף איז שוין האַלב אונטערן וואַסער, האָט ער גלייך געגעבן אַ באַפעל:

— אַנטאָן די רעטונגס־גאַרטלען און צו די רעטונגס־שיפלעך — גיך!

האָט מען גיך אָנגעטאָן די רעטונגס־גאַרטלען, אַראָפּ־געלאָזן די רעטונגס־שיפלעך און אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שיף.

וווּ איז שפּרינצע?

ווען אַלע זיינען שוין געזעסן אונטן אין די רעטונגס־שיפּ־לעך, האָט מען זיך אַרומגעזען אַז שפּרינצע פעלט. איז צאַלקע גיך צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויף דער שיף, האָט גענומען לויפן איבער אַלע ווינקעלעך פון דעק און רופן:

— שפּרינצע! שפּרינצע! וווּ ביסטו?

ניטאָ קיין ענטפער. לויפט ער ווייטער און רופט:

— שפּרינצע! שפּרינצע! ש פּ ר י נ צ ע!

שאַ... שטיל... גלייך ווי קיינער וואָלט אויף דער שיף ניט געווען. און די שיף האַלט אין זינקען. וואָס זאָל דאָ צאַלקע טאָן?

לויפט ער ווייטער און — אָט, אינעווייניק אין אַ קנויל אויפגעראָלטע שטריק, זיצט שפּרינצע און לייענט איר בוך. לויפט ער צו און שרייט אויס:

— שפּרינצע וואָס זיצסטו?

הייבט זי אויף די אויגן און זאָגט אין איר צעצויגענעם טאָן:

— וו אָ ס ז ש ע ד ע ן ז אָ ל א י ך ט אָ ן?

שרייט צאַלקע:

— די שיף גייט אונטער!

רופט אויס שפּרינצע:

— אי, טאַקע? אַזוי ווי אין בוך!

— וואָס פרייסטו זיך, — זאָגט צאַלקע, — וועסט דאָך דערטרונקען ווערן!

— טאַקע? אויף אַן אמת? — פרעגט שפרינצע.

— אויף אַן אמת! אויף אַן אמת! — שרייט אויס צאַל־קע, — און איך וויל ניט אַז דו זאָלסט דערטרונקען ווערן! קום גיך!

דאָ האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט, זיך געלאָזט לויפן, און האָט זי מיטגעשלעפּט מיט זיך.

ווי נאָר צאַלקע מיט שפּרינצען זיינען אַריין אין שיפל, אַזוי האָבן זיך אַלע שיפלעך גערירט פון אָרט און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

דער ים איז געווען שטיל, די לבנה האָט אויסגעשפּרייט אַ זילבערוועג איבער די נאַכטיקע וואַסערן, און די שיפלעך — ווי ווייסע שוואַנען — האָבן זיך איבער דעם זילבערוועג געגליטשט אין רייען צו דריי, צו דריי. הינטער זיי איז געווען אַ זינקענדיקע שיף, און אין פאָרויס פון זיי האָבן זיך דער־הייבן באַלויכטענע פרייע ברעגן און אַ וואַרעמע היים.

ווען יודקע האָט דערזען די באַלויכטענע פרייע ברעגן אין דער ווייט, האָט ער זיך צעזונגען אַ ליד, און אַלע אין די שיפלעך האָבן מיט אים מיטגעזונגען.

ליד פון די באַפרייטע קינדער

דערפרייטע, באַפרייטע ווי פייגל פון שטייג,
וואָס טראָגן צוריק זיך צום גרינינקן צווייג,
מיר שניידן מיט גבורה דעם ימיקן וועג
וואָס פירט אונדז דורך נאַכט צו אַ ליכטיקן ברעג.

מיט ליד אויף די ליפּן, מיט רודערס אין האַנט,
מיר רודערן, רודערן, ביז זען וועט זיך לאַנד.

כאָר:

העי, רודערן, רודערן, ניט ווערן מיד!
העי, זינגען! זאָל קלינגען דורך נאַכט אונדזער ליד!

מיין זיידע האָט אָגערס גאָר ווילדע געצאַמט,
אויף זיי זיך געטראָגן אין וואָגן געשפּאַנט;
מיין טאַטע געקרייצט האָט צעשטורעמטן ים
אויף שיפן מיט ווינטן אין זעגלען געשפּאַנט.

עך, בלויאינקער ים! פאַר מיר ביסטו ביידע, —
דער ים פון מיין טאַטן, די פערד פון מיין זיידן.

כאָר:

העי, רודערן, רודערן, ניט ווערן מיד!
העי, זינגען! זאָל קלינגען דורך נאַכט אונדזער ליד!

די כוואַליעס, ווי אָגערס צעיאָגטע, אָן צוים,
מיט גריוועס — צעשויבערטן שניי־ווייסן שוים,
זיך טראָגן אָן אויפהער אין ריטמיש געיעג
און פירן מיין שיפל צום היימישן ברעג.

עך, פערדעלעך־כוואַליעס, מיט שוים אויף די קעפּ, —
טאַבונעס צעיאָגטע אויף ימיקן סטעפּ!

כאָר:

העי, רודערן, רודערן, ניט ווערן מיד!
העי, זינגען! זאָל קלינגען דורך נאַכט אונדזער ליד!

איר וויגט זיך און וויגט זיך, — צו העלפן אונדז גרייט;
לבנה האָט זילבער אויף וועג אונדז פאַרשפּרייט,
ווייל טאַטעס און מאַמעס, דורך נעכט און דורך טעג,
דאָרט בענקען און וויינען ביים ימיקן ברעג.

עך, ים מיינער, פריינד מיינער, בלוויאינקער פערד!
טראָג זיך און ברענג מיך צו בלומיקער ערד!

כאָר:

העי, רודערן, רודערן, ניט ווערן מיד!
העי, זינגען! זאָל קלינגען דורך נאַכט אונדזער ליד!

און אַזוי זינגענדיק האָבן זיי זיך דערנעענטערט צו אַברייטן באַלויכטענעם ברעג, און צו אַ שטאָט, וואָס האָט צו זיי געווונקען מיט מיליאָנען בלויע פייערלעך פון פרייד.

אויפן ברעג

די שיפלעך זיינען צוגעקומען צום ברעג. ביים ברעג איז געווען אַ פּאַרק מיט הויכע און ברייט-פאַרצווייגטע ביימער, מיט בלומען-בעטן און מיט פאַרשיידענע שיינע פלאַנצן. ווען חברה-קינדער האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי מיט פרייד-געשרייען, גענומען שפּרינגען פון די שיפלעך, און מיט היל-

ביקע געזאַנגען זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ טאַנץ אויף אַ לאָנקע אינעם פּאַרק. רופט זיך אָן יודקע אין אַ שטילן טאָן צו צאַלקען:

— ש-ש-ש... לאָמיר זינגען שטילער, ווייל מיר קענען נאָך אויפוועקן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס. גיב עס איבער פון אויער צו אויער ביז אַלע וועלן פון דעם וויסן.

האָט צאַלקע איבערגעגעבן יודקעס ווערטער שטילערהייט צו פראַיקען און שייקען, און פון פראַיקען און שייקען איז עס איבערגעגעבן געוואָרן פון אויער צו אויער, פון איינעם צום אַנדערן, ביז אַלע האָבן געשעפּטשעט:

— ש-ש-ש... לאָמיר זינגען שטילער, ווייל מיר קענען נאָך אויפוועקן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס.

אין דעם קומען אַרויס פון צווישן דיביימער, פון צווישן די בלומען, פון צווישן די פלאַנצן, די טאַטעס מיט די מאַמעס — אַלע יום-טובדיק אָנגעטאָן — און זאָגן:

— איר דאַרפט ניט מורא האָבן אונדז אויפצוּוועקן; מיר זיינען שוין אויפגעוועקטע, און מיר זיינען געקומען אייך באַגעגענען.

איז געוואָרן אַ פרייד. מען איז געפאַלן איינע די אַנדערע אויף די העלדזער, מען האָט זיך אַרומגענומען און מען האָט זיך געקושט.

נאָר איינע — שפּרינצע — איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט, אַליין, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געוואַרט, אַז אימיצער זאָל אויך צו איר צולויפן און זי נעמען קושן, נאָר קיינער איז צו איר ניט צוגעקומען — איר טאַטע-מאַמע זיינען דאַרט ניט געווען. האָט זי דערזען ווי אַ גרויסער קודלאַטער הונט שטייט אויך איינער אַליין, איז זי צוגעלאָפן, אים אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן...

זיך אָפּגעקושט און אָפּגעפרייט, פרעגן די קינדער זייערע טאַטעס און מאַמעס:

— פון וואַנען האָט איר געוווּסט, אַז מיר קומען?
ענטפערן די טאַטעס מיט די מאַמעס:

— מיר האָבן געוווּסט אַז איר זייט בראַווע קינדער, און איר וועט זיך באַפרייען פון די פּיראַטן, זיינען מיר געקומען אייך באַגעגענען.

דאָ האָט צאַלקע אויסגערופן: — זעט! און האָט אָנגעוויזן צום ים. האָבן זיך אַלע אומגעקוקט. ווייט ביים האָריזאָנט, אין אַ פּאַס ים מיט פולער לבנה-ליכט באַגאָסן, האָט זיך געזען ווי די שיף, די „גאָלדענע טויב”, זינקט אַלץ טיפער און טיפער אין וואַסער. די ווייסע זעגלען אירע זיינען געלעגן איבערן וואַסער צעשפּרייט ווי די ריזיקע פליגלען פון אַ ווייסער ים-מעווע, וועלכע איז געכאַפּט געוואָרן פאַר די פיס פון אַ ים-חיה, און לאָזט זיך ניט אַרונטערגעצויגן ווערן אונטערן וואַסער. ווען די זעגלען האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן אונטערן וואַסער, האָבן אַלע איינגעבויגן די קעפּ אין טרויער און יודקע האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געבראָכן קול:

— פאַר וואָס זיינען פאַראַן אַזוי פיל שלעכטע מענטשן? און פאַר וואָס האָבן זיי געדאַרפט זיין פּיראַטן?... פאַר וואָס?... איך האָב ניט געוואָלט זיי זאָלן האָבן אַזאַ סוף, ניט אַזאַ סוף.

אַלע האָבן זיך אָוועקגעקערט פון ים. די טאַטעס מיט די מאַמעס האָבן אַ קוק געטאָן צום הימל און האָבן זיך אָנגערופן:

— נו, קינדערלעך, צייט אַהיים גיין, סע וועט שוין באַלד נעמען ברעכן אויף טאָג!

האָבן זיך אַלע האַרציק צעזעגנט איינע מיט די אַנדערע, און האָבן מיט שטילע געזאַנגען אָנגעהויבן אַוועקטאַנצן אַהיים מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס.

שפּרינצע איז געשטאַנען אָן דער זייט איינע אַליין. האָט יעדער איינער פאַרבייגעטאַנצט פאַרביי איר. זיך פאַרנייגט און אויסגעזונגען:

— גוטע נאַכט, שפּרינצע! גוטע נאַכט!

דער לעצטער האָט צוגעטאַנצט צו איר דער הונט, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, איר אַ קוש געטאָן אין מאָרדע, אויסגעלעקט די טרערן פון אירע אויגן, האָט אַ ברום געטאָן, און האָט אויך אַוועקגעטאַנצט.

שפּרינצע איז געבליבן אליין אין פּאַרק. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען און געקוקט אויף דעם ליידיקן וועג, מיט וועלכן דער הונט האָט אַוועקגעטאַנצט, נאָכדעם האָט זי גענומען וואַנדערן צווישן ביימער און בלומען. פון דער ווייטן האָט געגלאַנצט אַ רונדיק טייכל, אַרומגערינגלט מיט אַ ווייסן געפלאַסטערטן וועג ווי מיט אַ ראָם. ביים טייכל, צווישן צוויי לאַמטערנעס, איז געשטאַנען אַ באַנק. האָט שפּרינצע צוגעטאַנצט צו דער באַנק, זיך אַוועקגעזעצט, געעפנט איר בוך און גענומען לייענען — ווייל זי מוז וויסן וואָס וועט זיין דער סוף פון דער מעשה מיט דעם מיידעלע; ווי אַזוי וועט דאָס מיידעלע קומען אַהיים?

מען געפינט שפּרינצען

אין פּאַרק איז שטיל. די לבנה-נאַכט ליגט צעשפּרייט איבערן פּאַרק און זינגט איר נאַכטיק ליד (אַזוי שטייט געשריבן אין בוך). אונטער דער לאַמטערנע, אויף דער באַנק, זיצט שפּרינצע מיטן בוך אין האַנט באַוועגלאָז ווי אַ סטאַטוע.

פון ווייטן דערהערן זיך טריט. באַלד באַווייזן זיך אויף דער אַנדער זייט טייכל פיר פיגורן — איין מאַן און דריי פרויען — דאָס זיינען שפּרינצעס טאַטע-מאַמע אוןביידע מומעס. צוערשט גייט דער טאַטע. נאָכן טאַטן גייט די מאַמע. נאָך דער מאַמען גייט די מומע גרובע, וואָס איז אַ הויכע און אַ דינע. נאָך דער מומע גרובען גייט די מומע דינה, וואָס איז

אַ קורצע און אַ גראָבע. אַלע פיר זיינען מיד, קוים וואָס זיי שלעפּן די פיס. צוערשט גייט מען און מען שווייגט און מען זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן. נאָכדעם טוט מען זיך אַ שטעל אָפּ, מען פאַרהייבט די הענט צו די מיילער און — אַלע אין כאָר — נעמען רופן אין דער ווייט אַריין:

— שפּרינ־צע־ע־ע! ווו־ו־ו ביי־י־י־סטע־ע־ע!

שטיל... ערגעץ האָט אַ הונט אַ ביל געטאָן... ווידער שטיל. גייט מען ווייטער און מען זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן.

מומע דינה: נו, מ׳זעט עפּעס? מ׳הערט עפּעס?

טאַטע: יאָ, מען הערט.

אַלע דריי: וואָס? וואָס? וואָס הערט מען?

טאַטע: דער מומע דינהס רייד! נאָר זי רעדט! נאָר זי פרעגט — נו? נו? נו?

מאַמע: הערט שוין אויף מיט די שטעכווערטלעך! הערט זיך אויף צו קריגן! לאָמיר בעסער זוכן! נו, אַ נאַכט! שוין אומעטום אויסגעווען, אומעטום אויסגעזוכט, און — ווי אין וואַסער אַריין! אוי, ווער ווייסט וואָס מיט איר איז געשען! (וויינט).

מומע גרובע: הער אויף וויינען! וואָס וועט דיר העלפן דאָס וויינען? זי וועט זיך אָפּזוכן! ס׳איז דען דאָס ערשטע מאָל וואָס זי ווערט אַזוי פאַרפאַלן? און וואָס איז געווען פאַראַיאָרן זומער, געדענקסט? אַ נאַכט אָפּגעזוכט און — ניטאָ. פאַרטאָג — זי קריכט פון עפּלבוים אַראָפּ.

מומע דינה: אַז זי איז אַ פאַרטראַכטער מלאך, פּונקט ווי דער טאַטע אירער! זי האָט זיך מסתמא ערגעץ צוגעשפּאַרט מיט איר בוך און האָט זיך פאַרגעסן ווו זי איז אין דער וועלט! זי לעבט דען אויף דער וועלט? — זי לעבט דאָך גאָר אין בוך! זי לעבט דאָך ניט צווישן אונדז! אירע פיס טרעטן דאָך ניט אויף דער ערד, זי שוועבט דאָך אין דער לופטן,

קלעטערט אויף אַ לייטער פון לופט אַהין, צו די וואָלקנס! זי ווייסט דען וואָס מען רעדט צו איר? אַז מען זאָגט איר, — „גיי צו דער מומע דינהען", פאַרקוקט זי זיך אין בוך און גייט אַוועק צו דער מומע גרובען; און אַז מען זאָגט איר „גיי צו דער מומע גרובען" — פאַרטראַכט זי זיך און גייט אַוועק צו דער מומע דינהען, אָט אַזאַ מיידל איז זי!

טאַטע: וואָס איז דאָס קינד שולדיק, אַז ביידע מומעס האָבן פאַרקערטע נעמען? אַז איר מומע גרובע איז גאָר ניט קיין גראָבע, — זי איז גאָר הויך און דין ווי אַ פלאָקן, און איר מומע דינה איז גאָר ניט קיין דינע — זי איז קורץ און גראָב ווי אַ פעסל! איך אַליין פאַרבייט אויך אַמאָל די יוצרות!

מומע דינה: ווייל דו אַליין ביסט פונקט אַזאַ פאַרטראַכ־טער מלאך ווי דיין טאָכטער, און דיין טאָכטער איז פונקט...

טאַטע: שאַ! שאַ! אָן זיצט זי דאָך!

אַלע דריי: וווּ? וווּ? וווּ?

טאַטע: אָן דאָרטן, אויף דער באַנק! (וויל זיך לאָזן לויפן איבערן טייכל, מאַמע כאַפּט אים ביים ראָק).

מאַמע: וווּהין לויפסטו? מ'דאַרף אים היטן ווי אַ קליין קינד!

טאַטע: וואָס הייסט, וווּהין? — צו שפּרינגען!

מאַמע: איבערן טייך? — וועסט דאָך דערטרונקען ווערן! אָט איז דאָך אַ גלייכער וועג, גייט מען מיטן גלייכן וועג!

דער טאַטע האָט זיך געלאָזט לויפן מיטן גלייכן וועג און די פרויען זיינען אים נאָכגעלאָפן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער באַנק האָבן אַלע מיט פרייד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און — אַלע אין כאָר — אויסגערופן:

— זע נאָר, ס'איז דאָך טאַקע שפּרינצע!

שפּרינצע טאַנצט אויך אַהיים

שפּרינצע האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, אַלעמען באַטראַכט, און האָט מיט צעצויגענע ווערטער אַרויסגערעדט:

— זע נאָר, פון וואַנען האָט איר געוווּסט אַז איך בין שוין צוריקגעקומען?

— אוי! — האָט די מומע דינה אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — און ווי נאָך ביסטו געווען?

אָבער שפּרינצע האָט זי ניט געהערט און האָט ווייטער געזאָגט:

— ווען איר קומט פריער, מיט אַלעמען גלייך, וואָלט איר זיי דאָ אַלעמען געזען. איצט האָבן זיי שוין אַוועקגעטאַנצט אַהיים... אַפילו דער גרויסער קודלאַטער הונט האָט שוין אויך אַוועקגעטאַנצט אַהיים... ער האָט מיך אַזוי ליב... ער האָט מיר אַ קוש געטאָן אין מאַרדע, אַ קוש געטאָן אין די אויגן, זיך פאַרנייגט פאַר מיר און האָט געזאָגט, — „אַ גוטע נאַכט, שפּרינצע!״ און האָט אַוועקגעטאַנצט אַהיים... איז וואָס שטייט איר אַזוי? און וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי? איר האָט מיך נאָך אַלץ ניט דערקאָנט? איך בין דאָך שפּרינצע! איז קומט לאָמיר אויך אַוועקטאַנצן אַהיים!

די מאַמע איז געשטאַנען און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן. די צוויי מומעס האָבן אויסגעשטעלט צוויי פּאָר גרויסע אויגן אויף שפּרינצען, פאַרקלעמט די הענט, געשאָקלט מיט די קעפּ און זיינען געשטאַנען שטומע. נאָרביים טאַטן האָט זיך צעגאָסן אַ ברייטער שמייכל אויפן פּנים, ער האָט צערטלעך אויפגעהויבן שפּרינצען פון באַנק, זי אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אין מאַרדע, אַ קוש געטאָן אין די אויגן, אַ קוש געטאָן אין שטערן און האָט געזאָגט:

— קום, טאָכטער, לאָמיר אויך אַוועקטאַנצן אַהיים.

האָבן זיי זיך אָנגענומען פאַר די הענט, צוגעטאַנצט צו

דער מאַמען מיט די צוויי מומעס, זיך פאַרנייגט און האָבן אַרויסגעזונגען:

— אַ גוטע נאַכט, אייך! גוטע נאַכט!

און זיי האָבן ביידע אַוועקגעטאַנצט.

די דריי פרויען זיינען געבליבן שטיין און האָבן שטום נאָכגעקוקט ווי טאַטע און טאָכטער טראָגן זיך טאַנצנדיק איבער די באַלויכטענע וועגן פון פאַרק צווישן ביימער און בלומען.

—און דער טאַטע טאַנצט פונקט אַזוי שטיפעריש ווי זיין טאָכטער — האָט די מומע גרובע אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אין דער וויים.

— איך האָב אַלע מאָל געזאָגט, אַז אים פעלט אַ ווענטל אין קאָפּ, — האָט אַרויסגעברומט די מומע דינה.

— נו, פרעג איך אייך — רופט זיך אָן די מאַמע, — קען מען באַשולדיקן שפּרינצען?

גיריגומבאל דער גרויסער

(אַ מעשה וואָס לאָזט זיך קוים גלויבן)

דאָס מעשהלע איז דערציילט געוואָרן און איז
איבערדערציילט געוואָרן פון דור צו דור פאַר
אַלע קינדער פון דער וועלט, פונקט ווי עס
איז מיט יאָרן און יאָרן צוריק פאַר־
שריבן געוואָרן און ווי איך דערצייל
עס אייך איצט

בײַ אונדז אין שטעטל פֿלעגט מען זאָגן, אַז זשאַבעס זײַנען פֿאַרשאָלטענע מענטשן און, אַז מע דאַרף אויף זײ רחמנות האָבן. אָבער דאָס, װאָס איך װעל אײַך דאָ דערציילן, איז גאָר עפּעס אַנדערש. אָט הערט:

זשאַבעס גרויס װי קינדער

דאָס איז געװען אין אַ װײַטן, װײַטן לאַנד. אַרום דער הויפּטשטאָט פֿון יענעם לאַנד זײַנען געװען גרויסע זומפּן, האָבן אין די זומפּן זיך אָנגעהויבן פֿאַרמערן זשאַבעס — ניט פֿון דעם געװײנלעכן מין: זײ זײַנען געװען ברוינע, מיט שװאַרצע בײַכער, און אַזעלכע גרויסע, אַז די מענטשן פֿון יענעם לאַנד האָבן זיך גאָר ניט געקענט אָפּװוּנדערן. און אַזױ װי די מענטשן זײַנען געװען גוטע און האָבן קײן אַנדערע זאָרגן ניט געהאַט, זײַנען זײ יעדן טאָג געקומען צו די זומפּן, געשפּײַזט די זשאַבעס און זיך געשפּילט מיט זײ.

און די זשאַבעס זײַנען מיט יעדן טאָג געװאָרן גרעסער און גרעסער: אָט זײַנען זײ אַזױ גרויס װי אַ קעצל; אָט זײַנען זײ אַזױ גרויס װי אַ הינטל; און אָט, זײַנען זײ שױן אַזױ גרויס װי אַ קינד. האָט די נײַס װעגן דעם װוּקס פֿון די זשאַבעס זיך גענומען פֿאַרשפּרײטן איבער דער װעלט, איז מען פֿון אומעטום געקומען אָנקוקן דעם בײַזװוּנדער.

װען די זשאַבעס זײַנען געװאָרן אַזױ גרויס װי קינדער, האָבן די מענטשן אָנגעהויבן לערנען זײ פֿאַרשײדענע זאַכן:

צוערשט האָט מען זיי געלערנט ווי צו גיין אויף צוויי פיס; דאָס האָבן די זשאַבעס זייער גיך זיך אויסגעלערנט און, זיי פלעגן שוין אַרומגיין אויף צוויי פיס ווי מענטשן, אָבער, ווי נאָר זיי פלעגן דערזען פון דער ווייטן אַ בושל פליען, פלעגן זיי אַ פאַל טאָן אויף אַלע פיר און אַריינשפּרינגען צוריק אין די זומפּן.

די זשאַבעס האָבן מורא געהאַט פאַר די בושלס, ווייל אין יענעם לאַנד זיינען אויך די בושלס געווען גרויסע און שטאַרקע: זיי האָבן געהאַט ברייטע בלויע פליגלען, ווייסע פעדערן, לאַנגע רויטע פיס, און רויטע שאַרפע שנאָבלען. די מענטשן האָבן ניט איין מאָל צוגעזען ווי אַ בושל טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ, כאַפּט די גרעסטע זשאַבע אין זיין שנאָבל און פליט מיט איר אַוועק צו זיך אין נעסט.

די זשאַבעס לערנען

ווען די מענטשן האָבן דערזען אַז די זשאַבעס האָבן זייער גיך זיך אויסגעלערנט גיין, האָבן זיי באַשלאָסן פּרו־בירן לערנען די זשאַבעס ריידן, און שפּעטער — אויך לייע־נען און שרייבן; האָבן זיי אויפגעבויט שולן, טאַקע ביי די זומפּן, און גענומען לערנען די זשאַבעס, ווי מע לערנט קינדער — ריידן, לייענען און שרייבן.

די זשאַבעס האָבן געלערנט מיט חשק, ווייל נאָך די לעקציעס האָט מען זיי געגעבן גוטע זאַכן צום עסן, האָבן זיי גאָר גיך זיך אויסגעלערנט ריידן, נאָר צו יעדן וואָרט איז בא זיי צוגעקומען דער קלאַנג „גראַן". ווען דער לערער האָט זיי געהייסן זאָגן „איך גיי", האָבן די זשאַבעס גע־זאָגט: „גראַן־איך גראַן־גיי"; און ווען דער לערער האָט זיי געהייסן זאָגן „איך שרייב", האָבן די זשאַבעס געזאָגט: „גראַן־

איך גראַן־שרייב״. אָבער גאָר שיין איז געווען צו הערן ווען דער לערער האָט זיי געלערנט דאָס לידעלע:

פירן פורן פיל
קאָרן צו דער מיל.
מאָלן מילן מעל
פאַר די בעקער שנעל.
באַקן בעקער ברויט,
קנאַקן באַקן רויט.

האָבן די זשאַבעס דאָס געזאָגט אַזוי:

גראַן־פירן גראַן־פורן גראַן־פיל
גראַן־קאָרן גראַן־צו גראַן־מיל.
גראַן־מאָלן גראַן־מילן גראַן־מעל
גראַן־פאַר גראַן־בעקער גראַן־שנעל.
גראַן־באַקן גראַן־בעקער גראַן־ברויט,
גראַן־קנאַקן גראַן־באַקן גראַן־רויט.

מיט דער צייט האָבן די זשאַבעס זיך דאָך אויסגעלערנט בעסער ריידן, בעסער לייענען און בעסער שרייבן. און ס׳איז געווען שיין צו זען ווי די ברוינע זשאַבעס מיט די שוואַרצע בייכער מאַרשירן פאַרלעכווייז יעדן טאָג אין שול אַריין, און ווי זיי זיצן שיין און שטיל ביי די טישלעך און הערן זיך צו וואָס דער לערער דערציילט זיי, און געדענקען וואָס דער לערער האָט זיי געלערנט.

ווען די מענטשן האָבן דערזען, אַז די זשאַבעס לערנען מיט חשק און וואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער, האָט מען זיי אָנגעהויבן לערנען ווי צו קומען אין שטאָט אַריין און, מע האָט זיי אָנגעהויבן אַריינגעמען אין הייזער און זיי

געלערנט ווי צו זיצן ביי טישן און עסן ווי מענטשן. דאָס האָבן די זשאַבעס גאָר גיך זיך אויסגעלערנט. און יעדן פֿאַר נאַכט פֿלעגן זיי קומען אין די באַשטימטע הייזער, זיך אויסזעצן אַרום די טישן, אַרומבינדן ווייסע שערצלעך אַרום די העלדזער און עסן מיט גרויס הנאה די זשאַבע־מאכלים, וואָס די מענטשן האָבן פֿאַר זיי צוגעגרייט.

און אַזוי זיינען די זשאַבעס געוואַקסן צווישן די מענטשן און זיינען געוואָרן גרעסער און גרעסער און האָבן אָנגעהויבן נאָכמאַכן אַלצדינג, וואָס די מענטשן האָבן געטאָן.

די זשאַבעס באַגעגענען דעם קעניג

ווען די זשאַבעס זיינען געוואָרן אַזוי גרויס ווי די מענטשן, האָבן זיי נאָך אַלץ מורא געהאַט פֿאַר די בושלס, זיי פֿלעגן ליגן גאַנצע טעג אין די זומפּן און שלינגען קליינע זשאַבעס. אָבער ווי נאָר ס'פֿלעגט ווערן נאַכט און די בושלס פֿלעגן איינשלאָפֿן, פֿלעגן די זשאַבעס קומען צו שפּרינגען אין שטאָט אַריין, זיך אויפֿשטעלן אויף צוויי פֿיס און, פֿאָרלעכ־וויז, זיך לאָזן שפּאַצירן איבערן בולוואַר צוגלייך מיט אַלע מענטשן.

איין מאָל האָט געטראָפֿן אַ שיינע זאַך: ווען די זשאַ־בעס האָבן פֿאָרלעכוויז שפּאַצירט איבערן בולוואַר, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפֿן מיט דעם קעניג פֿון לאַנד, ווי ער שפּאַ־צירט מיט זיין קעניגין און מיט זיין גאַנצער סוויטע. זיינען די זשאַבעס צו אים צוגעגאַנגען און אים געפֿרעגט:

— ווער ביסטו? מיר זעען דיך צום ערשטן מאָל.

איז דעם קעניג שטאַרק געפֿעלן געוואָרן צו זען און צו הערן די זשאַבעס ריידן, האָט ער געענטפֿערט:

— איך בין דער קעניג פֿון דעם לאַנד.

— פאַר וואָס?

— ווייל אַ לאַנד דאַרף האָבן איינעם, וואָס פירט אָן מיטן לאַנד.

— און ווער איז דאָס? — ווייזן די זשאַבעס אויף דער קעניגין.

— דאָס איז מיין קעניגין.

— פאַר וואָס?

— ווייל אַ קעניג דאַרף האָבן אַ קעניגין.

— און ווער זיינען אָט די?

— דאָס זיינען מיינע מיניסטאָרן.

— פאַר וואָס — האָבן די זשאַבעס געפרעגט.

— ווייל אַ קעניג דאַרף האָבן מיניסטאָרן, וואָס זאָלן אים געבן עצות.

— און ווער זיינען אָט יענע?

— יענע זיינען מיינע גענעראַלן.

—פאַר וואָס?

— ווייל אַ קעניג דאַרף האָבן גענעראַלן, וואָס זאָלן פאַר אים פירן מלחמות און שיצן דאָס לאַנד.

האָבן די זשאַבעס אַ ווײַלע געשוויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן עפּעס נאָכגעטראַכט; נאָך דעם איז די גרעסטע פון זיי צו־געקומען צום קעניג, האָט פון אים אַראָפּגענומען די קרוין און געפרעגט:

— און וואָס איז דאָס?

— דאָס איז מיין קרוין.

— פאַר וואָס?

— ווייל אַ קעניג דאַרף טראָגן אַ קרוין.

האָט די גרויסע זשאַבע אָנגעטאָן די קרוין אויף זיך און גענומען שפּאַצירן מיט גרויס גאווה הין־און־צוריק.

ווען די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אַרום, האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק צעלאַכט: „זעט! זעט!

אַ זשאַבע מיט אַ קרוין אויפֿן קאָפּ!" און דער קעניג האָט געפֿרעגט דער זשאַבע:

— ווילסט ווערן אַ קעניג?

— יאָ, — האָט די זשאַבע געענטפֿערט:

— אַ קעניג איבער זשאַבעס קען זיך באַגיין אָן אַ קרוין.

— ניין, ניין! — האָט די זשאַבע אויסגעשריען; — איך וויל ווערן קעניג איבער דער גאַנצער וועלט!

דאָ איז געוואָרן גאָר אַ גרויס געלעכטער. דער קעניג האָט צוגענומען זיין קרוין און זיך געלאָזט ווייטער שפּאַצירן איבערן בולוואַר; אויך דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין; די זשאַבעס זיינען אַ ווײַלע געבליבן אין אַ רעדל, שטיל גערעדט צווישן זיך, נאָך דעם האָבן זיי אָנגעהויבן נאָכגיין פֿון דער ווייטן דעם קעניג. ווען די קעניגלעכע סוויטע איז אַריין אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָבן די זשאַבעס אַ ווײַלע באַטראַכט דעם פּאַלאַץ, נאָך דעם האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק צו די זומפּן.

פֿון דעמאָלט אָן, יעדן אָוונט, פֿלעגן די זשאַבעס זיך צעשפּרייטן איבערן הויף פֿון דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, באַטראַכטן אַלצדינג, אַריינקוקן אין אַלע פֿענצטער און פֿרעגן פֿראַגעס: „וואָס איז דאָס?" און „פֿאַר וואָס?" און ווען זיי פֿלעגן קומען צוריק אין זומפּ אַריין, פֿלעגן זיי נעמען נאָכטאָן אַלצדינג, וואָס זיי האָבן אויסגעפֿונען און זיך אָנגעזען אין דעם קעניגלעכן הויף.

די זשאַבעס מושטירן זיך

איין מאָל, ווען די זשאַבעס האָבן זיך אַ לענגערע צייט ניט געוויזן אין שטאָט, האָבן די מענטשן פֿון שטאָט זיך

אַראָפּגעלאָזן צו די זומפּן אויסצוגעפינען וואָס מיט די זשאַ־בעס טוט זיך.

ווען די מענטשן זיינען צוגעקומען צו די זומפּן, זיינען זיי געבליבן שטיין אין גרוים פאַרוווּנדערונג; זיי האָבן זייערע אייגענע אויגן ניט געגלויבט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַר זיך דערזען:

אויף אַן אַלטן, מיט מאָך באַוואַקסענעם און האַלב־אויס־געפוילטן שטאָם פון אַ בוים, איז — ווי אויף אַ טראָן — געזעסן די גרעסטע זשאַבע, אויסגעפּוצט אין ברוינע, גרינע און רויטע זומפּן־בלעטער און מיט אַ קרוין אויסגעפלאָכטן פון זומפּן־וואַרצלען; ביי דער גרויסער זשאַבעס רעכטער זייט זיינען געשטאַנען פיר קלענערע זשאַבעס, אויסגעפּוצט אין ברוינע און געלע זומפּן־געוויקסן; און ביי איר לינקער זייט — אַנדערע פיר זשאַבעס, אויסגעפּוצט אין גרינע און רויטע זומפּן־געוויקסן און מיט שווערדן ביי די זייטן; און צעשפּרייט איבערן זומפּיקן פעלד זיינען געשטאַנען זשאַבעס אויסגעשטעלטע אין גלייכע רייען — אַלע אָנגעטאָן אין ברוינע זומפּן־בלעטער — און האָבן זיך מושטירט ווי סאָלדאַטן.

האָבן די מענטשן זיך געוווּנדערט איבער אַלץ וואָס זיי האָבן דאָ געזען און האָבן געזאָגט איינע צו די אַנדערע:

— די זשאַבעס זיינען פּונקט ווי די מאַלפּעס, זיי האָבן ליב נאָכצוקרימען אַלץ, וואָס זיי זעען; זיי האָבן געזען ווי דעם קעניג׳ס אַרמיי מושטירט זיך און, ווי דער קעניג מיט זיינע מיניסטאָרן און גענעראַלן זיצן פון דער ווייטן און קוקן זיך צו, — טוען די זשאַבעס דאָס אייגענע.

— אָבער — האָט איינער פון די מענטשן געזאָגט — אויב די זשאַבעס וועלן אויסמושטירן אַ גרויסע אַרמיי — און זיי זיינען דאָך מערער און גרעסער און שטאַרקער פון די מענטשן — וועלן זיי, גאָר גרינג, אונדז קענען באַזיגן און

ווערן די הערשער פון לאַנד.

— דו ביסט אַ שרעקעדיקער האָז! זשאַבעס האָבן קיין שכל ניט אויף אַזעלכע זאַכן און זיי וועלן קיין מאָל ניט ווערן די הערשער איבער דעם מענטש און, איבערהויפּט, ניט איבער אונדזער לאַנד!

און אַזוי ריידנדיק זיינען די מענטשן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

גיריגומבאל דער גרויסער

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די מענטשן זיינען ווידער אַמאָל געקומען צו די זומפּן און האָבן ווידער אַמאָל דערזען ווי די זשאַבעס מושטירן זיך, זיינען זיי צוגעגאַנגען צו דער גרויסער זשאַבע און האָבן געפרעגט:

— פאַר וואָס האָסטו זיך אויסגעפּוצט אין קאָלירטע בלעטער? און פאַר וואָס זיצסטו אויף דעם אויסגעהוילטן שטאָם פון אַ בוים?

— מיר, זשאַבעס, ווייסן שוין פון לאַנג, אַז דער מענטש איז בלינד. אָט זעט: דאָס וואָס איר רופט „קאָלירטע בלעטער", דאָס זיינען מיינע קעניגלעכע קליידער; און דאָס וואָס איר רופט „שטאָם פון אַ בוים", דאָס איז מיין טראָן. איצט ווייסט איר שוין ווער איך בין?

— אוודאי ווייסן מיר! — האָבן אויסגערופן די מענטשן מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל: — דו ביסט דער קעניג פון די זשאַבעס, וואָס הערשט איבער די זומפּן.

— ניין! ניט נאָר איבער די זומפּן! — שרייט אויס דער זשאַבע-קעניג: — איך בין דער קעניג פון דעם גאַנצן לאַנד!

— אַזוי! פון דעם גאַנצן לאַנד! — רופן אויס די מענטשן מיט אַן ערנסט פּנים: — אָבער, אַ קעניג פון אַזאַ גרויס לאַנד דאַרף דאָך האָבן אַ נאָמען, — און דו?...

— אַוואַדע האָב איך אַ נאָמען! מיין נאָמען איז ג י ר י ־ ג ו מ ב א ל ד ע ר ג ר ו י ס ע ר! און פון היינט אָן און ווייטער וועט איר אַלע מיך רופן גיריגומבאַל דער גרויסער!

— און פאַר וואָס עפּעס גיריגומבאַל דער גרויסער? — פרעגן די מענטשן: — ס'איז דען פאַראַן נאָך אַ גיריגומבאַל — אַ קליינער?

— ניין, — ענטפערט דער זשאַבע־קעניג: — ס'איז דאָ נאָר איין גיריגומבאַל אויף דער גאַנצער וועלט — און דאָס בין איך! איך האָב מיר אַ נאָמען געגעבן גיריגומבאַל דער גרויסער, ווייל איך בין דער גרויסער פירער פון מיין שטאָם! און מיין נאָמען — פּונקט ווי די נעמען פון מיינע מיניסטאָרן, וואָס שטייען דאָ ביי מיין רעכטער האַנט, און די נעמען פון מיינע גענעראַלן, וואָס שטייען דאָ ביי מיין לינקער האַנט — טראָגט מיט זיך דעם קלאַנג פון זומפּ, און דערמאָנט אונדז אַלע מאָל, אַז דער זומפּ איז די שענסטע טייל פון לאַנד און, אַז דאָס זומפּן־פאָלק איז דאָס העכסטע און דאָס איידלסטע פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט!

— אָ, דאָס איז זייער אינטערעסאַנט! — האָבן אויס־גערופן די מענטשן: — אויב אַזוי, זאָג זשע אונדז די נעמען פון דיינע מיניסטאָרן און פון דיינע גענעראַלן, ווייל מיר זיינען ביז גאָר פאַראינטערעסירט צו הערן אַזעלכע נעמען, וואָס טראָגן מיט זיך דעם קלאַנג פון זומפּ.

— גוט. איך, גיריגומבאַל דער גרויסער גיב נאָך אייער פאַרלאַנג! — און ער טוט אַ קאָמאַנדעווע:

— מיינע מיניסטאָרן!

טוען די זשאַבע־מיניסטאָרן דריי מאָל אַ שפּרינג־אונטער און שרייען־אויס אין איין קול:

— גרין־גראַן גיריגומבאַל! מיר זיינען גרייט פאַר דיין באַפעל!

— אייערע נעמען! — טוט דער זשאַבע־קעניג א קאַמאַנדעווע.

טוען די מיניסטאָרן ווידער אַ שפרינג־אונטער און יעדער, לויט זיין ראַנג, זינגט אויס זיין נאָמען:

— טום!

— טארומבא!

— בומבא!

— טומבא!

— איר הערט ווי שיין זומפן־נעמען קלינגען? — רופט אויס דער זשאַבע־קעניג, — דאָס האָב איך אַליין זיי צוגע־טראַכט. און איצט וועט איר הערן די נעמען פון מיינע גענעראַלן. און ער טוט אַ קאָמאַנדעווע:

— מיינע גענעראַלן!

טוען די זשאַבע־גענעראַלן דריי מאָל אַ שפרינג־אונטער און שרייען־אויס אין איין קול:

— גרין־גראַן גיריגומבאַל! גרייט פאַר דיין באַפעל!

— אייערע נעמען! — טוט דער זשאַבע־קעניג אַ קאָמאַנדעווע.

טוען די גענעראַלן ווידער אַ שפרינג־אונטער און יעדער, לויט זיין ראַנג, זינגט אויס זיין נאָמען:

— קיקי־קוק!

— מיקי־מוק!

— ריקי־רוק!

— טיקי־טוק!

— נו? — רופט אויס דער זשאַבע־קעניג צו די מענטשן:

— האָט איר ווען געהערט אַזעלכע שיינע נעמען? יעדער נאָמען קלינגט מיט זומפּ!

— יאָ. — ענטפערן די מענטשן: — עס קלינגט ווי דער

זומפּ אין אַ פינצטערער נאַכט. און יענע — פרעגן די מענטשן,
— וואָס מושטירן זיך דאָרט, זיינען מסתמא דיינע סאָלדאַטן?

—יאָ. — זאָגט דער קעניג: — איר קענט זיי רופן סאָלדאַטן.

— און זייערע נעמען? — פרעגן די מענטשן.

— מיינע סאָלדאַטן דאַרפן ניט קיין באַזונדערע נעמען; זיי זיינען דאָך ניט מער ווי סאָלדאַטן; פאַר זיי האָב איך געשאַפן איין אלגעמיינעם נאָמען, וואָס קלינגט פּונקט אַזוי זומפּיק-שיין ווי די אַנדערע נעמען; איך רוף זיי — בול-בוליעס.

— בולבוליעס? — רופן אויס די מענטשן: — מעגן מיר ווימן פאַר וואָס דו האָסט זיי אַ נאָמען געגעבן בול-בוליעס?

— איך האָב זיי אַ נאָמען געגעבן בולבוליעס צוליב זייערע צוויי איינגעבוירענע אייגנשאַפטן: ערשטנס, ווען זיי ליגן אין זומפּ אין אַ וואַרעמער פרילינג-נאַכט און ווילן אויסזינגען זייער פרילינג-סערענאַדע, שטעקן זיי אַרויס בלויז דאָס מויל פון אונטער וואַסער און זינגען — בול! בול! בול!... צווייטנס, זיי זיינען זייער שטאַרקע און איינגעעקשנטע, ווען זיי הייבן אָן אַ קאַמף מיט אַן אַנדער זשאַבע, וועלן זיי ניט אויפגעבן ביז איינע פון זיי פאַלט טויט. האָב איך פאַר זיי באַשטימט אַ גאַר געהייבענע מיסיע.

— אַ מיסיע? — פרעגן די מענטשן פאַרוווּנדערט.

— יאָ, מיינע מענטשעלעך! — בייט דער זשאַבע-קעניג זיין טאָן: — אַ זייער געהייבענע מיסיע! זיי, די בולבוליעס, וועלן זיין די יעניקע וואָס וועלן באַפרייען די וועלט פון אל-דאָס-שלעכטס און וועלן איינפירן אַ נייע אָרדענונג און נייע געזעצן פאַר אַלעמען אויף דער גאָרער וועלט!

די מענטשן האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פון אויסשיסן מיט אַ געלעכטער; יעדערער האָט כלומרשט זיך געווישט

דאָס פּנים און מיט אַ פאַרשטעלטן שמייכל געפרעגט:

— אַ נייע אָרדענונג? נייע געזעצן? אויף דער גאַנצער וועלט? דו מיינסט געוויס אויף דער זומפּן־וועלט, צווישן די זשאַבעס!

— ניין, ניין! — האָט דער זשאַבע־קעניג אויסגעשריען:

— ס'איז געקומען די צייט ווען מיר, דער זשאַבע־שטאַם, זאָלן לערנען די מענטשן ווי אויפצופירן זיך און ווי צו לעבן אויף דער וועלט!

דאָ האָבן די מענטשן אויסגעשאָסן מיט אַ גאַר גרויס געלעכטער און האָבן געזאָגט איינע צו די אַנדערע:

— אַז מע לערנט אויס אַ זשאַבע ריידן, רעדט עס פּאַר פּייער און פּאַר וואַסער! אַז אַך און אַז ווי וואָלט געווען צום מענטשן, ווען אַ זשאַבע וואָלט געוואָרן זיין לערער און וועג־ווייזער.

און די מענטשן האָבן באַשלאָסן מער ניט האָבן צו טאָן מיט די זשאַבעס, און זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַהיים.

דער אָנהייב

איז דורכגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און די מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן די זשאַבעס, האָבן אָבער די זשאַבעס אָנגעהויבן לאָזן פון זיך הערן: עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארומטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן זיי און, מע האָט זיך דערציילט ניט־גלויבלעכע מעשות וועגן זיי.

אייניקע האָבן דערציילט, אַז די זשאַבעס האָבן פון ערגעץ־ווו אַריינגעבראַכט גרויסע קראָקאָדילן אין די זומפּן אַריין און, אַז זיי פאָרן אַרום אויף די קראָקאָדילן ווי די אַמאָליקע ריטערס פלעגן ארומפאָרן אויף זייערע געפּאַנצערטע פערד.

אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ניט נאָר קראָקאָדילן האָבן די זשאַבעס אַריינגעבראַכט אין די זומפּן, נאָר אויך ריזיקע טשערעפּאַכעס און, אַז זיי אליין האָבן געזען ווי די זשאַבעס פאָרן ארום אויף די טשערעפּאַכעס ווי אויף געפּאַנצערטע וועגענער.

און נאָך אַנדערע האָבן דערציילט, אַז די זשאַבעס זיינען געוואָרן אַזוי פיל אין צאָל, אַז די זומפּן זיינען שוין פאַר זיי ניט גענוג, האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבער די פעלדער, האָבן אָנגעפילט די וועלדער, און גאָר אַ סך פון זיי האָבן זיך באַזעצט אויף די ביימער.

און סע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן פון די שטעט און פון די דערפער זיך באַקלאָגן פאַרן קעניג:

פּאַרמערס האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די זשאַבע-אַרמייען מאַרשירן איבער זייערע פעלדער און צעטרעטן די גאַנצע תבואה;

פאַסטוכער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די זשאַבע-אַרמייען באַפאַלן זייערע סטאַדעס און פרעסן אויף קי און שעפּסן;

געשעפטסלייט האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די זשאַבע-אַרמייען באַפאַלן און צעראַבעווען זייערע געשעפטן;

געווער-פאַבריקאַנטן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די זשאַבע-אַרמייען האָבן צעראַבעוועט אַלע געווער-פאַבריקן.

☆

ווען דער קעניג פון לאַנד האָט אויסגעהערט די אַלע אנקלאָגעס, האָט ער געזאָגט:

— די זשאַבעס זיינען צוערשט געווען אַ שפּילעכל פאַרן לאַנד, איצט זיינען זיי געוואָרן אַן אָנשיקעניש אויפן לאַנד. און ער האָט צוזאַמענגערופן זיינע עצה-געבערס, און זיינע

מיניסטאָרן מיט די גענעראַלן, און זיי אַלע האָבן באַשלאָסן: אויסראַטן די זשאַבעס פון לאַנד.

האָבן די גענעראַלן צוזאַמענגעשטעלט גרויסע אַרמייען און זיי אַרויסגעשיקט מיט דעם באַפעל: אויסראָטן די זשאַבעס!...

איז דעם קעניג׳ס אַרמיי אַוועק און איז ניט צוריק־געקומען. ווייל גיריגומבאַל, דער זשאַבע־קעניג, האָט זיך דערוווּסט אַז די מענטשן־אַרמיי וועט דורכגיין דעם נאָענטן וואַלד, האָט ער מיט זיינע זשאַבע־סאָלדאַטן, מיט די קראָ־קאָדילן און טשערעפּאַכעס זיך באַהאַלטן אין יענעם וואַלד און געוואַרט.

די מענטשן־אַרמיי האָט פון דעם ניט געוווּסט, זיינען זיי אַריין אין וואַלד מיט געזאַנג. אָבער, ווען זיי זיינען געקומען אין די טיפענישן פון וואַלד, זיינען די זשאַבע־סאָלדאַטן אויף זיי אַראָפּגעשפּרונגען פון די ביימער; די קראָקאָדילן זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן פון הינטער די ביימער פון איין זייט און די טשערעפּאַכעס — פון הינטער די ביימער פון דער אַנדער זייט און... פון דער מענטשן־אַרמיי איז בלויז געבליבן אַ באַרג מיט קליידער און אַ באַרג מיט געווער... האָבן די זשאַבעס עס צוגענומען פאַר זיך.

אַז די מענטשן־אַרמיי איז ניט צוריקגעקומען, האָט מען זי געגומען זוכן. טיף אין וואַלד האָט מען געפונען די ביינער. האָט מען צונויפגענומען די ביינער, געבראַכט צום קעניג און געזאָגט:

— זע, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט געטראָפן מיט דיין אַרמיי!

האָט דער קעניג, מיט טרויער אין קול און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, געזאָגט:

— ניט נאָר מיט מיין אַרמיי האָט אַן אומגליק געטראָפן, נאָר — מיטן גאַנצן לאַנד. די זשאַבעס האָבן זיך איינגערעדט

אַז זיי וועלן הערשן איבער די מענטשן, ווייל זיי זיינען „העכער און איידעלער" פון דעם מענטשן־שטאַם. אונדז איז געבליבן נאָר איין וועג צו פאַרמיידן אַזאַ קאַטאַסטראָפע, — אויסראַטן זיי! מיר מוזן זיי אויסראַטן, איידער זיי פאַרמערן זיך נאָך מער און איידער זיי פרעסן אונדז אַלעמען אויף!

און דער קעניג האָט אַרויסגעשיקט נאָך אַ גרעסערע אַרמיי מיט דעם באַפעל, — אויסראַטן אַלע זשאַבעס!

איז די צווייטע אַרמיי אַוועק און — איז נית צוריק־געקומען...

דאָס מאָל האָבן דעם קעניג'ס גענעראַלן געטראַכט אַזוי: איצט ווייסן מיר, אַז די זשאַבעס באַהאַלטן זיך אויס אין וואַלד, וועלן אונדזערע אַרמייען אַריבערשווימען דעם טייך אין שיפלעך, אַרומרינגלען דעם וואַלד און אויסראָטן אַלע זשאַבעס.

האָט גירינגומבאַל, דער זשאַבע־קעניג, זיך דערוווּסט פון דעם פּלאַן, האָט ער מיט זיינע אַרמייען זיך באַהאַלטן אונטערן וואַסער, און ווי נאָר די שיפלעך אָנגעפילט מיט די סאָלדאַטן פון לאַנד, זיינען געקומען צו די טיפסטע טיפענישן פון טייך, האָבן די זשאַבע־אַרמייען זיך אַ הייב־געטאָן איבערן וואַסער, איבערגעקערט די שיפלעך און אַראָפּגעשלעפּט אַלע סאָלדאַטן צום גרונט.

טעג שפּעטער, ווען מענטשן האָבן דערזען די איבער־געקערטע שיפלעך אויפן טייך, זיינען זיי געקומען צו דעם קעניג און האָבן געזאָגט:

— קום אַרויס צום טייך און זע וואָס פאַר אַן אומגליק ס'האָט געטראָפן דיין אַרמיי! — און זיי האָבן אים דער־ציילט וואָס זיי האָבן געזען.

האָט דער קעניג זיך צעוויינט און האָט געזאָגט:

— ווי צו אונדז און ווינד צו אונדז! מיר האָבן ניט געוווּסט ווי אויסצונוצן אונדזער גוטסקייט: אונדזער גוטסקייט

צו מענטשן איז געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד; אָבער אונדזער גוטסקייט צו זשאַבעס האָט געבראַכט אַ קללה אויף אונדזער לאַנד! איצט זיינען מיר אַלע אין גרויס געפאַר איינגעשלונגען צו ווערן פון די זומפּן-באַשעפענישן; און — נאָך ערגער ווער זיין פאַר די, וואָס ווען בלייבן לעבן אונטער דער הערשאַפט פון די זשאַבעס.

איז דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן אומעטיק: די מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע, און די נעכט האָבן זיי איבערגעלעבט אין שרעק, ווייל זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

עס איז געשען

און איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, איז דאָס טאַקע געשען: די גאַנצע נאַכט האָבן מענטשן געהערט ווי גרויסע זשאַבע-פיס פּאַטשן מיט שווערע לאַפּטשעס איבערן ברוק. און אין דער פרי, ווען מענטשן זיינען אַרויסגעקומען פון די הייזער, האָבן זיי דערזען — אין אַלע גאַסן שטייען אויסגעשטעלט זשאַבע-סאָלדאַטן אין געקייטלטע רייען און לאָזן קיינעם ניט דורכגיין אַ גאַס. האָבן די מענטשן געפרעגט די זשאַבע-סאָלדאַטן:

— צוליב וואָס האָט איר זיך אויסגעשטעלט אין אַלע גאַסן און לאָזט קיינעם ניט דורכגיין?

— ווייל סע וועט באַלד זיין אַ גרויסער פּאַראַד — האָבן די זשאַבע-סאָלדאַטן געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ פּאַראַד? — האָבן די מענטשן געפרעגט:

— ס'איז דען היינט אַ יום-טוב ביי די זשאַבעס?

— יאָ, ס'איז היינט אַ גרויסער יום-טוב, אָבער ניט נאָר פאַר די זומפּן-פעלקער; ס'איז היינט אַ יום-טוב פאַרן גאַנצן לאַנד.

— פאַרן גאַנצן לאַנד! — רופן אוים די מענטשן: — מיר זיינען אין דעם לאַנד געבוירן און האָבן נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אַז אַ יום-טוב זאָל אויספאַלן אין דער איצטיקער צייט און אין אַזאַ וואָכעדיקן טאָג!

ענטפערן די זשאַבע-סאָלדאַטן:

— אויב איר האָט נאָך ניט געהערט וועגן אַזאַ יום-טוב, וועט איר וועגן דעם באַלד הערן, ווייל באַלד קומט אונדזער קעניג...

— אייער קעניג?! — האָבן די מענטשן אויסגערופן מיט צאָרן: — און ווער איז אייער קעניג?

— אונדזער קעניג — ענטפערן די זשאַבעס מיט שטאָלץ — איז דער קעניג פון לאַנד! און זיין נאָמען איז גיריגומבאַל דער גרויסער!

— גיריגומבאַל?! — פרעגן איבער די מענטשן: — גיריגומבאַל? דער קעניג פון לאַנד? ניין, דאָס איז ניט דער נאָמען פון אונדזער קעניג!

— פון היינט אָן איז גיריגומבאַל דער גרויסער אויך אייער קעניג!...

— און וואָס איז געוואָרן מיטן קעניג פון לאַנד, מיט אונדזער קעניג! — האָבן די מענטשן געפאָדערט אַן ענטפער.

— אַ? — מאַכן די זשאַבע-סאָלדאַטן מיט אַ שמייכל — מיט אייער קעניג? עס איז אַזוי: גיריגומבאַל דער גרויסער האָט אַ גרויסן אַפּעטיט, און ווען מיר זיינען אין מיטן דער נאַכט צוגעקומען צום קעניגלעכן פּאַלאַץ, איז גיריגומבאַל דער גרויסער געוואָרן הונגעריק... שטאַרק הונגעריק... און, באַ אונדז פירט זיך, אַז ווען איין הונגעריקער קעניג באַגעגנט אַ צווייטן, ווערט איבער דעם שוואַכערן געמאַכט אַ סעודה...

— וואָס?! — שרייען אוים די מענטשן: — אויפגעגעסן?! אונדזער קעניג אויפגעגעסן?!

— נו, וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי — זאָגן די זשאַבעס מיט אַ געלעכטער, — אייער קעניג איז געווען אַ זיסער מענטש! און די קעניגין — נאָך זיסער! מיט איין וואָרט: ס'איז געווען אַ קעניגלעכע סעודה!...

— און קיין גענעראַלן מיט מיניסטאָרן האָבן אויך ניט געפעלט צו דער סעודה... — האָט אַן אַנדער זשאַבע צוגע־געבן מיט אַ געלעכטער.

אַזעלכע רייד האָבן די מענטשן מער ניט געקענט פאַר־טראָגן און זיי האָבן אויסגעשריען:

— איר זייט קאַניבאַלן! איר פרעסט מענטשן! און אייער קעניג איז אַ מיאוסע, מענטשנפרעסערישע זשאַבע!

ווען די זשאַבע־סאָלדאַטן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זייער געווער אויף די מענטשן. און ווער ווייסט וואָס זיי וואָלטן מיט די מענטשן געטאָן, ווען זייער קעניגלעכער פאַראַד קומט ניט אָן.

דער פאַראַד פון די זשאַבעס

פונקט אין דער מינוט, ווען די זשאַבע־סאָלדאַטן האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף די מענטשן, האָט זיך דערהערט אַ מאָדנע מוזיק; האָבן די זשאַבע־סאָלדאַטן אַ שפרונג געטאָן און זיך אויסגעשטעלט אין רייען אין מיטן גאַס, און די מענטשן זיינען געבליבן שטיין ביי די זייטן פון גאַס.

און טאַקע באַלד איז אָנגעקומען אַ זשאַבע־קאַפּעליע, וואָס האָט געשפּילט אויף אַזעלכע אינסטרומענטן, וואָס די מענטשן האָבן נאָך קיין מאָל אַזעלכע געזען: די אינסטרו־מענטן זיינען געווען געמאַכט פון גרויסע זומפּן־בלעטער און פון גרויסע זומפּן־רערן און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט

אַזעלכע קלאַנגען וואָס מ׳קען נאָר הערן ביי די זומפּן אין אַ הייסער, מיטזומערדיקער נאַכט.

הינטער דער קאַפּעליע זיינען געקומען די זשאַבע־אַרמייען: צוערשט זיינען געפאָרן געפּאַנצערטע זשאַבע־סאָלדאַטן אויף קראָקאָדילן, ווי די אַמאָליקע ריטער פלעגן פאָרן אויף זייערע געפּאַנצערטע פערד; נאָך דעם זיינען געפאָרן זשאַבע־סאָלדאַטן אויף גרויסע טשערעפּאַכעס, ווי אויף געפּאַנצערטע וועגענער; און הינטער זיי האָט מאַרשירט די גרויסע זשאַבע־אַרמיי — די בולבוליעס — און האָבן געפּאַטשט איבערן ברוק מיט די לאַפּטשעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע גרויסע זשאַבע־פיס, און האָבן געזונגען אַ בולבוליע מאַרש־ליד:

בולבוליע מאַרש־ליד

כאָר: גרינגאַ, גרינגאַ, גרין, גרין, גרין!
גרינגאַ, גרינגאַ, גרין!

הערט נאָר! הערט נאָר! בול, בול, בול!
מענטשן זיצן אויף אַ שטול!
אָבער זשאַבע — קיר, קיר, קיר!
זיצט זיך גרינג אויף אַלע פיר!

כאָר: גרינגאַ, גרינגאַ, גרין, גרין, גרין!
גרינגאַ, גרינגאַ, גרין!

איבער גאַס, פון אָרט צו אָרט,
מענטשן גייען — טריט־אין־טראָט!
אָבער זשאַבע — גרינג און גרונג
טוט אַ שפּרינג און טוט אַ שפּרונג!

כאָר: גרינגא, גרינגא, גרין, גרין, גרין!
גרינגא, גרינגא, גרין!

כי־כי! כו־כו! לאַכט און הערט:
מענטשן רייטן אויף אַ פערד!
און ווען זשאַבע רייטן וויל,
רייט זי שטאָלץ אויף קראָקאָדיל!

כאָר: גרינגא, גרינגא, גרין, גרין, גרין!
גרינגא, גרינגא, גרין!

נאָך דעם ווי די בולבוליעס האָבן דורכגעמאַרשירט, האָט אָנגעהויבן מאַרשירן די קעניגלעכע גוואַרדיע — אויסגעפּוצט אין גרין און רויט — און צווישן דער קעניגלעכער גוואַרדיע, אויף אַן אויסגעפּוצטן טראָן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ ריזיקער טשערעפּאַכע, האָט געריטן אין פולן גלאַנץ דער זשאַבע־קעניג אַליין; און ביי זיינע ביידע זייטן, אויף אויסגעפּוצטע קראָקאָדילן ווי אויף געפּאַנצערטע עקיפּאַזשן, האָבן געריטן זיינע גענעראַלן מיט זיינע מיניסטאָרן.

און גאָר צולעצט, הינטער דעם גאַנצן פּאַראַד, זיינען געגאַנגען די קעניגלעכע העראָלדן, האָבן געבלאָזן אין לאַנגע טראָמפּייטן און האָבן אויסגערופן:

— טרו־טו! טרו־טו! טרו־טו!
אַלע מוזן הערן און פאָלגן!
דעם קעניג׳ם באַפעלן פאָלגן!
אַלע מוזן צום פּאַראַד־פּלאַץ גיין!
אַלע מוזן אויפן פּאַראַד־פּלאַץ שטיין
און טרייהייט צום קעניג דאָרט שווערן!

און דעם קעניג׳ם קלוגע רייד דאָרט הערן!
טרו־טו! טרו־טו! טרו־טו!

ווען די מענטשן האָבן דערהערט וואָס די זשאַבע־הערא־לדן האָבן אויסגערופן, האָבן זיי געזאָגט:

— מיר וועלן ניט פאָלגן און וועלן ניט גיין! מיר ווילן ניט הערן וואָס די גרויסע זשאַבע וועט דאָרט זאָגן!

אָבער די זשאַבע־סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען אויסגע־שטעלט אין די גאַסן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן און האָבן פאַר־טריבן אַלע מענטשן — גרויס און קליין — צום פאַראַד־פּלאַץ.

☆

אויף דעם פאַראַד־פּלאַץ איז געשטאַנען אַ שיין־געבויטע בינע, ווו דער קעניג פון לאַנד פלעגט זיצן מיט זיין סוויטע בעת אַ פאַראַד, אָדער בעת אַ יום־טוב. איצט איז אויף דער בינע געזעסן דער זשאַבע־קעניג מיט זיין סוויטע, און די פיר זשאַבע־מיניסטאָרן — טום, טאַרומבאַ, בומבאַ און טומבאַ — זיינען געשטאַנען אין די פיר זייטן פון דער בינע און, אַלע אין איין קול, האָבן פאָרגעלייענט אַ שבועה פון טרייהייט צום קעניג גיריגומבאַל, פאַר אַלע פאַרזאַמלטע. האָבן די זשאַבעס, די קראָקאָדילן און די טשערעפּאַכעס נאָכגעזאָגט וואָרט־נאָך וואָרט פון דער שבועה און האָבן געשוואָרן טרייהייט צום קעניג גיריגומבאַל. ווען ס׳איז געקומען צו די מענטשן צו שווערן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. האָבן די מיניסטאָרן אויס־געשרופן:

— אונדזער גרויסער קעניג וויל ניט, אַז אַזאַ נידעריק פאָלק ווי די מענטשן, זאָל צו אים שווערן טרייהייט! די מענטשן וועלן מוזן הערן און פאָלגן! און דאָס גאָר!

גיריגומבאַל דער גרויסער רעדט

— און איצט — האָבן די פיר מיניסטאָרן אין איין קול אויסגערופן — וועלן מיר הערן די קלוגע רייד פון אונדזער פירער און וועגווייזער, פון אונדזער קעניג גיריגומבאַל דער גרויסער!

— גרין־גראַן גיריגומבאַל! — האָבן די זשאַבעס אויס־געדונערט, און די קראָקאָדילן האָבן געברומט, און די טשע־רעפּאַכעס האָבן געקראַקעט. נאָר די מענטשן האָבן געשוויגן.

דער זשאַבע־קעניג האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן:

— גרין־גראַן, צו מיין איידעלן זשאַבע־פאָלק און צו אַלע מיינע פעלקער פון די זומפּן! הערט וואָס איך, גיריגומבאַל דער גרויסער, האָב אייך צו זאָגן און צו דערציילן:

אַמאָל, אַמאָל, זייער לאַנג צוריק, ביים אנהייב פון דער וועלט האָבן די זומפּן־פעלקער געהערשט איבער אַלע אַנדערע פעלקער, און איבער אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. צווישן די זומפּן־פעלקער זיינען די זשאַבעס געווען דאָס איידלס־טע, דאָס שענסטע און דאָס קליגסטע פאָלק, האָבן זיי באַהערשט די גאַנצע וועלט.

אין יענע צייטן זיינען די זומפּן גערעכנט געוואָרן אַלס די שענסטע טיילן פון אַ לאַנד. און אין יעדן לאַנד זיינען געווען זומפּן. אַ געגנט אָן זומפּן האָט זיך גערעכנט פאַר דעם אָרעמסטן און אומעטיקסטן אָרט פון דער וועלט, ווייל מע האָט דאָרט ניט געזען די שיינע געוויקסן פון די זומפּן און, מע האָט דאָרט ניט געהערט דאָס ברומען פון די זומפּן־פעלקער און די געזאַנגען פון דעם זשאַבע־פאָלק.

זיינען אָנגעקומען די מענטשן־פעלקער, האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט, דערקלערט די זומפּן פאַר די ערגסטע געגנטן

פון אַ לאַנד און, האָבן — אָן רחמנות — אָנגעהויבן אויסראָטן אַלע זומפּן־פעלקער.

דאָס האָט דער זשאַבע־קעניג אָנגעהויבן דערציילן וואָס די מענטשן האָבן געטאָן מיט די טשערעפּאַכעס... ווי אַזוי די מענטשן האָבן איינגעשפּאַרט די קראָקאָדילן אין שטייגן, געשונדן די הויט פון זיי און פון דעם געמאַכט שיך פאַר זיך און באַפּוצונגען פאַר די וווינונגען; און ווי אַזוי מ'האָט די זשאַבעס איינגעשפּאַרט אין גלעזערנע וואַסער־טאַנקן, גע־בראַכט אין די לאַבאָראַטאָריעס פון די אוניווערסיטעטן, פון די שפּיטעלער און, ווי אַזוי מ'האָט זיי דאָרט געשניטן לעבע־דיקערהייט און געמאַכט עקספּערימענטן איבער זיי; און נאָך דעם האָבן די מענטשן אַראָפּגעבראַכט אָן אַרויסהעלפער — דעם בושל, און די בושלם זיינען געוואָרן דער גרעסטער שונא פון אַלע איידעלערע זומפּן־פעלקער.

די מענטשן האָבן מער ניט געקענט פאַרטראָגן די נאַרישע רייד פון דעם זשאַבע־קעניג, האָבן זיי אַלע — ווי צוזאַמענ־גערעדט — זיך אַ לאָז געטאָן גיין אַהיים, זענען די זשאַבע־סאָלדאַטן זיי באַפאַלן און זיי צוריקגעבראַכט אויף זייערע ערטער. און דער זשאַבע־קעניג האָט געהאַלטן אין ריידן גלייך ווי גאָרנישט איז געשען:

— יאָ, — האָט ער ווייטער געזאָגט — איך חזר איבער: די בושלם זיינען אונדזער גרעסטער און ערגסטער שונא! און ווער איז שולדיק אין דעם — דאָס מענטשן־פאָלק!... דעריבער, גיב איך איצט אַרויס די פאָלגנדע באַפעלן צום מענטשן־פאָלק, און ווייַ וועט זיין דעם יעניקן, וואָס וועט מיין באַפעל ניט אויספאָלגן!...

און דאָס זיינען די באַפעלן וואָס דער זשאַבע־קעניג האָט אַרויסגעגעבן פאַר די מענטשן:

איינס, כדי דאָס איידעלע זשאַבע־פאָלק זאָל ניט דאַרפן אָנקוקן די מיאוסקייט פון אַ מענטשן־פּנים, וועלן די מענטשן

מוזן אַנטאָן זשאַבע־מאַסקעס אויף קאָפּ און פּנים.

צווייַ, מענטשן וועלן מוזן ריידן איין שפּראַך — די זשאַבע־שפּראַך.

דרייַ, אַזוי ווי די מענטשן זיינען די יעניקע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די בושלם אין לאַנד, וועלן די מענטשן מוזן זיין די יעניקע וואָס זאָלן אויסראַמען די בושלם פון לאַנד. און, צו זיין זיכער אַז זיי וועלן די בושלם אויסראַמען, זאָלן אַלע יונגע מענטשן־קינדער צוגענומען ווערן אַלס משכן און געהאַלטן ווערן אין דער פעסטונג פונעם קעניגלעכן פּאַלאַץ ביז גיריגומבאַל׳ס געבוירן־טאָג און, אויב אין טאָג פון דעם זשאַבע־קעניג׳ס געבוירן־טאָג וועט זיך נאָך געפינען אפילו איין בושל אין לאַנד, וועלן די זשאַבעס מאַכן אַ סעודה איבער די קינדער.

דער סוף פון דעם זשאַבע־יום טוב איז פאַר די מענטשן געווען אַ טרויעריקער, ווייל ווען די מענטשן האָבן דער־הערט וואָס די זשאַבעס קלייבן זיך צו טאָן מיט זייערע קינדער, האָבן זיי אַרומגעכאַפּט די קינדער און גענומען שרייען:

— מיר וועלן ניט דערלאָזן! מיר וועלן ניט דערלאָזן!

אָבער די בולבוליעס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די מענטשן, און מיט אויסגעשרייען „גרין־גראָן גיריגומבאַל” האָבן זיי אַוועקגעריסן די קינדער פון די עלטערן און זיי אַוועקגעפירט אין דער פעסטונג פון דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ.

און די מענטשן — פאַרוויינטע און פאַרזאָרגטע — זיינען מיט ניט זיכערע לאַנגזאַמע טריט געגאַנגען צוריק פון דעם זשאַבע־פּאַראַד.

די מענטשן וואַרטן און האָפן

די מענטשן האָבן דאָך געוואָלט, אַז די זשאַבעס זאָלן וואָס גיכער באַפרייען זייערע קינדער, האָבן זיי זיך גלייך גענומען אויסרייניקן די בושלעס פון לאַנד; זיי האָבן אָבער די בושלעס ניט אויסגעהרגעט, ווייל זיי האָבן געטראַכט און געזאָגט איינע צו די אַנדערע:

— די בושלעס זיינען פון אַלע מאָל אָן געווען פריינד פון מענטשן... אַז סע וועט קומען דער טאָג ווען מיר וועלן זיך באַפרייען פון די זשאַבעס, וועלן די בושלעס זיין די, וואָס וועלן אונדז העלפן אָפּצורעכענען זיך מיטן ברויך־שוואַרצן זשאַבע־פאָלק...

האָבן די מענטשן אויסגעבויט באַהאַלטענע שטייגן איבערן גאַנצן לאַנד, אַהין אַריינגעבראַכט אַלע בושלעס, זיי געהיט און זיי דאָרט גוט צוגעזען.

איז אַוועק אַ שטיק צייט. אין לאַנד האָט מען שוין קיין איין בושל ניט געזען; די מענטשן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוגעוווינען צו טראָגן די זשאַבע־מאַסקעס אויף די פּנימער, אָבער אונטער די מאַסקעס איז יעדן איינעמס פּנים געווען פאַרזאָרגט און צעשראָקן, ווארן זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זייערע קינדער. יעדן טאָג האָבן זיי זיך געפרעגט: „וואָס וועלן די זשאַבעס טאָן מיט אונדזערע קינדער?" זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע שרעקלעכע זאַכן און האָבן געזאָגט איינע צו די אַנדערע:

— זע, מען זעט שוין ניט קיין איין בושל אין לאַנד, און דער זשאַבע־קעניג האָט נאָך אַלץ ניט באַפרייט אונדזערע קינדער.

זיי האָבן אָבער געהאָפט און געוואַרט אַז דער זשאַבע־קעניג זאָל באַפרייען זייערע קינדער צום יום־טוב פון זיין געבוירן־טאָג...

גיריגומבאַל גרייט זיך צו זיין געבוירן־טאָג

און טאַקע גאָר אין גיכן האָבן די מענטשן זיך דערוווּסט, אַז גיריגומבאַל קלייבט זיך צו פייערן זיין געבוירן־טאָג, ווייל ער האָט מיט גרויס פּאַראַד געלאָזט אויסרופן איבערן גאַנצן לאַנד, אַז אַלע זאָלן זיך גרייטן צום גרויסן יום־טוב פונעם קעניגס געבוירן־טאָג. און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע גענעראַלן מיט זיינע מיניסטאָרן איבערן לאַנד און האָט זיי אָנגעזאָגט:

— גייט און זוכט און געפינט די בעסטע קוכערס פון צווישן די מענטשן; ברענגט זיי אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, און זאָלן זיי אָנבאַקן און אָנקאָכן פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס אַ זשאַבע־אויג האָט אַמאָל געזען און וואָס אַ זשאַבע־מויל האָט אַמאָל פאַרזוכט!

האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן — באַגלייט פון אַן אַרמיי בולבוליעס — זיך אַוועקגעלאָזן איבער שטעט און שטעטלעך, און ווי נאָר זיי זיינען אָנגעקומען האָבן זיי פאַרזאַמלט די מענטשן אויפן מאַרק־פּלאַץ און האָבן יעדן איינעם אויסגעפרעגט. אָבער יעדער איינער האָט געענטפערט, אַז ער קען ניט קאָכן און קען ניט באַקן, ווייל קיינער האָט ניט געוואָלט קאָכן פאַרן זשאַבע־קעניג און קיינער האָט ניט געוואָלט באַקן פאַר אים.

זיי זוכן קוכערס און בעקערס און געפינען אַ וווּנדערמאַן

זיינען די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און אומעטום האָבן זיי באַקומען דעם זעלביקן ענטפער: „מיר קענען ניט קאָכן און קענען ניט

באַקן". ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ פאַרוואָרפן קליין שטעטל.

אין יענעם שטעטל האָט געלעבט אַ מענטש, וועלכער פלעגט גאַנץ אָפט באַווייזן וווּנדערלעכע קונצן פאַר די איינוווינער. ניט דורך כישוף פלעגט ער דורכפירן זיינע קונצן, נאָר דורך חכמה און געשיקטקייט. מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז ווען ער וויל, קען ער דורכציען אַ קעמל דורך דעם אויער פון אַ נאָדל; אַז ווען ער וויל, קען ער זיך טראָגן דורך דער לופט נאָך שנעלער פון אַ פויגל; און ווען ער וויל, קען ער ווערן אַזוי גרויס ווי אַ העלפאַנט, און, ווען ער וויל, קען ער ווערן אַזוי קליין ווי דאָס קלענסטע פליגעלע און, נאָך מער — ער קען מאַכן, אַז מען זאָל אים אין גאַנצן ניט זען. אַזוי האָט מען וועגן אים דערציילט. ער איז געווען קלוג און שטאָלץ. ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די באַפעלן פונעם זשאַבע-קעניג און האָט זיינע געזעצן ניט אויסגעפאָלגט, ווייל ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקן און פאַר קיין זאַך ניט מורא געהאַט. ער פלעגט דערציילן וווּנדערלעכע געשיכטעס פאַר די איינוווינער פונעם שטעטל, און דער וווּנדער פון די מעשות פלעגט טרייסטן די מענטשן און זיי צוגעבן מוט צו וואַרטן און צו האָפן אויף דער צייט ווען זיי וועלן פטור ווערן פון דער זשאַבע-הערשאַפט. קינד און קייט אינעם שטעטל האָבן אָט דעם מענטש ליב געהאַט און זיי האָבן אים גערופן — „דער וווּנדערמאַן".

נאָכדעם ווי די בולבוליעס האָבן צוזאַמענגעטריבן די מענטשן פון שטעטל אויפן מאַרקפּלאַץ און זיי אויסגעשטעלט אין רייען, זיינען די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן אַרומגעגאַנגען פון ריי צו ריי און האָבן יעדן איינעם אויסגעפרעגט צי ער קען קאָכן, צי ער קען באַקן. און אין איינער פון די רייען איז אויך געשטאַנען דער וווּנדערמאַן, אָבער — אָן אַ מאַסקע... ווען די גענעראַלן האָבן אים דערזען, האָבן זיי

דריי מאָל אונטערגעשפּרונגען און האָבן אויסגעשריען:

— גרין־גראַן גיריגומבאַל! זעט נאָר וואָס מיר זעען דאָ — אַ מענטש אָן אַ מאַסקע!

האָבן זיך די מיניסטאָרן אומגעקוקט, און דריי מאָל אונטערגעשפּרונגען און האָבן אויסגעשריען:

—גרין־גראַן גיריגומבאַל! טאַקע אָן אַ מאַסקע! אַ מענטש אָן אַ מאַסקע איז אַ פאַררעטער! אים גלייך שמידן אין קייטן און אים ברענגען צום קעניג!

האָבן די בולבוליעס אים אַ נעם געטאָן געשמידט אין קייטן און אים אַוועקגעפירט אין דער קרוינשטאָט צום קעניג.

דער ווונדערמאַן פאַרן זשאַבע־קעניג

ווען גיריגומבאַל האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם ווונדערמאַן, האָט ער זיך אָנגעצונדן מיט כעס און האָט זיך צע־שריען:

— אַזאַ פאַרברעכער! אַזאַ פאַרברעכער! זאָל מען אים אַריינברענגען און זאָל מען אים גלייך פאַרמשפּטן!

האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער מיניסטער טום:

— גרויסער קעניג, מען קען ניט גלייך פאַרמשפּטן, מען דאַרף פריער משפּטן און דערנאָך ערשט פאַרמשפּטן.

— וואָס מיר פריער! וואָס מיר שפּעטער! — האָט זיך דער זשאַבע־קעניג געכעסט. — איך, גיריגומבאַל דער גרויסער, באַפעל — פריער פאַרמשפּטן און דערנאָך ערשט משפּטן! העי, בולבוליעס! — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — ברענגט אים אַריין! ברענגט אַריין דעם פאַר־ברעכער!

האָט זיך דערהערט דאָס פּאַטשן פון לאַפּטשע־טריט און

אַ געקלאַנג פון קייטן און די בולבוליעס האָבן אַריינגעבראַכט דעם וווּנדערמאַן.

ווי נאָר דער זשאַבע-קעניג האָט אים דערזען, איז ער צו אים צוגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— פאַר וואָס איז דיין פּנים ניט צוגעדעקט מיט אַ מאַסקע ?!

ענטפערט דער וווּנדערמאַן געלאַסן:

— ווייל אַזוי בין איך געבוירן געוואָרן.

— וואָס הייסט אַזוי געבוירן געוואָרן! איך, גיריגומבאַל דער גרויסער, האָב אַרויסגעגעבן אַ באַפעל — אַז אַלע מענטשן מוזן טראָגן מאַסקעס — איז יאָ געבוירן געוואָרן, ניט גע-בוירן געוואָרן, מוזטו טראָגן אַ מאַסקע!

ענטפערט ווידער דער וווּנדערמאַן געלאַסן:

— דיינע באַפעלן זיינען ניט געמיינט פאַר מיר, און איך האָב זיך צו דיינע באַפעלן גאָר אין גאַנצן ניט צוגעהערט.

— אַזוי גאָר! — צאָרנט גיריגומבאַל — מיינע באַפעלן זיינען ניט געמיינט פאַר דיר! און פאַר וואָס האָסטו צו מיינע באַפעלן זיך ניט צוגעהערט? ווייל דו מיינסט אַז דו ביסט קליגער פון מיר, האַ? האָסט מער שכל פון מיר, האַ?

ענטפערט דער וווּנדערמאַן:

— איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן ניט פּרובירט, און וועל קיין מאָל ניט פּרובירן, זיך פאַרמעסטן אין שכל מיט אַ זשאַבע.

דאָ איז גיריגומבאַל אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— פאַרמשפּטן אים! פאַרמשפּטן גלייך אויפן אָרט!

— גרין-גראַן גיריגומבאַל! — האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן פאַרציטערטע אויסגעשריען; — דער גערעכטער באַפעל וועט גלייך דורכגעפירט ווערן. אָבער איידער מיר גיבן אַרויס דעם פּסק-דין, ווילן מיר פרעגן דעם באַשולדיקטן

צוויי פראַגעס. די ערשטע פראַגע: האָסטו, שולדיקער, געלערנט אין אונדזערע זשאַבע־שולן?

— ניין. איך האָב געלערנט אין שולן ווו מענטשן לערנען — ענטפערט דער ווונדערמאַן.

— אהאַ! אין שולן ווו מענטשן לערנען! — שרייט אויס דער זשאַבע־קעניג; — לויט מיין באַפעל נומער דריי דאַרף דער באַשולדיקטער באַצאָלן מיט זיין קאָפּ!

— גרין־גראַן גיריגומבאַל! — שפרינגען אונטער די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן. — און איצט, באַשולדיקטער, די צווייטע פראַגע: ווי רופט מען דיך?

— מענטש — ענטפערט דער ווונדערמאַן.

— מענטש? — האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן איבערגעפרעגט — מענטש? אָבער יעדער מענטש האָט דאָך אַ באַזונדערן נאָמען?

— פאַר זשאַבעס הייס איך — מענטש.

— מיט אַ נאָמען, אָן אַ נאָמען! — האָט דער זשאַבע־קעניג געשטורעמט, — האַקט אים אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרטיק!

— גרין־גראַן גיריגומבאַל! — האָבן די גענעראַלן אויסגעשריען און גענומען לייענען דעם אורטייל:

— לויט די פיר באַפעלן פון אונדזער גרויסן, קלוגן און געלערנטן קעניג, גיריגומבאַל דעם גרויסן, וואָס זיינען אין טאָג פון זיין קרוינונג פאַרגעלייענט געוואָרן פאַרן גאַנצן מענטשן־פאָלק, קומט דעם באַשולדיקטן די פאָלגנדיקע פיר באַזונדערע שטראָפן:

נומער איינס, פאַר ניט טראָגן אַ זשאַבע־מאַסקע אויף זיין מענטשן־פּנים, קומט דעם באַשולדיקטן — אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

גומער צוויי, פאַר ניט לערנען אין די שולן פונעם איי־דעלן זשאַבע־פאָלק, קומט דעם באַשול־דיקטן — אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

גומער דריי, פאַר האַלטן, אַז מענטשן זיינען קליגער פונעם איידעלן זשאַבע־פאָלק, קומט דעם באַשולדיקטן — אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

גומער פיר, פאַר ניט אויספאָלגן דעם קעניג גירי־גומבאַלס באַפעלן קומט דעם באַשול־דיקטן — אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

צוזאַמען הייסט עס, קומט דעם באַשולדיקטן — איינס, צוויי, דריי, פיר, — פיר מאָל אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

— גוט געמשפּט! — האָט אויסגעשריען דער זשאַבע־קעניג און האָט אונטערגעשריבן דעם אורטייל. — פיר מאָל... אַי, גוט! איצט זע איך, אַז איך האָב קלוגע מיניסטאָרן און בראַווע גענעראַלן! פיר מאָל... פירט אים אַוועק און זאָל דער משפּט דורכגעפירט ווערן פּינקטלעך און גלייך איצט! און געדענקט: פיר מאָל אים אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ!

דער ווונדערמאַן לאַכט

דערהערט אַזאַ משפּט, האָט דער ווונדערמאַן אויסגע־שאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ! קלוג געמשפּט! זייער קלוג!... כאַ, כאַ, כאַ!

זיינען דער קעניג מיט די גענעראַלן און מיניסטאָרן גע־

בליבן שטיין מיט אָפּענע מיילער און אויסגעגלאָצטע זשאַבע־אויגן.

— וואָס לאַכסטו! — האָט דער זשאַבע־קעניג אַ טופּע געטאָן מיטן פּוס; — דו האַלטסט זיך נאָך אַלץ העכער פונעם זשאַבע־פאָלק! דו מיינסט אַז מיר קענען ניט טאָן מיט דעם מענטש דאָס, וואָס דער מענטש האָט געטאָן מיט אונדז! וועלן מיר דיר ווייזן — און טאַקע באַלד — אַז מע וועט דיר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ, ניט איין מאָל, נאָר גאַנצע פיר מאָל! דו הערסט? גאַנצע פיר מאָל!

— אָט דערפאַר טאַקע לאַך איך — זאָגט דער וווּנדער־מאַן — וואָס מען וועט מיר דעם קאָפּ ניט אַראָפּהאַקן.

— פאַר וואָס ניט? — רופן זיי אַלע אויס אין איין קול.

— ווייל אויב מען וועט מיר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ — זאָגט דער וווּנדערמאַן — וועט מען אויך מוזן אַראָפּהאַקן די קעפּ פון די פיר גענעראַלן און פון די פיר מיניסטאָרן.

— וואָס הייסט? — און פאַר וואָס? — ווערט דער זשאַ־בע קעניג פאַראינטערעסירט.

— ווייל צוזאַמען מיט מיר — זאָגט דער וווּנדערמאַן — האָבן דיינע קלוגע מיניסטאָרן און דיינע בראַווע גענעראַלן זיך אַליין פאַרמשפּט צום טויט.

— סטייטש! ווי אַזוי? — שרייען אויס די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן.

— אָט ווי אַזוי — זאָגט דער וווּנדערמאַן: איר דאַרפט מיר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ ניט ווייניקער פון פיר מאָל... ריכ־טיק? איך אָבער, קוקט מיך אָן, האָב ניט מער ווי איין קאָפּ, און איין קאָפּ קען מען בלויז איין מאָל אַראָפּהאַקן... איז וואָס וועט איר טאָן?... איר וועט דאָך ניט קענען דורכ־פירן דעם קעניגס באַפעל, און פאַר ניט דורכפירן דעם קעניגס באַפעל ווייסט איר דאָך וואָס פאַרא שטראָף אייך קומט, —

וועט מען אייך, מיניסטאָרן און גענעראַלן, מוזן אַראָפּהאַקן די קעפּ.

זיינען די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און נעבעכדיק געקוקט צו זייער קעניג. און דער קעניג האָט זיך געגלעט זיינע ברוינע זשאַבע-וואָנצעס, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט אויסגערופן:

— גערעכט... ער איז גערעכט, דער מענטש!... דעם קעניגס באַפעל מוז דורכגעפירט ווערן! און ווער סע פירט ניט דורך מיין באַפעל, דעם...

— אָבער גרויסער און גערעכטער קעניג! — האָבן מיט טרערן אין קול געבעטן די מיניסטאָרן מיט די גענעראַלן: — מיר זיינען דאָך דיין רעכטע האַנט... און מיר זיינען אויך דיין לינקע האַנט... אַז מען וועט אונדז אַראָפּהאַקן די קעפּ, איז... איז... אויף וועמען וועלן מיר דיך איבערלאָזן... דו קענסט דאָך ניט בלייבן אַליין!

— אויך איר זייט גערעכט, מיינע טייערע גענעראַלן און מיניסטאָרן; אַ קעניג טאָר ניט בלייבן אַליין, און — האָט דער זשאַבע-קעניג צוגעגעבן — איך וויל אייך טרייסטן, מיינע טייערע גענעראַלן און מיניסטאָרן, אַז איך וועל ניט בלייבן אַליין... אָבער דאָס וואָס אַ קעניג שרייבט אונטער — מוז בלייבן אונטערגעשריבן... און, ווי איר האָט געלערנט אין די זשאַבע-שולן, ווערן גענעראַלן און מיניסטאָרן געמאַכט אַזוי אַז מ'זאָל זיי קענען אַרויפזעצן און אַראָפּזעצן... האָט איר, מיינע טייערע, עפּעס אַן אַנדער עצה? זאָגט.

די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן האָבן געשוויגן.

— איך האָב אַן עצה! — רופט אויס דער וווּנדערמאַן.

האָבן אַלע זיך דערפרייט און אויסגערופן:

— וואָס פאַר אַן עצה? זאָג! זאָג!

האָט דער וווּנדערמאַן גענומען דעם אונטערגעשריבענעם

אורטייל, עם צעריסן אויף פּיץ-פּיצלעך, אַריינגעוואָרפן אין פּאַפּירקאָרב און געזאָגט:

— אָט דאָס איז מיין עצה! די מיניסטאָרן מיט די גע־נעראַלן האָבן קיין מאָל אַזאַ פּסק-דין ניט אַרויסגעגעבן, און דער קעניג האָט קיין מאָל אַזאַ פּסק-דין ניט אונטערגעשריבן.

— דאָס איז אַן איינפאַל! אַ קלוגער איינפאַל! — האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן אויסגערופן.

— זייער אַ קלוגער איינפאַל! — האָט דער זשאַבע־קעניג צוגעגעבן. — ווען אָט דער מענטש וואָלט אַרויסגע־קומען פונעם איידעלן זשאַבע-פאָלק, וואָלט איך אים געמאַכט פאַר מיין ערשטן מיניסטער; איצט ווייס איך ניט וואָס צו טאָן מיט אים.

— וואָס צו טאָן מיט מיר? — רופט זיך אָן דער וווּנדער־מאַן, — גאָרנישט טו מיט מיר; היים בלויז אַראָפּנעמען די קייטן פון מיר און לאָז מיך פריי.

— אָ, ניין-ניין! — שרייט אויס דער זשאַבע-קעניג; — איך קען דיר ניט פריילאָזן! דו ביסט אַ פאַרברעכער! דו האָסט ניט אויסגעפאָלגט מיינע באַפעלן!

— איך האָב אָבער דיר געראַטעוועט פון טויט דיינע גענעראַלן און דיינע מיניסטאָרן.

— דאָס איז ניט גענוג! — פאַרדרייט דער זשאַבע-קע־ניג זיין מויל, — ניין, ניט גענוג!

— ניט גענוג? — פרעגט איבער דער וווּנדערמאַן, — נו, קען איך נאָך עפּעס טאָן פאַר דיר, אויב דו וועסט מיך באַפרייען.

— לאָמיר פריער הערן וואָס דו קענסט טאָן פאַר מיר, — זאָגט דער זשאַבע-קעניג — נאָך דעם וועלן מיר ריידן וועגן באַפרייען דיך. זאָג וואָס?

— אָט וואָס, — זאָגט דער וווּנדערמאַן: — איך האָב גע־הערט, אַז דו קלייבסט זיך פייערן דיין געבוירן-טאָג. און דו

ווילסט דאָך, אַז דיין געבוירן-טאָג זאָל זיין דער שענסטער יום-טוב, וואָס דאָס לאַנד האָט ווען געהאַט, קען איך צו דיין געבוירן-טאָג אויסבאַקן אַזעלכע ווונדערבאַרע טאָרטן, וואָס קיינער אין דער וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזען, און איך קען דיר אָנקאָכן אַזעלכע מכלים, וואָס קיינער אין דער וועלט האָט אַזעלכעס נאָך ניט פאַרזוכט.

דערהערט אַזאַ זאַך, האָט דער זשאַבע-קעניג זיך באַלעקט, אונטערגעשפרונגען און האָט אויסגעשריען:

— אַי, גוט-גוט-גוט! און אויב די טאָרטן מיט די מאכלים וועלן מיר געפעלן, וועל איך דיר שענקען דיין לעבן, וועל דיך באַפרייען, און וועל דיר געבן אַלץ, וואָס דו וועסט בעטן!

דאָ האָט זיך דער ווונדערמאַן אַ ווײַלע פאַרטראַכט און האָט געזאָגט:

— איך וועל דיר בעטן נאָר צוויי זאַכן.

— בעט, און איך וועל באַווילִיקן, — האָט דער זשאַבע-קעניג געזאָגט.

— די ערשטע זאַך — האָט דער ווונדערמאַן אָנגעהויבן:
—כדי צו קענען צוגרייטן אַ געהעריקע סעודה פאַר דעם קעניגלעכן געבוירן-טאָג, וועל איך מוזן אַרומגיין און זוכן די פּאַסיקע מענער און פרויען, וואָס וועלן קענען לערנען פון מיר ווי אַזוי צו קאָכן געקעכצן און, ווי אַזוי צו באַקן געבעקסן וואָס מ׳זאָל קענען שטעלן אויף אַ קעניגלעכן טיש.

— גוט — זאָגט דער קעניג, — מיינע בולבוליעס וועלן דיר ברענגען וויפל מענער און פרויען דו וועסט נאָר דאַרפן.

— ניין, ניין! — רופט אויס דער ווונדערמאַן: — ניט ברענגען! ניט מיט גוואַלד! איך וויל צו זיי ריידן, אַז זיי זאָלן אַליין קומען, מיט זייער פרייען ווילן, ווייל דאָס וואָס מ׳טוט מיט פרייען ווילן האָט אַ בעסערן טעם.

— גוט — זאָגט דער זשאַבע-קעניג: — איך גיב דיר די פולע פרייהייט צו לערנען מענער און פרויען קאָכן און

באַקן פאַרן קעניגלעכן הויף. און וואָס איז די צווייטע זאַך וואָס דו ווילסט בעטן?

— די צווייטע זאַך וואָס איך בעט איז אַ קלייניקייט; אַלץ וואָס איך וויל איז — דו זאָלסט באַפרייען אַלע קינדער.

— אַלע קינדער? אויף וואָס דאַרפסטו אַלע קינדער?

— אויף באַקן די טאָרטן צו דער קעניגלעכער סעודה וועל איך דאַרפן גאָר אַ היפּשע צאָל יינגלעך און מיידלעך, ווייל...

— אַ־אַ! איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי... — האָט דער זשאַבע־קעניג אויסגערופן און האָט זיך געגלעט איבערן בויך...

— דו ווייסט, — זאָגט ער צום וווּנדערמאַן — כאָטש דו קומסט אַרויס פון מענטשן־פאָלק, דאָך הייבסטו מיר אָן געפעלן; דו ביסט מיר גלייך ווי איינער פון אונדזעריקע... אַלע טירן וועלן פאַר דיר זיין אָפן, — נעם וויפל קינדער דו ווילסט!...

דאַ האָט דער זשאַבע־קעניג געגעבן אַ באַפעל — אַראָפּנעמען די קייטן פונעם וווּנדערמאַן; צוגרייטן פאַר אים די קעניגלעכע קיך; אים געבן אַלץ און טאָן פאַר אים אַלץ, וואָס ער וועט בעטן.

דער וווּנדערמאַן באַקט טאָרטן

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער וווּנדערמאַן צוזאַמען מיט אַ צאָל מענער, פרויען און קינדער, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן, זיך פאַרשפּאַרט אין דער קעניגלעכער קיך און זיך גענומען קאָכן געקעכצן און באַקן טאָרטן פאַר דעם געבוירן־טאָג פונעם זשאַבע־קעניג. און דער זשאַבע־קעניג מיט זיינע מיניסטאָרן און גענעראַלן האָבן זיך אָוועקגעזעצט אינעם

קעניגלעכן פּאַלאַץ וואַרטן אויף אַן אָנזאָג פון דער קיך, אַז ס׳איז שוין פאַרטיק.

גייט דורך אַ טאָג און דער ווונדערמאַן קומט ניט אַרויס אָנזאָגן. ווערט דער קעניג אומגעדולדיק און שיקט זיין מיניס־טער טאַרומבאַ אויסגעפינען ווי לאַנג נאָך ס׳וועט נעמען דאָס קאָכן און באַקן. קומט מיניסטער טאַרומבאַ צוריק און זאָגט:

— די טיר פון קיך איז פאַרשפּאַרט, נאָר פון דאָרט טראָגט זיך אַזאַ גרויסער גערודער, גלייך ווי אַלץ וואָלט דאָרט גע־גאַנגען אויף רעדלעך.

— אהאַ! — רופט אויס דער זשאַבע־קעניג; — אַז די רעדלעך דרייען זיך, איז אַ סימן אַז די טאָרטן וועלן זיין געראָטן. איז לאָמיר ווייטער וואַרטן.

האָט מען זיך ווידער אָוועקגעזעצט וואַרטן. גייט דורך נאָך אַ טאָג און דער ווונדערמאַן קומט נאָך אַלץ ניט אַרויס פון קיך, שיקט דער זשאַבע־קעניג זיין מיניסטער בומבאַ אויסגעפינען וואָס דער ווונדערמאַן טוט. קומט מיניסטער בומבאַ צוריק און זאָגט:

— די טיר פון קיך איז נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט, אָבער פון אונטער דער טיר טראָגט זיך אַזאַ זיסער ריח, אַז סע ווילט זיך אַוועקלייגן ביי דער טיר און ליגן און שמעקן, און שמעקן, — אה — ה — ה!

— אויב אַזוי — רופט אויס דער זשאַבע־קעניג — איז וואָס זשע זיצן מיר דאָ? קומט, מיינע גענעראַלן! קומט, מיינע מיניסטאָרן! אויב וואַרטן, איז שוין בעסער וואַרטן ביי דער טיר פון קיך!

איז מען אוועק, זיך אויסגעזעצט אַנטקעגן דער טיר פון קיך, גענומען שמעקן דעם זיסן ריח און וואַרטן. האָט מען אַזוי לאַנג געשמעקט און געוואַרט, געוואַרט און געש־מעקט, ביז דער זיסער ריח האָט אַלעמען איינגעשלעפערט.

ווי לאַנג זיי זענען אַזוי געשלאָפן, ווייסט מען ניט; מע

ווייסט נאָר אַז אַ שטאַרקער געשריי און געטומל פון קינדער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון קיך, האָט אויפגעוועקט דעם קעניג. האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַרומגעקוקט, און גענומען רופן:

— העי, מיינע גענעראַלן! העי, מיינע מיניסטאָרן! וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַנאַנדערגעכראָפּעט! שטייט אויף! שטייט אויף!

האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן זיך אויפגעכאַפּט צעטומלטע און גענומען פרעגן:

— הא? די טאָרטן זיינען שוין פאַרטיק? ניין? וואָס דען איז געשען?

— ש־ש־ש! — מאַכט דער זשאַבע־קעניג — הערט זיך צו... הערט איר ניט דאָס וואָס איך הער?

— און וואָס הערסטו, גרויסער קעניג? — פרעגן אַלע אין איין קול.

— איך וואָלט גאָר שווערן, אַז איך הער קינדער טומלען דאָרט אין קיך.

הערן זיך צו די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן און זאָגן:

— יאָ, גרויסער קעניג, קינדער טומלען דאָרט אין קיך.

— אָבער מיר דאַכט — רופט זיך אָן דער צווייטער מיניסטער טאַרומבאַ, — אַז ניט קיין קינדער טומלען דאָרט, בלויז מיידלעך טומלען דאָרט.

— און מיידעלעך זיינען ניט קיין קינדער? — פרעגט מיניסטער בומבאַ.

— מיידעלעך זיינען אויך קינדער! — רופט אויס מיניסטער טומבאַ; — אָבער קינדער זיינען ניט קיין מיידעלעך.

— שאַט, שאַט! — רופט אויס דער קעניג; — וואָס דאַרפט איר זיך שפּאַרן — ייִנגעלעך־מיידעלעך — ביי מיר האָבן זיי אַלע דעם זעלביקן טעם!... איך האָב אַ פּלאַן: לאָמיר אַריינקוקן דורכן שליסללאָך און זען וואָס אין קיך גייט אָן.

האָט דער זשאַבע־קעניג דער ערשטער זיך אַראָפּגעבויגן צום שליסללאָך, און איבער אים, און אַרום אים, האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן זיך גענומען שטופּן און קריכן איינע איבער די אַנדערע ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט כאַפּן אַ קוק; און הינטער אַלעמען האָט דער גענעראַל ריקי־רוק, וועלכער איז געווען קורץ און גראָב און שווער, אַרומגע־טאַנצט הין־און־הער און האָט ניט געקענט צוקומען צו דער טיר, האָט ער, ווי אַ זשאַבע, געגעבן אַ שפּרונג אויף אַלעמען, זיינען זיי אַלע אומגעפאַלן אויפן קעניג...

— גוואַלד! גוואַלד! — האָט דער קעניג געשריען — איך ווער דערשטיקט! איך ווער צעקוועטשט! קריכט אַראָפּ פון מיר! אוי, קריכט אַראָפּ!... בולבוליעס! בולבוליעס! קומט און העלפט אונדז אויפשטיין!

זיינען די בולבוליעס אַריינגעלאָפן, האָבן אַראָפּגעקייקלט דעם גענעראַל ריקי־רוק פון אַלעמען און האָבן אַלעמען געהאָלפן אויפשטיין. נאָכדעם ווי די בולבוליעס האָבן אַלעמען געהאָלפן אָפּרייניקן און אויסגלייכן זייערע קליידער, האָט דער גענעראַל ריקי־רוק געגעבן אַ באַפעל „אַרויס״, זיינען די בול־בוליעס אַרויס.

און טאַקע גוט וואָס די בולבוליעס זיינען אַרויס, ווייל באַלד האָט זיך געעפנט די טיר פון קיך, דער וווּנדערמאַן האָט זיך באַוויזן און האָט אויסגערופן:

— מאַכט אַ וואָרע! מאַכט אַ וואָרע! די טאָרטן קומען!

האָט דער קעניג מיט די גענעראַלן זיך אויסגעשטעלט אין איין שורה, און די מיניסטאָרן אין דער אַנטקעגנדיקער שורה, גרייט צו באַטראַכטן די טאָרטן. ווען דער וווּנדערמאַן האָט דערזען אַז אַלע זיינען גרייט, האָט ער אויסגערופן אין קיך אַריין:

— שאַקאַ! צימרי! קומט אַהער, מיינע זיסקייטן! איך

וועל איך פֿאָרשטעלן פֿאַר דעם קעניג גיריגומבאַל דער גרויסער.

שאָקאָ און צימרי

אין טיר פֿון קיך האָבן זיך באַוויזן צוויי שיינע מיידעלעך: איינע האָט געהאַט שוואַרצע געקרויזטע האָר, קורץ געשוירן און אַרומגעבונדן מיט רויטע שלייפֿן; אָנגעטאָן אין אַ ווייס געפֿאַלדעוועט קליידעלע, אַרומגענומען מיט אַ רויטן זיידענעם פּאַס, און אויסגעבונדן מיט ברייטע שלייפֿן ביי די זייטן; אויף די ראָזע פֿיסלעך האָט זי געטראָגן ווייסע זעקלעך מיט אַ רויטן שטרייף, און ווייסע שיכלעך. די צווייטע האָט געהאַט קאַשטאַן־רויטע האָר, אויך קורץ געשוירן, און אַרומגעבונדן מיט אַ גרינער לענטע; אָנגעטאָן אין אַ פּורפּור געפֿאַלדעוועט קליידעלע, אַרומגענומען מיט אַ גרינעם זיידענעם פּאַס, און אויסגעבונדן מיט ברייטע שלייפֿן ביי די זייטן; אויף די פֿיס־לעך פּורפּור־זעקלעך מיט אַ גרינעם שטרייף, און שוואַרצע שיכלעך.

ווען דער זשאַבע־קעניג האָט דערזען די צוויי מיידעלעך, האָט ער צוערשט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פֿון זייער שיינקייט. באַלד אָבער האָט זיך אין אים צעברענט דער כּעס און ער האָט זיך צעשריען מיט צאָרן אויפֿן וווּנדערמאַן:

— דו האָסט מיך אָפּגענאַרט! דו! דו! מענטשן־זון!... דו האָסט מיר צוגעזאָגט אויסבאַקן וווּנדערלעכע טאָרטן פֿאַר מיין געבוירן־טאָג, האָסט זיך פֿאַרשפּאַרט אין קיך, קיינעם נית צוגעלאָזן און, און — מאָרגן איז מיין געבוירן־טאָג! און וואָס ווייזסטו מיר? צוויי מיידעלעך!

— אָבער דאָס זיינען נישט קיין פּשוטע מיידעלעך — זאָגט דער וווּנדערמאַן גאַנץ געלאַסן — דאָס זיינען טאָרטן־

מיידעלעך... און ניט קיין פּשוטע טאָרטן - מיידעלעך, נאָר וווּנדער-טאָרטן-מיידעלעך וואָס קענען שטיין און גיין, טאַנצן און שפּרינגען, ריידן און זינגען... האָט איר שוין אַמאָל געהערט פון אַזעלכע טאָרטן-מיידעלעך?

שטייט דער זשאַבע-קעניג מיט זיינע גענעראַלן און מי-ניסטאָרן, גלאָצן מיט די זשאַבע-אויגן פון וווּנדער וואָס זיי הערן, און רופן אויס אַלע אין איין קול:

— ווי? טאָרטן-מיידעלעך? טאָרטן-מיידעלעך?... קיינער האָט אַזעלכע זאַכן ניט געזען! קיינער האָט פון אַזעלכע זאַכן ניט געהערט! און קיינער האָט פון אַזעלכע זאַכן ניט געטראַכט אַפילו! גאָר טאָרטן-מיידעלעך?

— יאָ — זאָגט דער וווּנדערמאַן, — טאָרטן-מיידעלעך. אָט וועל איך זיי פאַר אייך פאָרשטעלן, וועט איר זען ווי זיס זיי זיינען.

דאָ האָט דער וווּנדערמאַן צוגעפירט די טאָרטן-מיידעלעך צום קעניג און האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז שאָקאָ. איך רוף זי שאָקאָ דערפאַר, ווייל איך האָב געמאַכט אירע שוואַרצע געקרויזטע האָר פון דעם בעסטן שאָקאָלאַד וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. טו אַ לעק אירע האָר און זע ווי באַטעמט זי איז.

האָט דער זשאַבע-קעניג זיך איינגעבויגן, אַ לעק געטאָן, און געמאַכט:

— אה-ה-ה! איך האָב נאָך אַזעלכעס אין מיין לעבן ניט פאַרזוכט! דאָס שמעקט דאָך מיט אמתן טעם גן-עדן!

און די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן האָבן זיך באַלעקט פון דער וועיטן און געמאַכט:

— מ-מ-מ! אמתער טעם גן-עדן!

— און דאָס איז צימרי — האָט דער וווּנדערמאַן פאָר-געשטעלט דאָס צווייטע מיידעלע — איך רוף זי צימרי דער-פאַר, ווייל איך האָב געמאַכט אירע קאַשטאַן-רויטע האָר פון

די טייערסטע מאַראַנצן געמישט מיט דעם בעסטן צימערינג וואָס די וועלט פאַרמאָגט. טו אַ לעק אירע האָר און זע ווי זים זי איז.

האָט דער זשאַבע־קעניג זיך איינגעבויגן, אַ לעק געטאָן אירע האָר און געמאַכט:

— אה־ה־ה! זים ווי דאָס לעבן!

און די מיניסטאָרן האָבן זיך באַלעקט פון דער ווייטן און געמאַכט:

— מ־מ־מ! זים ווי דאָס לעבן!

און די גענעראַלן האָבן זיך באַלעקט פון דער ווייטן און געמאַכט:

— מ־מ־מ! זים ווי דאָס לעבן.

— וואַרט — רופט זיך אָן דער וווּנדערמאַן — דאָס איז נאָך ניט אַלץ: זייערע אויגן זיינען אָנגעפּילט מיט דעם זיסטן טרויבן־זאַפט; זייערע ליפּן זיינען געמאַכט פון צייטיקע קאַרשן; זייערע צינגלעך זיינען געמאַכט פון דופּטיקע מאַלי־נעס; און זייערע קליידער זיינען געמאַכט פון די בעסטע קאָנפעקטן־זאַפטן וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. טו אַ לעק זייערע הענטלעך און זע ווי באַטעמט זיי זיינען. אָבער היט זיך — זאָלסט זיי ניט אָפּבייסן קיין פינגער!

האָט דער זשאַבע־קעניג אַ לעק געטאָן זייערע הענטלעך און געמאַכט:

— אה־ה־ה! טויזנט טעמען האָבן זיי! איך קען ניט וואַרטן ביז מאָרגן — שרייט ער אויס — איך מוז זיי גלייך אויפעסן!

— ש־ש־ש! — רופן זיך אָן דער וווּנדערמאַן, — שרעק זיי ניט איבער! דאָס זיינען ניט קיין פּשוטע טאָרטן: דאָס זיינען טאָרטן־מיידעלעך, וואָס קענען פאַרשטיין אַלצדינג וואָס מען רעדט צו זיי, טאָ זיי פאַרזיכטיק וואָס און ווי אַזוי דו רעדסט צו זיי.

— נו, גוט, איך וועל זיי ניט איבערשרעקן; אָבער זאָג מיר: בלויז צוויי טאָרטן־מיידעלעך האָסטו צוגעגרייט צו מיין געבוירן־טאָג?

— ניין — רופט אויס דער ווונדערמאַן — די קיך און די שפייכלערס זיינען פול מיט אַזעלכע טאָרטן־מיידעלעך און אויך מיט טאָרטן־יינגעלעך...

— און פאַר וואָס קען איך ניט איינשלינגען איינע, כאָטש איין טאָרטן־מיידעלע איצט?

— ווייל איצט — זאָגט דער ווונדערמאַן — זיינען זיי נאָך ניט גרייט צו ווערן געגעסן... מאָרגן, ערשט מאָרגן וועלן זיי זיין גרייט... ווייל אויב דו וועסט זיי עסן היינט, וועסטו באַקומען אַזאַ בויכווייטיק, אַז דו וועסט ניט קענען קומען צו דיין געבוירן־טאָג...

— אַ בויכווייטיק? ווער וויל דאָס האָבן אַ בויכווייטיק! וועל איך טאַקע וואַרטן ביז מאָרגן... מאָרגן! הם! ווער האָט עס אויסגעטראַכט דעם מאָרגן?... איך, גיריגומבאַל דער גרויסער, באַפעל: כאַפּן דעם פאַרברעכער און אים ברענגען צו מיר! און אים פאַרמשפּטן! און אים...

— בראַוואָ! — האָט אויסגעשריען דער ווונדערמאַן — אַ קלוגער קעניג מאַכט קלוגע באַשלוסן... איצט קום מיט מיר צום גרויסן קעניגלעכן באַנקעט־זאַל, וועלן מיר אויסלייגן אַ פּלאַן ווי אַזוי דיין געבוירן־טאָג זאָל געפייערט ווערן.

דאָ האָט דער ווונדערמאַן אַוועקגעשיקט שאָקאָ און צימרי צוריק אין קיך און ער מיטן קעניג, מיט די גענעראַלן און מיניסטאָרן, זיינען אַוועק צום קעניגלעכן באַנקעט־זאַל.

דער פּלאַן פאַרן געבוירן־טאָג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַלע דעטאַלן: ווו דער קעניג מיט זיין סוויטע וועט זיצן; ווו די קעניגלעכע וואַך וועט שטיין; ווו, די פּלאַטפאָרמע פאַר דער קאַפּעליע וועט זיין! ווו די זייטיקע געסט וועלן שטיין; ווי אַזוי די טאָרטן־קינדער וועלן מאַרשירן און טאַנצן און, ווי

אַזוי די טאָרטן־קינדער וועלן אַרויפמאַרשירן אויפן טיש און וועלן זיך אויסזעצן אויף די גרויסע גאָלדענע טעלער און — דאָס איבעריקע וועט שוין דער קעניג אַליין וויסן וואָס צו טאָן...

— אה, אה, אה! — האָט זיך דער קעניג צעלאַכט און זיך באַלעקט — מ־מ־מ! אַוואַדע וועל איך וויסן! אַוואַדע!

דער קעניג פירט שאַקאַ און צימרי אויף פּאַראַד

נאָך דעם ווי דער וווּנדערמאַן איז אַוועק, האָט דער קעניג, אָן אָנגעבלאָזענער מיט זשאַבע־שטאָלץ, גענומען אַרומשפּאַנען איבערן גרויסן זאַל און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן „אַזעלכע זיסקייטן!"... „אַזעלכע זיסקייטן!"... און האָט זיך אָנגערופן צו זיינע מיניסטאָרן:

— איך וויל, אַז די גאַנצע קרוינשטאָט זאָל זען דעם וווּנדער פון די צוויי טאָרטן־מיידעלעך!

האָבן די מיניסטאָרן אים געענטפערט:

— דאָס קען גלייך דערגרייכט ווערן דורך אַ פּאַראַד איבער דיין קרוינשטאָט.

האָט מען גלייך אויסגעפּוצט די גרעסטע דריי טשערע־פּאַכעס, אַרויפגעזעצט שאַקאַן אויף איין טשערעפּאַכע, צימרין — אויף דער צווייטער, און דער קעניג האָט זיך געזעצט אויף דער דריטער; הינטער דעם קעניג האָבן זיך אויסגעזעצט די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן אויף אויסגעפּוצטע קראָקאָדילן; אַ זשאַבע־קאַפּעליע האָט אַ שפּיל געטאָן און, דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן.

די גאַסן פון דער קרוינשטאָט זיינען געווען אָנגעפילט מיט מענטשן און אַלע זיינען היינט געווען פריילעך, ווייל, דורך דעם וווּנדערמאַן, האָבן אַלע קינדער זיך צוריקגעקערט אַהיים. און ווי נאָר די קעניגלעכע פּראָצעסיע איז פאַרבייגע־

גאַנגען האָבן די מענטשן באַוווּנדערט די טאָרטן־מיידעלעך און, נאָך מער — דעם מענטש וואָס האָט אויסגעטראַכט אַזאַ זאַך ווי „טאָרטן־מיידעלעך".

דערווייל האָט דער פֿאַראַד זיך פֿאַרבײַגעצויגן פֿאַרבײַ אַ שפּילגאָרטן, פֿול מיט פֿריילעכע קינדער, וואָס האָבן שטיפֿעריש געשפּילט. ווען שאַקאַ און צימרי האָבן דאָס דערזען, האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט אַ שטיק טאָן און שפּילן אַביסל מיט די קינדער. רופֿן זיי זיך אָן צום קעניג:

— שטעל אָפּ דעם פֿאַראַד; מיר ווילן גיין אין שפּילגאָרטן זיך שפּילן מיט די קינדער.

אָבער דער זשאַבע־קעניג איז געווען בייז און אויפֿגערעגט פֿאַר וואָס די מענטשן אין די גאַסן האָבן בלויז באַוווּנדערט די טאָרטן־מיידעלעך און אויף אים האָבן זיי אַפֿילו זיך ניט אומגעקוקט, האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן:

— ניין, איר טאָרט ניט! אַ קעניגלעכער פֿאַראַד קען ניט אָפּגעשטעלט ווערן!

— קען ניט? — האָבן שאַקאַ און צימרי אויסגערופֿן — אָט וועלן מיר דיר ווייזן, אַז דער פֿאַראַד קען יאָ אָפּגעשטעלט ווערן.

דאָ האָבן די טאָרטן־מיידעלעך געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון די טשערעפּאַכעס און זײַנען אַנטלאָפֿן אין שפּילגאָרטן זיך שפּילן.

האָט דער פֿאַראַד זיך אָפּגעשטעלט. דער זשאַבע־קעניג איז געבליבן זיצן אַן אויפֿגערעגטער און אַ פֿאַרשעמטער און האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן; ער האָט געזען ווי די מענטשן שושקען זיך פֿון געלעכטער, האָט ער געפֿרעגט זײַנע מיניסטאָרן מיט די גענעראַלן:

— וואָס טוט מען? גיט אַן עצה!...

האָבן די מיניסטאָרן געענטפֿערט:

— אַז טאָרטן־מיידעלעך לויפן אַוועק, דאַרף מען זיי נאָכ־יאָגן און כאַפּן.

און די גענעראַלן האָבן געזאָגט:

— אַז טאָרטן־מיידעלעך לויפן אַוועק, דאַרף מען שיקן די בולבוליעס נאָך זיי.

האָט אָבער דער זשאַבע־קעניג ניט געוואָלט, אַז די בולבוליעס זאָלן זיי כאַפּן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די בולבוליעס וועלן דערשמעקן ווי זיס די טאָרטן־מיידעלעך זיינען, וועט פון זיי גאָרנישט איבערבלייבן פאַר אים... האָט ער געזאָגט אַז ער וויל אַליין זיך נאָכיאָגן נאָך זיי.

האָט דער גאַנצער קעניגלעכער פּאַראַד זיך פאַרקערעוועט צום שפּילגאָרטן, און אַלע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין די גאַסן, זיינען נאָכגעגאַנגען זען וואָס דאָ וועט געשען.

פאַר דער צייט וואָס דער קעניג האָט זיך געשובט מיט זיינע גענעראַלן און מיניסטאָרן, און ביז דער זשאַבע־קעניג איז צוגעקומען צום שפּילגאָרטן, האָבן שאָקאָ און צימרי זיך געשפּילט מיט די אַנדערע קינדער און מ׳האָט זיך אויסגע־דערציילט איינע די אַנדערע וואָס יעדערער פון זיי וועט דאַרפן טאָן מאָרגן ביי דער קעניגלעכער סעודה. אָבער ווי נאָר די קינדער האָבן דערזען אַז דער זשאַבע־קעניג לאָזט זיך גיין אין שפּילגאָרטן אַריין, האָבן זיי גיך אָנגעטאָן די זשאַבע־מאַסקעס און גענומען זינגען דאָס לידעלע, וואָס די זשאַבע־לערערס האָבן זיי געלערנט צו זינגען אין די זשאַבע־שולן:

אַ זשאַבע — קינדער־ליד

כאָר: גרומבאַ, גרומבאַ, גרומבאַ—באַ—באַ!
גרומבאַ, גרומבאַ—באַ!

ווער איז שענער פון אַ זשאַבע?
ווער איז גרעסער פון אַ זשאַבע?
ניט מיין טאַטע, ניט מיין מאַמע!
ניט מיין זיידע, ניט מיין באָבע!
איך, דאָס קינד — אַוואַדע ניין!
גרעסער און שענער איז גיריגומבאַל אַליין!

כאָר: גרומבאַ, גרומבאַ, גרומבאַ—באַ—באַ!
גרומבאַ, גרומבאַ—באַ!

ווער איז איידעלער פון אַ זשאַבע?
ווער איז קליגער פון אַ זשאַבע?
ניט מיין טאַטע, ניט מיין מאַמע!
ניט מיין זיידע, ניט מיין באָבע!
איך, דאָס קינד — אַוואַדע ניין!
איידעלער און קליגער איז גיריגומבאַל אַליין!

כאָר: גרומבאַ, גרומבאַ, גרומבאַ—באַ—באַ!
גרומבאַ, גרומבאַ—באַ!

ווען דער זשאַבע־קעניג איז אַריין אין שפּילגאָרטן, האָבן שאַקאַ און צימרי געוומען אַנטלויפן, האָט דער זשאַבע־קעניג זיך געלאָזט יאָגן נאָך זיי. ווען ער האָט דערזען אַז ער קען זיי ניט דעריאָגן, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויף אַלע פיר און גענומען שפּרינגען נאָך זיי ווי אַ זשאַבע.

ווען די מענטשן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אויסגעשאָסן אַ גרויס געלעכטער און האָבן געזאָגט:

— אַ זשאַבע, מעג עס וועלן זיין אַ קעניג, בלייבט אַ זשאַבע...

ווען דער זשאַבע־קעניג האָט דאָס דערהערט, איז ער ווילד געוואָרן פון רציחה און האָט אויסגעשריִען:

— איר, מענטשן, זייט נאָך ניט פאַרטיק מיט מיר! איך וועל זיך מיט אייך אָפּרעכענען אַזוי, אַז איר וועט מיך האָבן צו געדענקען!

דאָ האָט ער איין גרויסן זשאַבע־שפּרונג געטאָן, געכאַפּט שאָקען און צימרין און האָט באַפוילן, אַז דער קעניגלעכער פּאַראַד זאָל זיך אומקערן צוריק צום פּאַלאַץ.

דעם גאַנצן וועג צוריק איז דער זשאַבע־קעניג געזעסן אַן אומעטיקער, אַ צערייצטער, אַ שווייגנדיקער; און שווייגנדיק האָט ער צוגעטראַכט איין זשאַבע־פּלאַן נאָכן אַנדערן — ווי אַזוי אָפּצורעכענען זיך מיט די מענטשן.

אין קעניגלעכן באַנקעט־זאַל

ווען דער פּאַראַד מיט די טאָרטן־מיידעלעך האָט זיך צוריקגעקערט צום פּאַלאַץ, האָט דער קעניג פֿול מיט בייזקייט אַ כאַפּ געטאָן שאָקאָ און צימרי פּאַר די הענטלעך און זיי אַריינגעפירט אין קעניגלעכן באַנקעט־זאַל. די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן זיינען מיט ניט זיכערע טריט אים נאָכגעגאַנגען.

אין מיטן זאַל, נעענטער צו דער הינטערשטער וואַנט, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש באַדעקט מיט שיינע טישטע־כער, און אויסגעצירט מיט גאָלדענע און זילבערנע געפעס; ביים רעכטן עק פון טיש זיינען געווען צוגעשטעלט קאָלירטע פלושענע טרעפּ. ווען דער קעניג האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, דער כעס איז אים אָפּגעגאַנגען און ער האָט זיך אָנגערופן צו שאָקאָ און צימרי:

— זעט נאָר, מיינע זיסקייטן! קוקט אָן דעם לאַנגן טיש! ביי אָט דעם טיש וועלן מיר מאָרגן פייערן מיין געבוירן־טאָג. און זעט נאָר די שיינע ווייכע טרעפּ! מיט אָט די טרעפּ וועט איר, מיינע זיסע טאָרטן־מיידעלעך, אַרויפמאַרשירן אויפן טיש

צום מאַרש פון דעם טאָרטנמאַרש, וואָס די קאַפּעליע וועט שפּילן; איך וועל זיצן אָן דאָרטן, אין דער מיט פון טיש, אויף יענעם גרויסן גאָלדענעם שטול; אַז איר וועט צוקומען צו מיר, וועט איר זיך אויסזעצן אויף יענע גאָלדענע בענקעלעך, וואָס זעען אויס ווי גרויסע טעלער... און די קאַפּעליע וועט שפּילן, און שפּילן, און שפּילן... נאָך דעם וועל איך צו אייך זאָגן: מיינע זיסע טאָרטן־מיידעלעך! גיט מיר די גרויסע, די לאַנגע, די שאַרפע טאָרטן־מעסער!... און די קאַפּעליע וועט שפּילן, און שפּילן, און שפּילן... אה־ה־ה! וועט דאָס זיין זיס! אה־ה־ה! וועט דאָס זיין זיס!...

דאָ האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן זיך באַלעקט און געמאַכט:

—מ־מ־מ! וועט דאָס זיין זיס!...

— און וואָס וועסטו טאָן מיט די גרויסע טאָרטן־מעסער?

— האָבן די טאָרטן־מיידעלעך געפרעגט.

— ה,א הא, הא! — האָט דער זשאַבע־קעניג זיך צע־לאַכט — איר פרעגט אַזוי זיס, ווי נאָר טאָרטן־מיידעלעך קענען פרעגן... אָבער, אויב איר ווילט שטאַרק וויסן, וועל איך אייך זאָגן: מיט די טאָרטן־מעסער וועלן מיר צעשניידן די טאָרטן און... און אַלע וועלן עסן... אַלע!... אה־ה־ה! וועט דאָס זיין זי־י־יס!...

— מ־מ־מ! וועט דאָס זיין זיס! — האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן זיך באַלעקט.

— מיינסטו וועסט צעשניידן מיך? — פרעגט שאַקאָ.

— און מיך? — פרעגט צימרי.

— ניט מיך! — פאַרנייגט זיך דער זשאַבע־קעניג.

— ניט מיך! — פאַרנייגט זיך יעדער איינער פון די גענעראַלן און מיניסטאָרן.

— ניין! ניין! — שרייען אויס די טאָרטן־מיידעלעך און נעמען טופּען מיט די פיסלעך, — דו וועסט אונדז ניט שניידן

מיט די טאָרטן-מעסער און דו וועסט אונדז ניט עסן! מיר וועלן זיך ניט לאָזן! ניט לאָזן! ניט לאָזן!

— שאַט! שאַט! שרייט ניט! — בעט זיך דער זשאַבע-קעניג — אַוואַדע וועט איר זיך ניט לאָזן! און זאָל זיין שטיל! שאַ! ש-ש-ש, איר ווייסט וואָס? סע איז שוין שפּעט; איר זייט מיד, און איך בין מיד, איז גייט שלאָפן. איי האָב איך פאַר אייך צוגעגרייט בעטן, — אַזעלכע גרויסע, אַזעלכע ברייטע אַזעלכע ווייכע — ס'איז אַ פאַרגעניגן אין זיי צו שלאָפן! שאָקאָ, זעסט די טיר צו דער רעכטער זייט פון טיש — דאָס איז דיין קאַמער, דאָרטן וועסטו שלאָפן; און צימרי, זעסט די טיר צו דער לינקער זייט פון טיש — דאָס איז דיין קאַמער, דאָרטן וועסטו שלאָפן.

— מיר ווילן ניט שלאָפן באַזונדער! — רופן אויס די טאָרטן-מיידעלעך; — מיר וועלן שלאָפן אין איינעם, אין איין קאַמער און אין איין בעט!

— ניין — זאָגט דער זשאַבע-קעניג — אין קעניגלעכן פּאַלאַץ פירט זיך, אַז יעדער איינער שלאָפט אין אַ באַזונדער קאַמער און אין אַ באַזונדער בעט. און איר זייט דאָך זיסע מיידעלעך, וועט איר דאָך פאָלגן וואָס מען זאָגט אייך! גייט שלאָפן! אַ גוטע נאַכט, שאָקאָ!

— איך וויל דיר ניט זאָגן אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, צימרי!

— אויך איך וויל דיר ניט זאָגן אַ גוטע נאַכט!

— אַז איר ווילט מיר ניט זאָגן גוטע-נאַכט, וועל איך אייך קושן, גוטע-נאַכט.

און דער זשאַבע-קעניג האָט אַרומגעכאַפּט די טאָרטן-מיידעלעך און זיי געוואָלט נעמען קושן, האָבן ביידע זיך אַרויסגעריסן פון זיינע זשאַבע-הענט און זיינען אַנטלאָפן, יעדע אין איר קאַמער.

גיריגומבאַלס פּלאַן פון נקמה

ווען די טאָרטן-מיידעלעך זיינען אַנטלאָפן און דער זשאַבע-קעניג איז געבליבן שטיין מיט ליידיקע הענט, איז זיין פּנים ערנסט געוואָרן; ער האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מיינע גענעראַלן און מיניסטאָרן!

האָבן די גענעראַלן און די מיניסטאָרן דריי מאָל אונטער-געשפּרונגען און האָבן אויסגעשריען:

— גרין-גראַן גיריגומבאַל! מיר זיינען גרייט פאַר דיינע באַפעלן!

— הערט! — האָט דער זשאַבע-קעניג אָנגעהויבן — היינט, אין שפּילגאָרטן, האָבן די מענטשן געלאַכט פון מיר... און איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט זיי; באַפעל איך — איך, גיריגומבאַל דער גרויסער — אַז די שטראָף פאַר לאַכן פונעם קעניג פון דעם איידעלן זשאַבע-פאָלק זאָל זיין אַזאַ:

מאָרגן איז דער גרויסער יום-טוב פון מיין געבוירן-טאָג, און איך וויל ניט, אַז די מענטשן זאָלן זיך פרייען אין דעם טאָג, איך וויל זיי זאָלן וויינען; דעריבער איז מיין באַפעל צו אייך, מיינע גענעראַלן: שיקט אַרום די בולבוליעס איבערן שטאָט, זיי זאָלן כאַפּן אַלע מענטשן-קינדער און זיי איינשפּאַרן אין די שטייגן ביי דער קיך... און מאָרגן, נאָך מיין גרויסן יום-טוב, וועלן מיר מאַכן אַ סעודה איבער זיי פאַר דעם גאַנצן זשאַבע-פאָלק פון לאַנד. איצט, מיינע גענעראַלן, דורכ-פירן מיין באַפעל!

האָבן די גענעראַלן אויסגעשריען „גרין-גראַן גיריגומבאַל" און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אָבער נאָך איידער די גענעראַלן זיינען צוגעקומען צו דער טיר, זיינען אַריינגע-

שפּרונגען צוויי זשאַבע-געהיים-אַגענטן און האָבן אויסגע־שריען:

— גרין-גראַן גיריגומבאַל!

— גרין-גראַן! — האָט דער קעניג געענטפערט, — וואָס ווילט איר?

— גרויסער קעניג! — האָבן די געהיים-אַגענטן אָנגע־הויבן אין איין קול, — אַ גרויסע שלאַכט גייט איצט אָן צווישן די קראָקאָדילן מיט די טשערעפּאַכעס איבערן גאַנצן לאַנד; זיי רייסן זיך און בייסן זיך און פרעסן איינע די אַנדערע, און ווי סע זעט אויס, וועלן זיי באַלד אין גאַנצן זיך אויפעסן און סע וועט פון זיי גאָרנישט בלייבן!

— פאַר וואָס? — רופט אויס דער קעניג — פאַר וואָס טוען זיי דאָס?

— דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם — ענטפערן די געהיים-אַגענטן — וואָס די טשערעפּאַכעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַרימען, אַז זיי זיינען אַ העכער פאָלק פון די קראָקאָדילן; אַז ווען דער קעניג דאַרף פאָרן, פאָרט ער אויף די טשערעפּאַכעס, און די קראָקאָדילן האָבן נאָך קיין איין מאָל ניט געהאַט דעם כבוד, אַז גיריגומבאַל דער גרויסער זאָל זיצן אויף זיי. האָבן עס די קראָקאָדילן ניט געוואָלט ליידן און האָבן געעפנט גרויסע מיילער צו איבערצייגן די טשערע־פּאַכעס, אַז די קראָקאָדילן זיינען אַ העכער פאָלק, אַ מער איידל פאָלק, און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רייסן און פרעסן איינע די אַנדערע. דיינע פעלד-אַרמייען ווייסן ניט וואָס אָנהייבן צו טאָן אין אַזאַ פאַל, האָבן זיי — אונדז געשיקט פרעגן דיך, אָ, גרויסער קעניג!

— גייט צוריק — האָט דער זשאַבע-קעניג געזאָגט צו די צוויי געהיים-אַגענטן — און זאָגט מיינע פעלד-אַרמייען צו טאָן גאָרנישט מער ווי בלויז צוקוקן ווי אַזוי די צוויי זומפּ־פעלקער פרעסן זיך איינע די אַנדערע!

זיינען די צוויי געהיים-אַגענטן אוועק. און דער קעניג האָט ווייטער גערעדט צו זיינע גענעראַלן און מיניסטאָרן:

— צי ווייסט איר פאַר וואָס איך האָב באַפוילן מיינע אַרמייען, בלויז צוקוקן זיך ווי די צוויי פעלקער פרעסן זיך איינע די אַנדערע? ווייל די צוויי זומפּן-פעלקער זיינען, **פאַר אונדז**, שוין אויסגעוווען זייער צייט, — מיר דאַרפן זיי ניט מער! אמת, זיי האָבן אונדז געהאָלפן איינשטעלן אונדזער זשאַבע-הערשאַפט איבער די מענטשן, אָבער אונדזער הערשאַפט איז שוין אַ זיכערע, איז צוליב וואָס זאָלן מיר זיך האַלטן מיט זיי... ביז איצט האָבן זיי ביי אונדז פאַרנומען דאָס אָרט פון פערד און פון קי, איז שוין צייט, אַז אויך דאָס זשאַבע-פאָלק זאָל זיך אָנהייבן באַנוצן מיט פערד און מיט קי, אַזוי ווי די מענטשן האָבן עס געטאָן. היינט שרייט דאָס טשערעפּאַכע פאָלק אַז עס איז העכער און איידעלער פונעם קראָקאָדילן-פאָלק; און דאָס קראָקאָדילן-פאָלק שרייט, אַז עס איז העכער און איידעלער פונעם טשערעפּאַכע-פאָלק; מאָרגן קענען די ביידע זומפּן-פעלקער נעמען שרייען, אַז זיי זיינען העכער און איידעלער פונעם זשאַבע-פאָלק... דעריבער, מיינע גענעראַלן און מיניסטאָרן, בייט איך איצט מיין באַפעל און זאָג: כאַפּט נאָך ניט די מענטשן-קינדער, מיר האָבן צייט מיט זיי... היינט דאַרפן מיר בעסער פּטור ווערן פון אונדזערע מאָרגנדיקע שונאים. דעריבער איז מיין עצה אַזאַ: מאָרגן איז מיין געבוירן-טאָג און אויב די מענטשן האָבן געמעגט עסן טשערעפּאַכע-זופּ, מעגן מיר, דאָס זשאַבע-פאָלק, אַוודאי עסן! און מיר האָבן נאָך ניט קיין זופּ אויף מאָרגן! דעריבער, מיינע גענעראַלן, גיב איך אייך דאָס רעכט צו באַפוילן די בולבוליעס און די קוכערס צו נעמען אונדזערע שכנישע זומפּן-פעלקער — די טשערעפּאַכעס מיט די קראָקאָדילן — און פון זיי מאַכן איין גרויסע און גוטע זופּ אויף מאָרגן, אַז דאָס גאַנצע זשאַבע-פאָלק זאָל קענען הנאה האָבן פון מיין געבוירן-טאָג.

— גרין-גראַן גיריגומבאַל! — האָבן די גענעראַלן מיט די מיניסטאָרן אויסגעשריען — דיין משפּט איז אי קלוג, אי גוט, און ס׳וועט זעטיקן דעם אַפּעטיט פונעם גאַנצן זשאַבע-פאָלק!

— אויב אַזוי — מאַכט דער קעניג אַ צופרידענער — מאַרשירן מיר אַלע צו מיין פּאַלאַץ!

האָבן זיי אַ פּאַטש געטאָן מיט די לאַפּטשעס און האָבן אַרויסגעמאַרשירט.

יענע נאַכט

פּאַר שאַקאַ און צימרי איז יענע נאַכט געווען אַ נאַכט פון דערוואַרטונג, פון שרעק, און פון אַ פאַנטאַסטיש-בייזן חלום:

אין קעניגלעכן באַנקעט-זאַל איז געווען שטיל, אַלע ליכט אויסגעלאַשן. דורך די גרויסע האַלב-רונדיקע פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַן אויסגעשטערנטער הימל.

די טיר רעכטס האָט זיך לאַנגזאַם אַביסל געעפנט און שאַקאַ האָט מיט פאַרזיכט אַרויסגערוקט איר שוואַרצן קאָפּ, האָט זיך אַרומגעקוקט, און האָט שטיל גערופן:

— צימרי!... צימרי!... ווו ביסטו?

קיינער האָט ניט געענטפערט. האָט זיך שאַקאַ געלאָזט גיין איבערן זאַל, ווי אין חלום, און האָט שטיל גערופן... צימרי... ווו ביסטו? אַזוי גייענדיק האָט זי זיך אַנגעשטויסן אָן די פלושענע טרעפלעך, וואָס פירן צום טיש, האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט שטיל גערופן — צימרי... צימרי... ביז זי האָט איינגעדרימלט.

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר לינקס און צימרי האָט מיט פאַרזיכט אַרויסגערוקט איר רויטן קאָפּ און האָט שטיל גערופן:

— שאָקאָ... שאָקאָ... ווו ביסטו?

אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט. האָט זי אויך זיך געלאָזט גיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי אין חלום, און האָט שטיל גערופן „שאָקאָ... שאָקאָ"... „שאָקאָ" ביז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן שאָקאָן און האָט אויסגערופן:

— אוי! ווער איז דאָס?

— איך בין שאָקאָ, דאָס טאָרטן־מיידעלע! — האָט שאָקאָ א דערשראָקענע געענטפערט.

— און איך בין צימרי! — האָט צימרי אויסגערופן אויף א קול.

— „ש־ש־ש!" — האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט מיט פרייד. — לאָמיר קיינעם ניט אויפוועקן.

און שאקא האָט שטיל געזאָגט:

— ווייסט, צימרי, איך האָב אַזוי מורא געהאַט צו זיין אליין אין מיין קאַמער, בין איך געגאַנגען דיך זוכן. ס'איז אָבער אַזוי פינצטער, האָב איך ניט געקענט געפינען דעם וועג צו דיין קאַמער.

— איך אויך — זאָגט צימרי — האָב מורא צו זיין אליין אין מיין קאַמער, בין איך געגאַנגען דיך זוכן, איז טאַקע גוט וואָס איך האָב דיך דאָ געפונען, ווייל ס'איז דאָ אַזאַ פינצטערניש!... אוי, שאקא, איך האָב מורא פאַר אַזאַ פינצטערניש!

— ווייסט וואָס, צימרי, לאָמיר זיך צוזעצן אָט דאָ און זיך האַלטן צוזאַמען ביז די פינצטערניש וועט אַוועק.

— אָט דאָ!... — רופט אויס צימרי — אויף די טרעפּלעך?... געדענקסט, שאקא, וואָס דער זשאַבע־קעניג האָט אונדז אָנגעזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז מיט די־אַ טרעפּלעך וועלן מיר אַרויפמאַרשירן אויפן טיש, זיך אויסזעצן אויף די גאָלדענע טעלער און זיין גרייט, אַז די זשאַבעס זאָלן אונדז נעמען עסן... ניין, שאקא, לאָמיר בעסער ניט זיצן אויף אָט די טרעפּלעך, לאָמיר בעסער שטיין!

— אַז דו ווילסט שטיין, איז לאָמיר שטיין... אָבער, צימרי, איך בין אַזוי מיד און שלעפעריק, איז לאָמיר זיך צוזעצן אויף אַ ווײַלינקע — ניט אויף די טרעפּלעך — נאָר דאָרטן, אין ווינקעלע אויפן דיל.

— נו, גוט — זאָגט צימרי — איך בין אויך מיד און שלעפעריק, איז לאָמיר טאַקע זיך צוזעצן אין ווינקעלע אויף אַ ווײַלינקע, בלויז אויף אַ ווײַלינקע!

האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אין ווינקעלע אויפן דיל, אָנגעלענט די קעפּלעך איינע אָן די אַנדערע, צוגעמאַכט די אויגעלעך — בלויז אויף אַ ווײַלינקע! טאַקע בלויז אויף אַ ווײַלינקע... זיי האָבן געפילט ווי זיי וויגן זיך אין ווייכע וויגן... אַ שטילע זיסע מעלאָדיע האָט גענומען זינגען אין זייערע אויערן און... זיי זיינען איינגעשלאָפן.

אַ בייזער חלום

ווי נאָר די טאַרטן־מיידעלעך זיינען איינגעשלאָפן, האָט זיך זיי גענומען וועבן אַ חלום פול מיט שרעקן... דער באַנקעט־זאַל ווערט ליכטיקער און ליכטיקער... די שטילע מעלאָדיע, וואָס האָט געזונגען אין זייערע אויערן, ווערט העכער, ווערט שטאַרקער, ווערט ריטשעדיק און קוויטשעדיק... אַ זשאַבע־קאַפּעליע מאַרשירט אַריין מיט גרוים פּאַראַד... נאָך דער קאַפּעליע מאַרשירט דער קעניג מיט זיין סוויטע — אַלע אויפגעלייגט, אַלע פריילעך... זיי מאַרשירן צוויי מאָל אַרום און אַרום דעם זאַל, ווען זיי קומען אין מיטן פון דעם זאַל, גיט דער קעניג אַ צייכן, דער מאַרש שטעלט זיך אָפּ און דער קעניג רופט אויס:

— איצט איז האַלבע נאַכט! אַלע מענטשן שלאָפן שוין! קיינער זעט אונדז ניט, קיינער הערט אונדז ניט! איז

לאָמיר טאָן ווי מיר טוען יעדע נאַכט פון יאָר — אַראָפּוואַרפן פון זיך די נאַרישע קליידער און דורכפירן די נאַכט ווי אמתע קינדער פונעם ריינעם און איידעלן זשאַבע־פאָלק!

האָבן די זשאַבעס זיך צעקוואַקעט ווי זיי פלעגן עס טאָן ביי נאַכט אין די זומפּן און האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער; די זשאַבע־קאַפּעליע האָט גענומען שפּילן, און די נאַקעטע זשאַבעס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן, אויף אַלע פיר, אין אַ שפּרינגענדיקן זשאַבע־טאַנץ.

שאקא און צימרי האָבן אין חלום זיך געוווּנדערט ווי ברוינע זשאַבעס מיט שוואַרצע בייכער שפּרינגען אַזוי פלינק איינע איבער די אַנדערע אין זייער טאַנץ.

אָפּגעטאַנצט, האָבן די זשאַבעס זיך אויסגעזעצט אויפן דיל אין אַ גרויסן קרייז, און אויף אַ צייכן פונעם קעניג, האָבן זשאַבע־סאַרווערס גענומען טראָגן פולע טאַצן מיט טאָרטן־מיידעלעך... ווי נאָר מ׳דערלאַנגט זיי אַ טאַץ מיט טאָרטן־מיידעלעך, כאַפּן זיך די זשאַבעס צו, שלינגען איין, און שרייען:

— נאָך, נאָך, ברענגט אונדז נאָך!...

און די סאַרווערס ברענגען נאָך, און נאָך, ביז זיי רופן אוים:

— שוין. ניטאָ. ניטאָ מער קיין טאָרטן־מיידעלעך!...

— וואָס הייסט, ניטאָ מער? — צעשרייט זיך דער זשאַבע־קעניג — און ווּ זיינען די צוויי בעסטע טאָרטן־מיידעלעך, הע? ווּ זיינען שאקא און צימרי, הע?...

האָט דער גאַנצער קרייז זשאַבעס גענומען שרייען:

— שאקא און צימרי, הע?

— שאקא און צימרי, הע־הע!

— שאקא און צימרי, הע־הע־הע! הע־הע־הע!... — און זיי האָבן זיך צעלאַכט מיט אַ ווילדן קוואַ־קוואַ־געלעכטער...

און שאקא און צימרי זעען אין חלום... די סאַרווערס

לויפן אין קיך און קומען אַרוים מיט צוויי גאָלדענע בענקע־לעך; אויף איין בענקעלע זיצט שאקא, און אויפן צווייטן — צימרי... און די סאַרווערס דערנעענטערן זיך צום קרייז פון די זשאַבעס... און די זשאַבעס, באַלויכטן אין טונקל־רויטער ליכט, ציען אוים זייערע זשאַבע־הענט און שרייען:

— אַהער! אַהער! ברענגט זיי אַהער! גיכער! גיכער! גיכער!...

דאָ האָבן שאקא און צימרי גענומען וואַרפן מיט די הענט, שטויסן מיט די פיס און שרייען פון גרוים שרעק:

— ניין! ניין! מיר וועלן זיך ניט לאָזן! מיר וועלן זיך ניט לאָזן אויפעסן פון די זשאַבעס!... מיר וועלן זיך ניט לאָזן!...

זיי האָבן גיך געגעבן אַ שפרונג אַראָפּ פון די גאָלדענע בענקעלעך, זיינען געפאַלן אויפן דיל און... זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

די דערוואַכונג

ווי נאָר שאָקאָ און צימרי האָבן געעפנט די אויגן און דערזען די פינצטערניש אַרום זיך, האָבן זיי זיך אַרומגעכאַפּט, זיך צוגעדריקט איינע צו דער אַנדערער, און אין גרוים שרעק געשוויגן אַ ווײַלע. נאָכדעם האָט זיך צימרי אָנגערופן:

— אוי, שאָקאָ, איך האָב מורא!... איך האָב אַזוי שטאַרק מורא!...

רופט זיך אָן שאָקאָ:

— איך האָב אויך מורא... ברוינע זשאַבעס מיט שוואַרצע בייכער אין רויטן ליכט ציען זייערע זשאַבע־הענט צו אונדז און שרייען ,אַהער!' ,אַהער!'... און איצט איז אַזוי שטיל... און אַזוי פינצטער...

— איך האָב מורא פאַר דער פינצטערניש — זאָגט צימרי — ווייסט, שאַקאַ, ווען מיר וואָלטן ניט געווען קיין טאָרטן־מיידעלעך, וואָלטן מיר ניט געדאַרפט אַזוי מורא האָבן און... איך וויל טאַקע ניט זיין אַ טאָרטן־מיידעלע... איך האָב מורא...

— אָבער, צימרי! — רופט אויס שאַקאַ — אַז מיר וועלן ניט זיין קיין טאָרטן־מיידעלעך, וועט פון דעם גאַנצן פּלאַן, וואָס דער וואָנדערמאַן האָט צוגעגרייט, גאָרנישט ווערן... וואָס זשע טוט מען?

— איך ווייס וואָס — רופט אויס צימרי — לאָמיר רופן דעם וואָנדערמאַן! געדענקסט וואָס ער האָט אונדז אָנגעזאָגט? מיר דאַרפן נאָר וועלן, שטאַרק וועלן און אים רופן, וועט ער קומען.

האָבן ביידע גענומען זינגען דאָס לידעלע, וואָס דער וואָנדערמאַן האָט זיי אויסגעלערנט:

ליד צום וואָנדערמאַן

אַמאָל און אַמאָל איז פיל וואונדער געשען;
די וועלט איז אַמאָל פול מיט וואונדער געווען.
נו, האָבן זיך בלינדע אויף וועלט אָנגעקליבן
און האָבן דעם וואונדער פון וועלט ווייט פאַרטריבן.

זאָל קומען, זאָל קומען דער וואונדערמאַן,
אויף זוניקן פליגל און גאָלדן געשפּאַן;
זאָל זאָגן, זאָל זאָגן דער וואונדערמאַן:
עס איז נאָך אַ וואונדער אַ גרויסער פאַראַן!

פון נאָענט, פון ווייטן, קען ווונדערמאַן זען;
און היינט, ווי פאַרצייטן, קען ווונדער געשען.
פון גלויבן, פון ווילן, מיר שמידן אַ בריק:
— קום, ווונדערמאַן, ברענג אונדז דעם ווונדער צוריק!

זאָל קומען, זאָל קומען דער ווונדערמאַן,
אויף זוניקן פליגל און גאָלדן געשפּאַן;
זאָל זאָגן, זאָל זאָגן דער ווונדערמאַן:
עס איז נאָך אַ ווונדער אַ גרויסער פאַראַן!

ווי נאָר שאָקאָ און צימרי האָבן געענדיקט דאָס לידעלע, אַזוי האָט זיך באַוויזן דער ווונדערמאַן און האָט זיך אָנגערופן:

— שאָקאָ, צימרי, איך האָב געהערט אייער לידעלע, בין איך געקומען... ניין־ניין, איר דאַרפט מיר ניט דערציילן... איך ווייס אַז אַ בייזער חלום האָט אייך איבערגעשראָקן... אָבער איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט צו זיין גוטע און בראַווע טאַרטן־מיידעלעך און שפּילן די ראָלע גוט... איך ווייס, אַז איר שרעקט זיך, אָבער, איר דאַרפט ניט מורא האָבן; אַלץ וועט זיך אויסלאָזן ווי מיר האָבן צוגעגרייט; דאָס וועט זיין דער סוף פון די זשאַבעס! איר ווייסט דאָך, אַז איר זייט ניט אַליין! איך, און אַלע טאַטעס און מאַמעס, און אַלע קינדער פונעם לאַנד זיינען מיט אייך, — מיר היטן אייך דורכן טאָג און דורך דער נאַכט! אָט, זעט:

דאָס האָט דער ווונדערמאַן דריי מאָל אויסגעזונגען דעם רוף פונעם קו־קו־פויגל, האָבן דורך די פענצטער און דורך די קיך־טירן אַ שפּרונג געטאָן קינדער אַנגעטאָן ווי בושלעס און האָבן אויסגערופן:

— מיר זיינען גרייט! וואָס דאַרפן מיר טאָן?

— איצט, גאָרנישט! — האָט דער ווונדערמאַן אויסגערופן — איצט קענט איר בלויז דערציילן צו שאָקאָ און

צימרי וואָס איר וועט טאָן ביי דער פייערונג פונעם זשאַבע־קעניגס געבוירן־טאָג.

האָבן די קינדער אַרומגערינגלט שאָקאָ און צימרי און יעדערער האָט גענומען דערציילן וואָס ער וועט טאָן ביי דער פייערונג.

און שאָקאָ און צימרי, דערפרייטע און צופרידענע, האָבן דערציילט צו די קינדער ווי אַזוי זיי וועלן דורכפירן זייער ראָלע ביי דער פייערונג.

עס טאָגט

אין זאַל האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן ליכטיקער. פון דער טיר רעכטס און פון דער טיר לינקס האָבן, אין דער זעלביקער צייט, געגעבן אַ שפּרונג אַריין צוויי זשאַבע־לאַקייען און האָבן זיך געלאָזט גיין צום טיש. אָבער, ווי נאָר זיי האָבן דערזען דעם וווּנדערמאַן מיט די קינדער־בושלעס, האָבן זיי זיך געגעבן אַ בייג־אונטער, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אונטערגעטונקט אין וואַסער און זיינען אין טויטשרעק אַרויסגעשפּרונגען.

ווי נאָר דער וווּנדערמאַן האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— שאָקאָ און צימרי, גייט גיך אין אייערע קאַמערן און לייגט זיך שלאָפן גלייך ווי ס'איז גאָרנישט געשען, און געדענקט: זייט בראַוו!... און איר, חברה, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו די ,בושלעס' — אויף גיך, צוריק אויף אייערע ערטער! און — ש־ש־ש! קיינער זאָל אייך ניט הערן!

זיינען שאָקאָ און צימרי אויף די שפּיץ פינגער אַריינגעלאָפן אין זייערע קאַמערן; די חברה ,בושלעס' זיינען שטיל אַרויסגעלאָפן דורך די קיך־טירן; דער וווּנדערמאַן האָט

באַקוקט דעם זאַל, געזען אַז קיינער איז ניט געבליבן, איז ער אויך אַרויס דורך דער קיכטיר.

איז טאַקע גוט וואָס דער וווּנדערמאַן מיט די קינדער זיינען אַרויס אין צייט, ווייל באַלד זיינען דורך דער טיר רעכטס און דורך דער טיר לינקס אַריינגעקומען די זעלביקע צוויי זשאַבע־לאַקייען — שוין אין גאַנצן אָנגעטאָן — און נאָך יעדן לאַקיי גייען נאָך דריי בולבוליעס מיט שווערדן אין די הענט און שרייען בייז:

— ווּ זיינען זיי! ווּ זיינען זיי!

גייען די בולבוליעס איבערן גאַנצן זאַל, פאָכען מיט די שווערדן, זוכן אין יעדן ווינקעלע און געפינען קיינעם ניט. שטעלן זיי זיך אָפּ אין מיטן זאַל און שרייען אויס:

— נו? ווּ?...

קנייטשן די לאַקייען מיט די אַקסלען, מאַכן מיט די הענט און ווייסן ניט וואָס צו זאָגן. שרייען די בולבוליעס נאָך העכער:

— נו? ווּ!...

שטייען די לאַקייען ווי שולדיקע און זאָגן:

— ערשט געווען!

— ערשט געווען!... — לאַכן די בולבוליעס: — און ווּ איצט?...

— ערשט געזען!... — פאַרענטפערן זיך די לאַקייען.

— ערשט געזען!... — קרימען איבער די בולבוליעס — אָבער ווּ געזען?

דאָ האָבן די לאַקייען זיך געלאָזט לויפן צו שאַקאָס און צימרים קאַמערן, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אין עפּעס דערמאַנט; עפענען שטיל די טירן, קוקן זיך איין און זאָגן צו די בולבוליעס:

— ש־ש־ש! זיי שלאָפן!

— זיי שלאָפן? — פרעגן איבער די בולבוליעס.

— יאָ. — זאָגן די לאַקייען, — אַזוי ווי די פייגעלעך ! ליגן אין די בעטן און שלאָפן...

— הא, הא, הא ! — האָבן די בולבוליעס זיך צעלאַכט : — סע האָט זיך אייך עפּעס געחלומט ; די אַלטע זשאַבע־שרעק איז צו אייך געקומען אין חלום — דער בושל !...

— אוי ! — האָבן די לאַקייען אַ שפּרונג געטאָן מיט שרעק — אַ בושל !...

האָבן די בולבוליעס געמיינט אַז די לאַקייען זעען טאַקע אַ בושל, זיינען זיי מיט געשרייען „אַ בושל ! אַ בושל !" אַרויסגעלאָפן פונעם זאַל.

און די צוויי לאַקייען האָבן געמיינט אַז די בולבוליעס האָבן דאָ דערזען אַ בושל, האָבן זיי זיך נאָך מער דערשראָקן און האָבן גענומען אַרומשפּרינגען צו אַלע ווינקעלעך פונעם זאַל מיט דעם אויסגעשריי — אוי, אַ בושל ! אוי, אַ בושל ! — ביז זיי זיינען אונטערגעשפּרונגען אונטערן טיש און האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן.

אַביסל שפּעטער האָבן די צוויי לאַקייען אַרויסגעשטעקט זייערע זשאַבע־קעפּ פון אונטערן טיש, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, זיך איינגעהערט, און ווען זיי זיינען געוואָרן זיכער, אַז אין זאַל איז קיינער ניטאָ, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און — נאָך אַלץ מיט שרעק — זיך גענומען צוגרייטן דעם טיש צום געבוירן־טאָג פון זייער קעניג.

גיריגומבאַלס געבוירן־טאָג

דער יום־טוב פון דעם זשאַבע־קעניג׳ס געבוירן־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן פרי. ביים הינטערגרונט פון דעם דעקאָרירטן באַנקעט־זאַל איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש באַדעקט מיט סערוועטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פּילקאַלירטע זומפּ־

בלעטער, מיט גאָלד- און זילבער-געפעס — אָנגעלאָדן מיט טייערע מאכלים און מיט פאַרשיידנפאַרביקע גראַפינען פון וועלכע ס׳האָבן ארויסגעפינקלט די טייערסטע ווייגען.

ניט ווייט פון דעם לאַנגן טיש, מער צו דער לינקער זייט פון זאַל, איז געשטאַנען אַ פלאַטפאָרמע מיט שטולן פאַר דער קעניגלעכער קאַפעליע און — אַ פעדעסטאַל פאַר דעם קאַפעל-מייסטער.

די ערשטע זיינען אָנגעקומען די מענטשן-געסט: יעדער איינער אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער פעלערינע, מיט אַ שפּיציקן קאַפּושאָן אויפן קאָפּ און — מיט אַ זשאַבע-מאַסקע אויפן פנים. די מענטשן-געסט האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי דער לינקער זייט פון זאַל, הינטער דער פלאַטפאָרמע פאַר די מוזיקאַנטן.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס פויקן פון אַ מיליטער-מאַרש: די בולבוליעס, אָנגעפירט פון זייערע אָפיצירן, האָבן אַריינגעמאַרשירט מיט פאַרהייבענע שווערדן צום אַקסל, און האָבן מיליטעריש זיך אויסגעשטעלט — ביי דער רעכטער זייט, ביי דער לינקער זייט, און ביי דער הינטערגרונט-וואַנט, אַביסל אָפּגערוקט פונעם קעניגלעכן טיש.

ווי נאָר די בולבוליעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם קעניגלעכן טיש, אַזוי האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן דאָס שפּילן פון דעם קעניגלעכן-מאַרש. די הויפּטטיר, רעכטס, האָט זיך ברייט געעפנט און, אָנגעפירט פון דעם וווּנדערמאַן, האָט אַריינגעמאַרשירט די מענטש-קאַפעליע; נאָך דער קאַפּעליע האָט מיט גרוים פּאָמפּע אַריינגעמאַרשירט דער זשאַבע-קעניג; נאָך דעם קעניג האָט מאַרשירט זיין סוויטע — מיניסטאָרן און הויכע אָפיצירן.

ווען גיריגומבאַל מיט זיין סוויטע האָבן זיך אויסגעזעצט ביים לאַנגן טיש, האָט די קאַפעליע אויפגעהערט שפּילן. די מוזיקאַנטן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער פלאַטפאָרמע, וואָס

איז געשטאַנען גרייט פאַר זיי, און דער וווּנדערמאַן, וואָס האָט די גאַנצע צערעמאָניע צוגעגרייט און איז אויך באַשטימט געוואָרן פון גיריגומבאַל אַליין אַלס צערעמאָניע־מייסטער, האָט זיך געשטעלט אויף דעם פּעדעסטאַל און האָט געעפנט דעם יום־טוב פון דעם זשאַבע - קעניג׳ס געבוירן - טאָג מיט די ווערטער :

— אין נאָמען פון גיריגומבאַל דעם גרויסן, הערשער איבער אַלע זומפּן־פעלקער און קעניג איבער די מענטשן פון דעם לאַנד, דערקלער איך דעם היינטיקן טאָג פאַר אַ גרויסן יום־טוב פאַר אַלע איינוווינער פון דעם לאַנד! דאָס איז אַ יום־טוב וואָס וועט אַריין אין דער געשיכטע פון דער וועלט און וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן ווערן! היינט פייערן מיר דעם געבוירן־טאָג פון אַן אויסדערוויילטן זון פון דעם איידעלן זשאַבע־פאָלק, — פון דעם קעניג גיריגומבאַל דער גרויסער!

— גרין־גראַן, גיריגומבאַל! — האָבן אַלע אויסגעשריען.

— גרין־גראַן! — האָט דער קעניג געענטפערט.

און דער וווּנדערמאַן האָט ממשיך געווען :

— מיט דעם קעניג׳ס געבוירן־טאָג פרייען זיך ניט נאָר די זומפּן־פעלקער, נאָר אויך, און איבערהויפּט — די מענטשן! די מענטשן וועלן דעם וווּנדער פון גיריגומבאַלס געבוירן־טאָג ניט פאַרגעסן; זיי וועלן עס דערציילן זייערע קינדער און זייערע קינדס־קינדער אויף דור־דורות! ס׳איז אַ שאָד, וואָס בלויז די אויסגעקליבענע פאַרשטייער פונעם מענטשן־פאָלק האָט מען געקענט אַריינלאָזן אַהער אין באַנקעט־זאַל; די אַלע אַנדערע פונעם מענטשן־פאָלק, וואָס ווילן כאָטש פון דער ווייטן זיך באַטייליקן אין דעם גרויסן יום־טוב, האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דעם גרויסן פּאַראַד־פּלאַץ, וואָס געפינט זיך אַנטקעגן אָט דעם באַנקעט־זאַל. און די זומפּן־פעלקער, און די קעניגלעכע אַרמייען פייערן דעם גרויסן יום־טוב אויף אַ גאָר אָריגינעלן אופן — אין באַזונדערע פּאַוויליאָנען, וואָס

איז ספּעציעל פאַר זיי אויפגעשטעלט געוואָרן. אָבער אַלע איבערן לאַנד וועלן דורך טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן קענען זען און הערן דעם גרויסן וווּנדער פון דער פייערונג פון גיריגומ־באַלס געבוירן־טאָג!...

— איצט וועלן אַלע פאַרזאַמלטע — אין זאַל, אויפן פּאַראַד־פּלאַץ, און אין די באַזונדערע פּאַוויליאָנען — זיך אויפשטעלן און מיט מיר צוזאַמען אויסשרייען דריי מאָל די קעניגלעכע באַגריסונג.

האָט די קעניגלעכע סוויטע זיך געגעבן אַ שטעל־אויף און אַלע צוזאַמען האָבן אויסגעשריען דריי מאָל:

— גרין־גראַן, גיריגומבאַל!

— גרין־גראַן! — האָט דער קעניג אַ צעשמייכלטער געענטפערט.

דאָ האָט דער וווּנדערמאַן געלאָזט וויסן, אַז די צערעמאָניע פון עפענען דעם יום־טוב איז געענדיקט, און דער קעניג מיט זיין סוויטע קענען איצט אָנהייבן פאַרזוכן פון די קעניגלעכע מאכלים.

האָבן אַלע ביים לאַנגן טיש זיך צוגעכאַפּט צום עסן און טרינקען. די לאַקייען זיינען אַרומגעלאָפן און דערלאַנגט נאָך און נאָך. דער קעניג מיט זיין סוויטע האָבן זיך געקוויקט מיט די מאכלים און האָבן אַלע ווײַלע אויסגערופן:

— א־א־א, ווי גוט! א־א־א, ווי גוט!

אַז מע האָט אַלצדינג אויפגעגעסן האָט מען גענומען פרעגן:

— און ווּ זיינען דאָס די וווּנדער־טאָרטן, וועגן וועלכע מיר האָבן אַזוי פיל געהערט? ווּ זיינען זיי? מיר ווילן זיי זען! מיר ווילן זיי פאַרזוכן! מיר ווילן...

— באַלד, באַלד! — האָט גיריגומבאַל אויסגערופן: — באַלד וועט איר זיי זען און באַלד וועט איר זיי פאַרזוכן. אָבער פריער דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ קליינע צערעמאָניע,

כדי אַלע זאָלן קענען זען דעם ווונדער פון די טאָרטן.

דאָ האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט באַפוילן:

— איך, גיריגומבאַל דער גרויסער, באַפעל... אַז די קעניג־לעכע קאַפעליע, אַנגעפירט פון דעם ווונדערלעכן מענטשן־זון, זאָל אָנהייבן שפּילן אַ ביז גאָר פריילעכן טאָרטנמאַרש!

ווי נאָר די קאַפעליע האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם טאָרטנ־מאַרש, האָט זיך געעפנט די טיר, רעכטס, פון דעם הויפּט־אַריינגאַנג, און די טאָרטן־קינדער, אָנגעפירט פון שאַקאַ און צימרי — אָנגעטאָן אין קאָלירטע פּעלערינעס מיט שפּיציקע קאָלירטע קאַפּושאָנען אויפן קאָפּ — האָבן אָנגעהויבן אַריינ־מאַרשירן פּאָרווייז און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ פיל קאָלירטן און פיגוראַטיוון מאַרש.

— א־א־א, ווי שיין! ווי שיין! — האָבן אַלע ביים טיש איבערגעחזרט. — אָבער, ווען וועלן מיר פון אָט די שיינקייטן פאַרזוכן? ווען?

— באַלד, מיינע געסט, באַלד! — האָט גיריגומבאַל געזאָגט און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש: — גענוג געמאַרשירט!

האָט די קאַפעליע אויפגעהערט שפּילן, דער טאָרטנמאַרש האָט זיך אָפּגעשטעלט. און דער ווונדערמאַן האָט זיך אָנ־גערופן:

— אָבער, גרויסער קעניג... געדענקסט וואָס איך האָב דיר געזאָגט?...

— אוואַדע געדענק איך! דו האָסט מיר געזאָגט, אַז ביים מענטשן־פאָלק איז דאָ אַ ווערטל: אָן אַ טאַנץ גייט עס ניט... אָן אַ טאַנץ האָט קיין זאַך קיין טעם ניט... אַז אין טאַנץ ווערן טאָרטן־קינדער אויסגעצייטיקט... אָבער, ביי אונדזער איידעלן זשאַבע־פאָלק מאַכט מען ניט אַזויפיל צע־רעמאָניעס פאַרן עסן; ווי נאָר מע זעט דאָס עסן — עסט מען! מיינע געסט, און טאַקע איך אַליין, דאַרפן זיצן אַרומ־

קוקן זיך די אויגן ביז די טאָרטן־קינדער וועלן זיך אויסטאַנצן...
באַפּעל איך — גלייך אָנהייבן דעם טאָרטנטאַנץ!

האָט די קאַפּעליע גענומען שפּילן, און די טאָרטן־קינדער האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ טאָרטנטאַנץ. איי איז דאָס געווען אַ טאַנץ — קיינער אין דער וועלט האָט נאָך אַזאַ טאַנץ ניט געזען!

אָבער אויך אָט דער שיינער טאָרטנטאַנץ איז איבערגעריסן געוואָרן, ווייל גיריגומבאַל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און האָט אויסגעשריען:

— גענוג געטאַנצט! מיר קענען מער ניט וואַרטן!

האָט די קאַפּעליע אויפגעהערט שפּילן, דער טאָרטנטאַנץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער וווּנדערמאַן האָט זיך אָנגערופן:

— זאָל דער קעניג מיט זיינע געסט האָבן אַ ביסעלע געדולד און מיר דערלויבן מאַכן אַ קליינע דערקלערונג. און ניט וואַרטנדיק אויף אַ דערלויבניש, האָט ער אָנגעהויבן:

— איצט קומט דער שענסטער און בעסטער און זיסער טייל פון אונדזער אַלעמענס יום־טוב!... איך זאָג נאָך אַמאָל: אונדזער אַלעמענס יום־טוב!... זאָג איך דאָ צו אַלע געסט: זייט גרייט!... זייט גרייט צו הערן וואָס דער גרויסער און קלוגער קעניג האָט צו זאָגן צו די טאָרטן־קינדער!

— און צו די טאָרטן־קינדער זאָג איך: הערט אויס און פאָלגט אויס אַלץ וואָס דער קעניג גיריגומבאַל וועט אייך זאָגן!... און געדענקט: אַז מען טראַכט נאָר וועגן זיך אַליין, בלייבט מען אויף אייביק נאַריש און קליין!... איצט וועלן שאָקאָ און צימרי צוגיין צום קעניגלעכן טיש און פרעגן — וואָס דער קעניג וויל.

האָבן שאָקאָ און צימרי צוגעטאַנצט צום טיש און האָבן אויסגעזונגען:

— נאָכן טאַנץ, נאָכן טאַנץ,
און פאַר דער שפּיל, פאַר דער שפּיל,
זאָל דער קעניג זאָגן
וואָס ער וויל, וואָס ער וויל,
וועלן מיר עס אונטערטראָגן, אונטערטראָגן
שיין און שטיל, שיין און שטיל.

האָט גיריגומבאַל — אַ צעשמייכלטער — געענטפערט מיט געזאַנג:

— זיסקייטן זענט איר —
וואָס קען זיין בעסער?
פעלן, פעלט מיר
אַ טאָרטן-מעסער.
לויפט, מיינע זיסקייטן,
לויפט אין קיך
און ברענגט די גרויסע
טאָרטן-מעסערס, גיך!

די קאַפּעליע האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם טאָרטן-מעסער-מאַרש, און די טאָרטן-קינדער זיינען פאַראוויז אַריין אין קיך דורך איין טיר און זיינען אַרויסגעקומען דורך דער צווייטער מיט גלאַנציקע טאָרטן-מעסערס, לאַנגע ווי שווערדן, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ פיגוראַטיוון טאָרטן-מעסער-מאַרש, צו דעם ריטם פון דער מוזיק.

אָבער אויך דער שיינער טאָרטן-מעסער-מאַרש איז געווען אַ קורצער, ווייל דער זשאַבע-קעניג האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און האָט אויסגעשריען:

— גענוג געמאַרשירט! מיר קענען מער ניט וואַרטן! די טאָרטן-קינדער וועלן מיט יענע טרעפּלעך, דאָרטן, אָנהייבן

אַרויפמאַרשירן אויפן טיש און זיך אויסזעצן אויף די גרויסע גאָלדענע טעלער!

— זאָל דער קלוגער קעניג מיט זיין סוויטע האָבן נאָך איין קליין ביסעלע געדולד — האָט דער וווּנדערמאַן אויסגעשרופן — ווייל ס׳דאַרפן נאָך אָנקומען די באַגריסערס פון אַלע פעלקער, וואָס טראָגן איין שיינע און גרויסע מתנה צו גיריגומבאַלס געבוירן-טאָג. איז בעט איך דעם קעניג מיט זיין סוויטע: וואַרט-צו אַ קליין ביסעלע. און דערווייל וועלן די טאָרטן-קינדער אויסטאַנצן אַ טאָרטן-מעסער-טאַנץ.

די קאַפּעליע האָט גלייך אָנגעהויבן שפּילן און דער טאָרטן-מעסער-טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן.

ווי לאַנג די טאָרטן-קינדער האָבן געטאַנצט, איז שווער צו זאָגן; קיינער — חוץ גיריגומבאַל מיט זיין סוויטע — האָט ניט געציילט די מינוטן; ווייל דאָס טאַנצן פון די טאָרטן-קינדער איז געווען אַזוי זיס, אַז אַלעמען האָט זיך געגלוסט אַז דאָס טאַנצן זאָל זיך ציען נאָך און נאָך... אָבער גיריגומבאַל האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט אַ געשריי:

— גענוג געטאַנצט! איך באַפעל אַז די טאָרטן-קינדער זאָלן גלייך איצט אַרויפקומען אויפן טיש און אונדז איבערגעבן די טאָרטן-מעסערס!

דער טאַנץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. און דער וווּנדערמאַן האָט זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי, אַז דער טאַנץ פון די טאָרטן-קינדער האָט ביים קעניג מיט זיין סוויטע צערייצט דעם אַפּעטיט צו די טאָרטן... זיי קענען ניט וואַרטן מער... זעט, ווי זיי באַלעקן זיך!... בעט איך אַלע געסט זיין גרייט!... זיין גרייט צו זען דעם וווּנדער פון די טאָרטן-קינדער! און צו די טאָרטן-קינדער זאָג איך: זייט שטאָלץ און בראַוו... און פאָלגט אויס דעם קעניגס באַפעל... שאָקאָ און צימרי וועלן די ערשטע צוטראָגן די טאָרטן-מעסערס צום קעניג. און, אַלע טאָרטן-

קינדער וועלן נאָכטאָן דאָס, וואָס שאָקאָ און צימרי וועלן טאָן.

האָבן שאָקאָ און צימרי צוגעמאַרשירט צום קעניגלעכן טיש, אַנגעשטעלט די גרויסע טאָרטן־מעסערס אַנטקעגן דעם קעניג און האָבן אויסגערופן:

— קעניג זשאַבע! דו האָסט אונדז געשיקט נאָך טאָרטן־מעסערס, — ברענגען מיר טאָרטן־מעסערס... אָבער, די מע־סערס קענען אויך שניידן זשאַבעס!...

האָבן אַלע טאָרטן־קינדער געטאָן דאָס אייגענע, און האָבן געשריען:

— די מעסערס קענען שניידן זשאַבעס! זשאַבעס! זשאַבעס!

איז געוואָרן אַ גערודער ביים טיש. דער קעניג האָט גענומען קלאַפּן אין טיש, און שרייען:

— וואָס איז דאָס! וואָס הער איך?

אין דעם זיינען אַריינגעלאָפן צוויי מענטשן — אָן מאַסקעס — און האָבן אויסגערופן הויך אויף אַ קול:

— דער נס פון גיריגומבאַלס געבוירן־טאָג איז געשען!

— הוראַ! — האָבן אויסגעשריען די מענטשן־געסט און האָבן אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקעס פון זייערע פּנימער.

— וואָס קומט דאָ פאָר! — איז גיריגומבאַל אויפגע־שפּרונגען אַ צעקאָכטער... — און, און, ווער זיינען דאָס אָט די צוויי, וואָס זיינען אַריינגעלאָפן אָן מאַסקעס און האָבן געמאַכט אַ טומל? ווער זיינען זיי! ענטפער!

— באַלד וועט דיר אַלץ קלאָר ווערן. — האָט דער וווּנ־דערמאַן מיט צעצויגענע ווערטער געענטפערט — אָט דער מענטש איז דער טאַטע פון שאָקאָ; און דער — האָט ער אָנגעוויזן אויפן צווייטן — איז דער טאַטע פון צימרי; און יענע מענטשן־געסט זיינען די טאַטעס פון די אַנדערע טאָרטן־קינדער.

— ס'איז אַ פאַרשווערונג! — האָט גיריגומבאַל גע־

שטורעמט; — אַ פֿאַרשווערונג! העי, מײַנע מיניסטאָרן, גיט אַן עצה!

האָבן די מיניסטאָרן געקנײטשט מיט די אַקסלען און געשוויגן.

— העי, מײַנע גענעראַלן! גיט אַן עצה!

האָבן אויך די גענעראַלן געשוויגן.

— העי, בולבוליעס! — האָט ער זיך היסטעריש צע־שריען; — בולבוליעס, קומט אַהער! קומט אַהער און שמידט זיי אַלעמען אין קייטן!

האָבן די מענטשן־געסט אַרויסגעצויגן שווערדן פֿון אונ־טער זייערע לאַנגע פּעלערינעס און האָבן זיך אויסגע־שטעלט ביי אַלע טירן. און די „בולבוליעס", וואָס זײַנען די גאַנצע צייט געשטאַנען שטיל אַרום דרײַ זייטן פֿון טיש, מיט שווערדן פֿאַרהויבן צו די אַקסלען, האָבן פֿון זיך אַראָפּגע־וואָרפֿן די מאַסקעס און האָבן אַנגעשטעלט זייערע שווערדן אַנטקעגן דעם קעניג מיט זײַן סוויטע.

— אוי — האָט גיריגומבאַל אויסגערופֿן; — דאָס זײַנען גאָר מענטשן — און ער האָט היסטעריש גענומען שרײַען אין אַלע זייטן — בולבוליעס! בולבוליעס! בול־בוליעס!

— אומזיסט דײַן שרײַען, — האָט זיך דער וואַנדערמאַן אַנגערופֿן; — ניטאָ מער קיין בולבוליעס. וואָרים די מענטשן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן די בושלעס אין שטייגן און האָבן אויף זיי גוט אויפֿגעפּאַסט, האָבן היינט צעעפֿנט אַלע שטייגן... זײַנען פֿון דײַנע בולבוליעס געבליבן נאָר די לאַפּטשעס... נאָר די לאַפּטשעס... בלויז אייניקע פֿון זיי האָבן באַוויזן צו אַנטלויפֿן צוריק צו די זומפּן.

— אוי! — האָבן די מיניסטאָרן אַ קרעכץ געטאָן און האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— אוי! — האָבן די גענעראַלן אַ קרעכץ געטאָן און האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ.

— איז וואָס מיינט עס? — האָט גיריגומבאַל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געפרעגט.

— גאָר פּשוט, — האָט דער וואונדערמאַן געענטפערט: — דאָס זשאַבע־פאָלק האָט קיין מאָל ניט געהערשט איבער דעם מענטש און וועט מער ניט הערשן!

— און וואָס קלייבט איר זיך טאָן מיט אונדז? איר, כּימרע וועלף אַן וועלפּישע ציין!

— מיר האָבן מער ווי איין וועג וואָס צו טאָן מיט דעם איבערבלייב פון די זשאַבע־הערשערס.

— צו די בושלעס! — האָבן זיך דערהערט אויס־געשריען.

— פאַרשפאַרן זיי אין שטייגן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן — האָבן אַנדערע געשריען.

— ניין! — האָט דער וואונדערמאַן אויסגערופן; — ניט טאָן דאָס, וואָס די טאַטעס פון די טאָרטן־קינדער וואָלטן געוואָלט טאָן מיט די זשאַבע־הערשערס... שאָקאָ און צימרי, אונדזערע טאָרטן־מיידעלעך, האָבן קלוג און בראַוו דורכ־געפירט זייער ראָליע אין דער באַפרייאונג פון דער זשאַבע־הערשאַפט, וועלן מיר פרעגן זיי, וואָס זיי טראַכטן וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן מיט אַט־אָ דעם איבערבלייב, און וואָס זיי וועלן זאָגן — אַזוי זאָל געטאָן ווערן.

— גוט! גוט! — האָבן אַלע אויסגעשריען — לאָמיר הערן!

— שאָקאָ און צימרי — האָט דער וואונדערמאַן זיי צו־געהערופן — דער זשאַבע־קעניג מיט זיינע מיניסטאָרן האָבן געוואָלט — ניט אַנדערש, נאָר — אַז איר זאָלט זיי ברענגען די מעסערס מיט וועלכע זיי זאָלן אייך צעשניידן, און אויפ־עסן, ווי מ'עסט זיסע און געשמאַקע טאָרטן. איצט, אַ דאַנק

דעם וואָס איר זייט געווען אַזוי בראַוו, האָט זיך אַלצדינג געביטן; איצט קענען מיר מאַכן טאָרטן פון זיי — אויב איר ווילט... זאָגט, וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אָט־אָ די אויסגעפּוצטע זשאַבעס?

האָבן שאָקאָ און צימרי זיך צוזאַמענגערעדט, זיינען אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער קאַפּעליע און האָבן געזאָגט:

— ניין, ניט צו די בושלעס, ווי אייניקע פון די טאַטעס וואָלטן עס געוואָלט; ניט אין שטייגן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, ווי אַנדערע פון די טאַטעס וואָלטן עס געוואָלט; און — ניט מאַכן טאָרטן פון זיי! (ווער וויל דאָס עסן זשאַבע־טאָרטן!) מיר האָבן צוגעטראַכט אַן אַנדער וועג, ווי אַזוי מיר, מענטשן, זאָלן פאַרענדיקן די זשאַבע־הערשאַפט:

— ערשטנס, די זשאַבעס — קעניג, מיניסטאָרן, גענעראַלן און אַלע אַנדערע פון דער זשאַבע־הערשאַפט — זאָלן פון זיך אויסטאָן דעם גאַנצן פרעמדן פּוץ (קליידער, גאָלדענע קנעפּ, מעדאַלן) אַזוי, אַז אַלע זאָלן קענען דערזען די אמתע זשאַבע אין זיי...

— צווייטנס, טרייבן די זשאַבעס דורך די גאַסן — זיי זאָלן שפּרינגען אויף אַלע פיר — צוריק אין די זומפּן אַריין, פון וואַנען זיי שטאַמען.

— דריטנס, — און דאָס איז די הויפּטזאַך! — אַנשרייבן די געשיכטע פון דער זשאַבע־הערשאַפט, און דאָס זאָל דערציילט ווערן און איבערדערציילט ווערן פאַר אַלע קינדער פון דער וועלט אויף דור־דור־דורות!...

האָבן אַלע אויסגעשריען: — הוראַ פאַר שאָקאָ און צימרי! און מ'האָט גלייך באַפוילן, אַז די זשאַבעס זאָלן פון זיך אַראָפּציען די פרעמדע קליידער און באַפּוצונגען, און — ווי זשאַבעס, אויף אַלע פיר, — זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן צוריק אין די זומפּן אַריין.

און דאָס מעשהלע פון דער זשאַבע־הערשאַפט איז פאַר־שריבן געוואָרן און איז דערציילט געוואָרן פון דור צו דור פאַר אַלע קינדער פון דער וועלט, פונקט ווי איך האָב עס איצט דערציילט פאַר אייך.

קורצע ביאָגראַפֿישע נאָטיצן

נאָמען: אליהו, אלי;
אין ענגליש — אלעקזאַנדער,
שפּעטער — אלי.

פּסעוודאָנים: דוד ראַדין;
אויך — ל. אליהו,
אליהו לעווין און — אלי.

געבוירן: אין שטעטל בראַגין (בראַהין),
ווייסרוסלאַנד, סוף תמוז,
דעם 31־סטן יולי, 1893.

פֿאָטערס נאָמען: שמואל,
בן משה־צבי הלוי לעווין;
מוטערס נאָמען: שיינע,
בת יוסף ומרי ראַזאָווסקי.

פֿאַמיליע: פֿרויס נאָמען —
אסתר (פּאָזנאַנסקי) לעווין;
טאָכטער — מרי־אַלין (מערי),
מושב רגבה, מיט דריי קינדער;
טאָכטער — נאָרינאַ (נאָראַ),
מושב בית חרות, מיט פֿיר קינדער.

בילדונג: אין רוסלאַנד — טראַדיציאָנעלער חדר פּלוס רוסיש; אין אַמעריקע — אָוונט־שול, צוגרייטונגס־שול, יידישער לערער־סעמינאַר און — קורסן אין פּעדאַגאָגיע און פּסיכאָלאָגיע — אין „יוניווערסיטי אָוו פּענסילוועניאַ", אין פֿילאַדעלפֿיע, מוזיק (פּוס־

אָרגאַן, שפּעטער פּיאַנאָ) געלערנט פּריוואַט ביי העלפּמאַן, דיריגענט פון א.נ.א.פּ. כאָר אין ראָטשעסטער, נ.י.

לעגיאָנער: אין דער ערשטער וועלט־מלחמה
האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אינעם יידישן
לעגיאָן ביי דער בריטישער אַרמיי;
איבערגעשיקט געוואָרן פון טאָראָנטאָ
(ווו איך בין דעמאָלט געווען לערער אין דער י. ל. פּרץ־שול)
קיין נאָווא סקאָשיא, ווו מיר זיינען געשולט געוואָרן אין
תורת מלחמה, זיך פאַרפאַלקאָמט אין ענגלאַנד
און איבערגעשיקט געוואָרן קיין "פּאַלעסטינא".
מיטן אויפלייזן דעם לעגיאָן (אויג. 1919)
האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין טאָראָנטאָ.

געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן:

מיטגליד אין אַרבעטער־רינג ביז מיין קומען קיין ישראל; לערער און בויער פון אַרבעטער־רינג־שולן; מיטגליד אין שלום עליכם־פאָלק־אינסטיטוט; לערער און בויער פון שלום עליכם־שולן: אין פילאַדעלפיע — צוזאַמען מיט דעם באַוווסטן קולטור־טוער אהרן פישמאַן ז"ל; אין ריטשאַרד היל — זע בזשאַזשע, אין "שולבלאַט", נאָוועמבער, 1937.
לערער אין די "אומפּאַרטייאישע יידישע שולן" (לעווין־שולן).
מיטגליד אין רוסישן דראַמאַטיק קלוב: געשפּילט אין טשעכאָווס איינאַקטערס און אין אַנדרעיעווס "דני נאַשעי זשיזן" (ראָטשעסטער, 1912). איבערגעגאַנגען צו "יידיש דראַמאַטישער געזעלשאַפט": אָנטייל גענומען אין שלום עליכמ׳ס "אַ דאָקטאָר", "אַ גט", און אין אַנדערע. (1913). אין די יאָרן 1924 ביז סוף 1927, אין מעמפּיס טעג., ווו איך בין געווען לערער אין דער אַרבעטער־רינג־שול, האָב איך צוגעצויגן אַ גרופּע יוגנטלעכע, געגרינדעט אַ דראַמאַטישע געזעלשאַפט און מיר האָבן אויפגעפירט אַ צאָל דראַמאַטישע שפּילן, ווי — "די ברידער לוריע" פון י. גאָרדין און "דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם, און אַנדערע.

אין יוניאָנס:

מיטגליד אין יידישן לערער־פאַרבאַנד. (האָט געלעבט ביז דער שפּאַלטונג פון די שולן).
אַלס דעזיינער: אין „פּאַר דעזיינערס יוניאָן אוו ניו־יאָרק".
פּאָליטישע פּאַרטיי: אין צייט פון היטלער — י. ש., האָב איך זיך אנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. כ'האָב באַלאַנגט צו דער אָרגאַניזאַציע ביז איך בין געקומען קיין ישראל.

אין ישראל:

קיין ישראל בין איך געקומען פון צפון־אַמעריקע (ווו איך האָב געלעבט אַ קנאַפּן האַלבן־יאָרהונדערט) דעם 29־טן סעפּטעמבער, 1955. געוווינט ווי פאלגט: אין קיבוץ גשר הזיו — קאַרגע פיר יאָר; אין קרית חיים — איבער זעקס יאָר: אין בית חרות — זינט 69־טן יאָר.

מיין איצטיקער אַדרעס איז: אלי לוין
בית חרות 291 40
דאר כפר ויתקין

ביבליאָגראַפישע נאָטיצן

דעביוטירט אין: „דער גרויסער קונדס", וואָכנבלאַט פאַר הומאָר און סאַטירע, רעדאַקטאָר י. מאַרינאָוו, ניו־יאָרק, 1916—1917; פון צייט־צו צייט געדרוקט לידער; אין 1922 — אַ הומאָרעסקע אין פּראָזע.

גע ד רו ק ט א י ן:

„טאָראָנטער ייד. זשורנאַל", טעגלעכע צייטונג, רעד. א. ריינוויין, 19—1918.

„יידישע אַרבעטער וועלט", שיקאַגאָ, רעד. קלמן מרמר, 1920.

„פרייהייט", ניו־יאָרק, רעד. משה אלגין, 1923—1927.

„טאָג", ניו־יאָרק, רעד. ס. דינגאל (לענגערע אַרבעט), 2־טן — 17־טן יוני, 1945.

„אמר", תל־אביב, רעד. דן פינס, מערץ 3, מיי 19, 1961.

„וועקער", ניו־יאָרק, רעד, ד"ר א. שולמאַן, פעב. 1968, נאָוו. 1968.

„ידיעות", חודש־זשורנאַל פונעם פעדאַגאָגן־ראַט פון די ייד. וועלטלעכע שולן, מיטלמערב קרייז, דעטראָיט, 1928; שותפותע אַרבעט מיט י. ח. פּאַמעראַנץ (שפּעטער ד"ר פּאָמעראַנץ) וועגן פּאַסיקן לייען־מאַטעריאַל לויטן עלטער פון די קינדער אין די קלאַסן.

„קינדער זשורנאַל", ניו־יאָרק, רעד. ש. ניגער, פון 1921 ביז אַרום 1955.

„גרינינקע ביימעלעך", ווילנע, רעד. ש. באַסטאַמסקי, 1928 ביז אָנהייב 30־קער.

„שול־חבר", ווילנע, רעד. ש. באַסטאַמסקי, 1928 ביז אָנהייב 30־קער.

„קינדער צייטונג", ניו־יאָרק, רעד. קאַלעגיום, שפּעטער י. מלאטעק, 1937—1970.

„גרינינקע ביימעלעך", אַרגענטינע: איבערגעדרוקט אַלע מיינע שאַפונגען פאַר קינדער.

„ייד. פּרעסע", אַרגענטינע: איבערגעדרוקט אַלע מיינע שאַפונגען פאַר קינדער.

„שלום", ייד. + העב. קינדער זשורנאַל, אַרגענטינע, פון 1966 אָן.

רעדאַגירט און אײנטײל גענומען מיט אַרבעטן:

„חיפה", זאַמלבוך נומ. אײנס: „פון קלײנעם שטעטל", „בײ די װעגן", „דער װײסער הירש", 1963.

„חיפה", זאַמלבוך נומ. צװײ־דרײ: „דער שמעטערלינג", אַ מעשהלע; לידער: „אין װאַנדער", „געזאַנג פון שניט", „שלאָף"; לידער מיט מוזיק: „זעלדע־קאַפּעלדע", „װיג־ליד". 1965.

„חיפה", זאַמלבוך נומ. פיר: „אַ מעשה מיט זיבן בעטלערס" פון ר' נחמן בראסלאװער; איבערזעצט פון העברעיש — דוד ראַדין; דעם אָריגינאַל אין העברעיש האָט אָנגעשריבן די די אויסטײטשערין און זאַמלערין פון יידישע פאָלק־מעשיות — אֶלישבע שײנפעלד. 1967.

אויסגערעדאַגירט אַ זאַמלונג לידער פון דעם פּריצײטיק פאַרשטאָר־בענעם דיכטער — יוסף סאַקולער ז"ל, ברודער פון ד"ר סאַקולער, כרמל, חיפה. די לידער, אונטערן נאָמען „ירושה" זײנען פאַרעפנטלעכט געװאָרן אין פינף נומערן פון דעם זאַמלבוך „חיפה".

ביכער פון דוד ראַדין

„ווינקאווינקעלע", מעשהלעך אין גראַמען, אילוסטרירט פון נאטע קאזלאָווסקי, פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1935.

„די דריי באַרימער", פאַנטאַסטישע מעשיות, אילוסטרירט פון יצחק ליכטנשטיין, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1940, 248 זייטן.

„טהי טהרי טאל טעיל טעלערס", ענגלישע איבערזעצונג פון „די דריי באַרימער" — רבי אברהם בורסטיין, וועגטיידזש פרעס, ניו־יאָרק, 1952.

„אלעף אוורעמל", אַ מעשהלע פאַר קינדערגאַרטן עלטער, אילוסטרירט פון ראַבערט סטיד, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1946.

„איתן והדב", העברעישע איבערזעצונג פון „אַלעף אוורעמל" דורך דעם דיכטער אלחנן אינדלמאַן, בלוך פּאַבלישינג קאָמפּאַני, ניו־יאָרק, 1953.

„הסמל מאיר לוין", העברעישע איבערזעצונג פון „סארדזשענט מאיר לעווין", וואָס איז געווען געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „טאָג", ניו־יאָרק; הוצאת יהושע צ׳צ׳יק, תל־אביב, 1957.

„דער שמעטערלינג", צוויי הונדערט נומערירטע עקזעמפּלאַרן, פאַרלאַג „חיפה", תל־אביב, 1965.

„יונג און יינגער", לידער און מעשהלעך אין גראַמען, אילוסטראַציעס פון — יונתן, אורות, ישראל, און נאטע קאָזלאָווסקי, ניו־יאָרק, פאַרלאַג, י.ל. פּרץ, תל־אביב, 1970.

„אַ מאָדנע מיידל פון ברוקלין" — צוויי ביכער אין איין באַנד:

א) „שפּרינצע־ווו־בינצע"

ב) „גיריגומבאל דער גרויסער".

ביכער גרייט צום דרוק

געדרוקטער מאַטעריאַל:

1) „טייבעלע"
2) „ברודער און שוועסטער"
3) „די פיר וואָס זיינען געבליבן הענגען"
4) „די מעשה מיט זשוק'"
5) „יו. וו. דעבס" (זיין מעשהלע צו קינדער)
6) „דער וואָלקן" (פון ענגליש)
7) „דער קאַראהאד" (דריי אינסצענירטע מעשהלעך אין גראַמען (פאַר קינדער־באַלעט):
   א) „די באַפרייונג פון די פייגעלעך"
   ב) „דער פוקס און די גענדז"
   ג) „פאַר איך מיר אין דאָרף".

טיילוויז געדרוקטער מאַטעריאַל:

1) „די מענטשן פון בירגומבערג" (ניט פאַר קינדער)
2) „לידער" (ניט פאַר קינדער)

נאָך ניט געדרוקטער מאַטעריאַל:

1) „די באַפרייער" (איינאַקטער פאַר קינדער)
2) „קלאָג און אנקלאָג" (דראַמע אין דריי סצענעס, 5 בילדער)
3) „פון אַמעריקאַנעם פאָלקלאָר"

אין דער אַרבעט:

וואָס איך געדענק (מעמוארן)

אָפּשאַצונגען און קריטיק

וועגן „ווינקאָווינקעלע (1935):

שלמה בערקאָוויטש, פּעדאַגאָג, הויפּט פון די ש״ע שולן אין דעטראָיט. אין שיקאַגאָער „טאָג״, פעב. 5, 1935.

ד״ר י. וו. מאַרקוס, אין שיקאַגאָער „קוריער״, פעברואַר 17, 1935.

דבורה טאַראַנט, דיפּלאָמירטע פּעדאַגאָגין און מחברין פון טעקסט־ביכער, אין „פרייהייט״, מערץ 9, 1935.

יעקב גלאַנץ, דיכטער און עסייאיסט, מעקסיקאָ, אין „האַוואַנער לעבן״, קובאַ, מערץ, 1935.

ל. מילער, דיכטער און שרייבער, אין „פּראָלעטאַרישע דערציאונג״, מאַי, 1935.

שלמה שניידער, שרייבער און לערער, אין „פרייע ארב. שטימע״, אַוגוסט 9, 1935.

י. ברינמאַן, אין „מאָמענט״, סעפּטעמבער 6, 1935.

ש. ניגער, אין פּעדאַגאָגישן זשורנאַל פון די אַרבעטער־רינג־שולן — „אונדזער שול״, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1937.

וועגן „די דריי בערימער״ (1940):

מרדכי יאפע, דיכטער און קריטיקער, אין „פרייע אַרבעטער שטימע״, נאָוועמבער 8, 1940.

ד״ר א. מוקדוני, אין „מאָרגן זשורנאַל״, ניו־יאָרק, נאָוו. 30, 1940.

משה שטאַרקמאַן, פּאָרשער פון יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, אין „טאָג״, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 30, 1940.

וועגן „אַלעף אוורעמל״ (1946):

יודל מאַרק, עטימאָלאָגיסט און פּעדאַגאָג, אין „פּעדאַגאָגישער ביולעטין״, נומ. 8, ניו־יאָרק, סעפּט. 1946.

וועגן „איתן והדב“ און „הסמל מאיר לוין“ (1954 און 1957):

רבקה קוויאטקאָווסקי פּנחסיק, מחברין פון אַ צאָל ביכער: אין „אמר“. יאַנואַר 25, 1963.

וועגן „יונג און יינגער“ (1970):

מ. אליצקי, דיכטער, לערער און עסייאיסט: אין „קולטור און לעבן“, ניו־יאָרק, נאָוו.־דעצ., 1970.
גבריאל וויסמאַן, עסייאיסט, קריטיקער פון קונסט און ליטעראַטור, אין „לעבנס־פראַגן“, תל־אביב, יאַנ.־פעב., 1971.

מוזיק צו לידער פון דוד ראַדין

ג. ל. זאסלאַווסקי: צום באַלעט־טאַנץ „דער פוקס און די גענדז״, אין „קינדער זשורנאַל״, ניו־יאָרק, אין די 20־קער יאָרן.

מ. באַרקאַן: צום קינדערגאָרטן־ליד „מיר מאָלן״ אין „קינדער זשורנאַל״, ניו־יאָרק, מערץ, 1952.

מיכל געלבארט: צו די לידער „כישוף־טאַנץ״, „גלעקעלעך״, „מאַרש־ליד״, אין „לאָמיר, קינדער, זינגען״, אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק, 1925.

אויך —

אין דעם אָפּקלייב אונטערן נאָמען „לידער״ פאַר דעם לערן־יאָר 1942, 1943, פון די ארב. רינג שולן.

הערש וואלאוויטש: צום ליד „אויף שפּאַציר״, אין זיין זאַמלונג „לידער צום זינגען״, פאַרלאַג „מעטראָ״, ניו־יאָרק, 1936.

מ. איווקער: צו „אַ ליד פון אַ שניידער״, אין זיין זאַמלונג „פאָלקס־געזאַנגען פאַר שול און היים״, פאַרלאַג „קונסט״, מעקסיקאָ, 1947.

משה ביק, ישראל: צו די לידער „זעלדע־קאפּעלדע״, „וויג־ליד״, „מיין געזאַנג פון געזאַנגען״, „יוגנט־מאַרש.

(מוזיק נאָך נישט געדרוקט).

לידער און מעשהלעך

— אַריינגענומען אין

זאַמלונגען, טעקסטביכער און כרעסטאמאטיעס

„פריילעכע מעשהלעך", זאַמלונג, רעדאַגירט פון „דודל", פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנא, אין די 20־קער יאָרן; אַריינגענומען די ערשטע דריי סעריעס פון „די דריי באַרימער".

„קינדער־דעקלאַמאַטאָר", צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט פון אהרן הלוי (קאַפּלאַן), היברו פּאַבלישינג קאָ. ניו־יאָרק, 1929, אַריינגענומען: „דער זיידע און דאָס איניקל", „מיין שוועסטערל", און „פויגל, פויערל".

„לעבעדיקע קלאַנגען", כרעסטאמאטיע, רעד. ש. באסטאמסקי און מ. הײמסאן, פאַרלאַג „נײַע יידישע שול", ווילנא, 1928. („מאַרש־ליד").

„אונטער די גרינינקע ביימעלעך", לידער מיט נאָטן, רעד. ש. באַס־טאַמסקי, מוזיק רעד. א. סלעפּ; פאַרלאַג „נײַע ייד. שול", ווילנא, 1931. („מאַרש־ליד").

„וואָרט און בילד", טעקסטבוך, צונויפגעשטעלט — שרה ל. ליבערט, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1933. אַריינגענומען — „אַ ליד אַזאַ", „יאַנקעלע־באַנקעלע".

„מיין אַלעפבייס", רעד. דבורה טאַראַנט, פאַרלאַג „אינט. ארב. ארדן", ניו־יאָרק, 1937. („די קליינע קעכין", „ניי, ניי, ניי!").

„דער נייער אָנפאַנגער", יעקב לעווין, פאַרלאַג היברו פאַב. קאָ. 1945, („די קליינע קעכין", „מינע און נינע").

„דאָס ערשטע לייענביכל", ש. שאפירא, פאַרלאַג „יידישע פאָלקשול", ניו־יאָרק, 1946. („יאַנקעלע באַנקעלע").

„לאָמיר לערנען", לערער־ראַט, פאַרלאַג ייד. פאָלקשול, מעקסיקאָ, 1951.

„פעדאַגאָגישער בולעטין", נומער 195, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1963. „די דריי קינדער וואָס האָבן ניט געקענט לייענען", קינדער־שפּיל לויט דוד ראָדין און ליטמאַן, אינסצענירט פון דוד בערעזער.

אינהאַלט

1) אַ מאָדנע מיידל פון ברוקלין 9
2) גיריגומבאַל דער גרויסער 117
3) קורצע ביאָגראַפישע נאָטיצן 195
4) ביבליאָגראַפיע :
א) ווען און ווו געדרוקט 198
ב) ביכער געדרוקטע 200
ג) ביכער גרייט צום דרוק 201
ד) אָפּשאַצונגען און קריטיק 202
ה) מוזיק צו לידער 204
ו) אַריינגענומען אין לערנביכער 205